STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06944

DI IDISHE GESHIKHTE FAR SHULE UN FOLK

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



משה

ש. דובנאָוו

די אידישע געשיכטע

פאַר שולע און פאָלק

איבערזעצט פון

חיים ליעבערמאַן

— און —

מייטע ליוושיץ

ביבלישע עפּאָכע



מאַקס נ. מייזעל

אידישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאפט

424 גרענד סטריט, ניו־יאָרק.

.1915

Copyright 1915

MAX N. MAISEL
Publisher
NEW YORK

אינהאַלטס־פערצייכניס:

ערשטער קאַפּיטעל

געשיכטען וועגען די אבות פון אידישען פאָלק

§1, דער אוראַלטער מזרח און די סעמיטען. — §2, די בעשאַפונג פון דער וועלט און די מענשען. — §3, אדמ׳ס קינדער. — §4, דער מבול. — §5, דער דור הפלגה. — §6, דער פאָטער פון אידישען פאָלק — אברהם. — §7, די העלדישע מעשים פון אברהם און דער אונטערגאנג פון סדום. — §8, ישמעאל און יצחק. — §9, אברהמ׳ס נסיון, די עקדה.— §10, יצחק׳ס הייראַט. — §11, יצחק און זיינע זיהן. — §12, יעקב אין מעסאָפּאָטאַמיען. — §13, יעקב און זיינע קינדער אין כנען. — §14, יוסף און זיינע ברידער. — §15, יוסף אין מצרים. — §16, יוספ׳ס ברידער אין מצרים. — §17, יעקב׳ס איבערוואנדערונג קיין מצרים. — §18, היסטאָרישע אויספיהרונגען. 7—41.

צווייטער קאַפּיטעל

די אידען אין מצרים

§19, דאָס לעבען אין מצרים. — §20, די קנעכטשאפט אין מצרים. — §21, משה׳ס יוגענד און זיין אנטלויפען אין מדבר. — §22, משה׳ס קאַמפף פאַר בעפרייאונג. — §23, יציאת מצרים, §24, היסטאָרישע אויספיהרונגען. 41—54.

דריטער קאַפּיטעל

די אידען אין מדבר

§25, פון ים־סוף ביז׳ן באַרג סיני. — §26, מתן תורה. — §27, דער עגל. — §28, דער משכן און דער אידישער לאַגער. — §29, די מרגלים, קרח׳ס אויפשטאַנד. — §30, דער דור המדבר. — §31, די עראָבערונג פונ׳ם עבר הירדן. — §32, די חלוקה פונ׳ם עבר־הירדן, משה׳ס טויט. — §33, היסטאָרישע אויספיהרונגען. 54—72.

פערטער קאַפּיטעל

די עראָבערונג פון כנען

§34, דאָס לאַנד און זיינע איינוואוינער. — §35, דער איבערגאַנג איבער'ן ירדן; דער פאַל פון יריחו. — §36, די עראָבערונג פון דרום און צפון כנען. — §37, די חלוקה פון כנען. — §38, די וויסענשאַפט־ליכע ענטדעקונגען. 73—83.

פינפטער קאַפּיטעל

די צייט פון די שופטים

§39, היסטאָרישער איבערבליק. — §40, די ערשטע שופטים. — §41, דבורה הנביאה. — §42, גדעון. — §43, אבימלך. — §44, יפתח. — §45, שמשון הגבור. — §46, דער לעבענספיהר און די זיטען פון די אי־דען. — §47, עלי הכהן. — 83—109.

זעקסטער קאַפּיטעל

שאול'ס קעניגען

§51, די מלחמה מיט די פלשתים. — §52, די מלחמה מיט די עמלקים. — §53, דוד ביי שאול'ן אין הויף. — §54, דער קאַמפּף צווי־שען שאול און דוד'ן. — §55, שאול'ס אונטערגאַנג. — 110—123.

זיבעטער קאַפּיטעל

דוד'ס קעניגען

§56, דוד אין ירושלים; זיינע מלחמות. — §57, דאָס אינוועניגסטע לעבען. — §58, די מרידה פון אבשלום. — §59, דוד'ס לעצטע יאָהרען. — 123—135.

אכטער קאַפּיטעל

שלמה המלך

§60, שלמה'ס ממשלה. — §61, דאָס בויען פון דעם בית המקדש. — §62, דער אויסוועניגסטער גלאַנץ און די אינוועניגסטע אונאָרדנונג. — §63, די צושפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה. — 135—146.

נײנטער קאַפּיטעל

מלכות ישראל און יהודה אין ערשטען יאהרהונדערט נאָך שלמה'ס טויט

§64, ירבעם און רחבעם. — §65, עמרי און אחאב. — §66, אליהו הנביא. — §67, די מלחמות מיט די ארמים. — §68, אחאב'ס קינדער.

אלישע הנביא. — §69, דער אונטערגאנג פון הויז אחאב. יהוא. — §70, עתליה. — §71, יהוא׳ס דינאסטיע אין שמרון און די מלכים פון יהודה. 167—146.

צעהנטער קאפיטעל

דאס געזעלשאפטליכע און גייסטיגע לעבען אין דער צייט פון די צוויי מלוכות

§72, דאס עקאנאמישע און הויזליכע לעבען. — §73, די געזעלשאפט און די מלוכה. — §74, די רעליגיאן. — §75, ליטעראטור. 180—167.

עלפטער קאפיטעל

דער לעצטער יאהרהונדערט פון די צוויי מלוכות

§76, ירבעם דער צווייטער און דער נביא עמוס. — §77, מהומות אין מלכות ישראל ; אשור. — §78 די מלכים עוזיהו און אחז אין יהודה. — §79, דער אונטערגאנג פון מלכות ישראל. — §80, דער קעניג אחז און ישעיה הנביא. — 196—180.

צוועלפטער קאפיטעל

מלכות יהודה אין דער צייט פון דער הערשאפט פון אשור און בבל

§81, חזקיהו. — §82, סנחריב׳ס אנפאל. — §83, דאס פאלען פון דער אמונה אין מנשה׳ס צייטען. — §84, די בענייאונג פון דער רעליגיאן אין יאשיהו׳ס צייטען. — §85, דער קאמפף מיט מצרים ; יהויקים. — §86, יהויקים און ירמיהו הנביא. — §87, די הערשאפט פון בבל ; די געפאנגענשאפט פון יהויכין. — §88, צדקיהו ; די הכנות צום אויפשטאנד. — §89, חורבן ירושלים. — §90, דער נשיא גדליהו ; די פערוויסטונג פון יהודה. — 219—197.

דרייצעהנטער קאפיטעל

גלות בבל

§91, די אידען אין בבל. — §92, דער אונטערגאנג פון בבל און די האפנונג פון די אידען. — §93, שיבת ציון. — 231—219.

פערצעהנטער קאפיטעל

יהודה אונטער דער פערסישער הערשאפט

§94, די אויפלעבונג פון יהודה און דער בית שני. — §95, עזרא הסופר. — §96, נחמיה. — §97, די כנסת הגדולה ; פורים. — §98, די צוזאמענשטעלונג פון דעם תנ״ך.— 244—231.

כראנאלאגיע פון די אידישע מלכים — — — — — — — — — — 245.

אינדעקס — — — — — — — — — — — — — — 250—247.

ליסטע פון בילדער און לאנדקארטען:

I. משה .... פאָדערבלאַט.
II. כנען און דער אוראלטער מזרח 6
III. דער מבול 14
IV. די אידישע קנעכטשאפט אין מצרים............ 44
V. דער בארג סיני.................................. 58
VI. דער משכן און דער אידישער לאגער ארום איהם..... 63
VII. ווי כנען איז געווען צוטיילט צווישען די שבטים.... 80
VIII. אידישע מטבעות און פארצייטיגע אידישע געוועהר... 111
IX. שאול׳ס חרטה.................................. 119
X. דער בית-המקדש................................. 139
XI. מזבח 142
XII. די צוויי אידישע מלוכות......................... 147
XIII. דער טאָל פון ירדן............................. 152
XIV. פארצייטיגע סעמיטישע אָבגעטער.................. 162
XV. ישעיה׳ס טרוים פון אייביגען שלום.............. 195
XVI. ירמיהו קלאָגט אויפ׳ן חורבן..................... 216
XVII. פארצייטיגע אידישע הארפען..................... 222
XVIII. יחזקאל הנביא................................ 224
XIX. סעמיטישע אלף-בית׳ן.......................... 238

ביבלישע עפּאָכע



Copyright 1913 Max N. Maisel publisher

כנען און דער אוראלטער מזרח.

ערשטער קאַפּיטעל.

געשיכטען וועגען די אבות פון אידישען פאָלק.

§1*) דער אוראלטער מזרח און די סעמיטען. אמאָל, אין די גאָר אלטע צייטען, ארום פיער טויזענד יאהר צוריק, האָבען אין אזיען, אין יענע לענדער וואס ליגען ביים מיטעלענדישען ים, געוועלטיגט פעלקער, וואס לויט זייער אבשטאַמונג און שפּראַך האָבען זיי געהערט צו דער סעמיטישער ראַסע. פון די ברייטע סטעפּעס פון אראביען פלעגען די סעמיטישע שבטים איבערוואַנדערען אין דער שכנ׳ישער מעסאָפּאָטאַמיען (ארם נהרים), וועלכע ליגט צווישען די טייכען פרת (Euphrates) און חדקל (Tigris) אין די לעגענדען פון די פעלקער האָט זיך מעסאָפּאָטאַמיען גערעכענט פאר דער „וויגעלע פון דער מענשהייט". ווארום דאָרט זיינען געבאָרען געוואָרען די ערשטע גרויסע קעניגרייכען פון מזרח: בבל און אשור. דאָרטען האָבען זיך די סעמיטען אזוי פערשפּרייט אז מיט דער צייט האָט א גרויסער טייל פון די איינוואוינער פון לאנד זיך מיט זיי איינגאנצען צומישט; די סעמיטישע שפּראַך איז געוואָרען די שפּראַך פון די באבילאָנער און אסיריער און פיעל מלכים פוןביידע קעניגרייכען האָבען געשטאַמט פון סעמיטען.

פון מעסאָפּאָטאַמיען פלעגען די סעמיטישע שבטים אריינדרינגען אין די לענדער, וואס ליגען נעהנטער צום ברעג פון מיטעלענדישען ים. טייל האָבען זיך בעזעצט אין ארם אָדער סיריען, טייל — אין כנען אדער פּאַלעסטינא. מאנכע וואנדערנדע סעמיטישע שבטים פלעגען געהן נאָך ווייטער, אויפ׳ן אפריקאנישען ברעג פונ׳ם מיטלענדישען ים, און זיינען אריינגעדרונגען אין עגיפּטען אָדער מצרים, — די דריטע גרעסטע מלוכה פון אוראלטען מזרח. אין נידריגען און מיטעלען מצרים האָבען די סעמיטען מיט׳ן נאָמען היקסען אפילו געקראָגען די אויבערהערשאפט אי־

*) מיט קלענערע קינדער קען מען אָנהויבען פון §2.

בער די איינוואוינער פון לאַנד. די דאָזיגע הערשאַפט האָט געדויערט עטליכע הונדערט יאָהר (אַרום 1600-2000 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

אויסער די איינזעסיגע סעמיטען, וועלכע זיינען געוואָרען שטענדיגע איינוואוינער אין די פערשיידענע לענדער, זיינען נאָך געווען וואַנדערנדע סעמיטען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט האָדעווען פיה, האָבען געוואוינט אין געצעלטען אויסער די שטעדט און פלעגען וואַנדערען פון אָרט צו אָרט. די איינזעסיגע סעמיטען פלעגען זיך אויסמישען מיט אַנדערע פעלקער, אָבער די וואַנדערנדע סעמיטען פלעגען וואוינען בעזונדער און אַזוי האָבען זיי בעסער אויפגעהאַלטען דעם ריינעם טיפּ (דעם קערפּערליכען און גייסטיגען אויסזעהן) פון זייער ראַסע. צו די דאָזיגע ריינע סעמיטען האָט געהערט דער שבט פון די ע ב ר י ם. די אורעלטערען פון דעם עברים-שבט האָבען צוערשט געוואוינט אין בבל, דערנאָך זיינען זיי אַוועק צו צפון — קיין אַרם, און פון דאַנען האָבען זיי איינגעוואַנדערט אין כנען. אין כנען האָט מען די דאָזיגע גרים אַ נאָמען געגעבען עברים, ד. ה. די וואָס זיינען געקומען מ ע ב ר הנהר, פון אויף יענער זייט טייך (פרת). בראש פון די עברים איז געשטאַנען דער עלטסטער פון דער משפּחה — אברהם. אברהם ווערט גערעכענט פאַר'ן פאָטער פון דעם אידישען פאָלק.

ביי אַלע סעמיטישע פעלקער זיינען געווען אַלטע לעגענדען וועגען דעם, ווי אַזוי עס איז בעשאַפען געוואָרען די וועלט, ווי אַזוי עס האָבען זיך בעוויזען מענשען אויף דער ערד און ווי אַזוי שפּעטער האָבען זיך די מענשען צוטיילט אין בעזונדערע פעלקער. צוערשט האָבען די באַבילאָנער, אַסיריער, אַראַמעער, כנענים און עברים געהאַט די זעלבע לעגענדען און מסורות וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט און די מענשען. אָבער מיט דער צייט האָט יעדעס פאָלק געענדערט די דאָזיגע לעגענדען אויף זיין שטייגער, לויט זיינע בעזונדערע רעליגיעזע בעגריפען און די אומשטענדען פון זיין לעבען. איבערהויפּט האָבען זיי זיך געענדערט ביי יענע עברים פון אברהמ'ס קינדער, וועלכע זיינען צולעצט דערגאַנגען צו אַ גלויבען אין איין גאָט און האָבען זיך אָבגעטיילט פון זייערע קרוב'ישע פעלקער, וועלכע זיינען פערבליבען געצענדיע-

נער און האָבען נעגלויבט אין א סך געטער. די אידישע זאגען וועגען די אורזאלטע צייטען האָבען זיך אויפגעהיט אין די אידישע הייליגע ספרים — אין דעם תנ"ך.

§2. די בעשאפונג פון דער וועלט און די מענשען. אין דעם ספר בראשית, דאס ערשטע פון די אלטע, הייליגע ביכער פון אידישען פאָלק, דערצעהלט זיך ווי אזוי עס האָבען זיך בעוויזען מענשען אויף דער וועלט, ווי אזוי פון די מענשען זיינען געוואָרען פעלקער, און ווי אזוי פון די דאָזיגע פעלקער האָט זיך אויסגעטיילט דאָס אידישע פאָלק.

גאָט האָט בעשאפען דעם הימעל, די ערד און אלץ וואס אויף זיי געפינט זיך אין זעקס טעג. אין אָנהויב איז די ערד געווען וויסט און בעדעקט מיט פינסטערניש. דאן האָט גאָט געזאגט: „יהי אור!" זאָל זיין ליכט, און עס האָט זיך געוויזען ליכט. דאס איז געווען אין ערשטען טאָג פון דער בעשאפונג. דעם אנדערען טאָג האָט גאָט בעשאפען דעם רוים און דעם הימעל. אויפ'ן דריטען טאָג האָט זיך דאָס וואסער אבגעטיילט פון דער יבשה. דאס וואַסער האָט זיך פערזאמעלט אין ימים, אָזערעס און טייכען, און אויף דער יבשה האָבען זיך בעוויזען גראזען, בוימער און אנדערע פלאנצען. אין דעם פערטען טאָג האָבען זיך בעוויזען די ליכטער אויפ'ן הימעל: דאס גרויסע ליכט, די זון, האָט אָנגעהויבען בעלייכטען די ערד בייטאָג, און די קליינע ליכטער, די לבנה מיט די שטערען, האָבען בעלויכטען די ערד ביינאכט. אויפ'ן פינפטען טאָג זיינען ערשינען די ערשטע לעבעדיגע בעשעפענישען: די פישען אין וואסער און די פויגעל אין דער לופט. גאָט האָט זיי געבענשט און צו זיי געזאגט: „פרו ורבו", פרוכפערט זיך און מעהרט זיך. אין דעם זעקסטען טאָג האָבען זיך בעוויזען די פערשיידענע מינים חיות אויף דער יבשה. דעמאָלט איז אויך בעשאפען געוואָרען דאָס העכערע בעשעפעניש — דער מענש. גאָט האָט בעשאפען דעם מענשען פון שטויב פון דער ערד, האָט אריינגעבלאָזען אין איהם א לעבעדיגען גייסט און האָט איהם געגעבען כח און פערשטאנד, ער זאָל קענען הערשען איבער אלע בעשעפענישען פון דער ערד. דער ערשטער מענש האָט זיך גערופען אדם, אלס צייכען אז ער איז בעשאפען געוואָרען פון דער ערד, וואס

איז אויף העברעאיש „אדמה“. און אזוי האָט גאָט אין זעקס טעג בעשאפען די גאנצע וועלט, די גאנצע נאטור — די לעבעדיגע און ניט־לעבעדיגע. אויפ׳ן זיבעטען טאָג, דערצעהלט דער חומש, האָט גאָט גערוהט פון זיין גאנצער ארבייט וואס ער האָט געטהאָן. דעריבער איז דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך, שבת, עד היום ביי אידען א טאָג פון רוה און מנוחה.

אז גאָט האָט בעשאפען דעם מענשען האָט ער איהם בעזעצט אין עדן, א פראכטפולע געגענד אין מזרח, וואָס ווערט בעוואסערט פון פיער טייכען (מעסאפאטאמיען). דאָ האָט אדם הראשון געלעבט אין א גאָרטען אין וועלכען עס זיינען געוואקסען פרעכטיגע פרוכטבוימער. אין מיטען גאָרטען זיינען געוואקסען צוויי בוימער, — איינס האָט געהייסען „עץ החיים“, דאס בוים פון לעבען, דאָס צווייטע — „עץ הדעת“, דאס בוים פון וויסען. און גאָט האָט געזאגט צו אדמ׳ען: „פון אלע בוימער פון גארטען מעגסטו עסען, אבער פון דעם בוים פון וויסען גוטס און שלעכטס זאָלסטו נישט עסען.“

גליקליך און זאָרגלאָז האָט אדם געלעבט אין גן־עדן, אבער ער איז געוועזען איינזאם. דאן האָט גאָט געזאגט: „עס איז ניט גוט דעם מענשען צו זיין אליין. איך וועל בעשאפען א הילף קעגען איהם.“ און איינמאָל, ווען אדם איז שטארק געשלאָפען, האָט גאָט ארויסגענומען א ריפ פון זיין זייט. דעם אפענעם ארט האָט ער פערצויגען מיט פלייש און הויט, און פון דעם ארויסגענומענעם ביין האָט ער בעשאפען די פרוי. און גאָט האָט געבראכט די פרוי צו אדמ׳ען. ווען אדם האָט זי דערזעהן האָט ער געזאגט: „דאס איז ביין פון מיינע ביינער, און פלייש פון מיין פלייש.“ די ערשטע פרוי האָט געקראגען דעם נאָמען חוה, דאָס הייסט, די מוטער פון אלעם לעבעדיגען, און אדם און חוה האָבען געלעבט צוזאַמען אין גן־עדן. זיי האָבען געלעבט גליקליך ווי קינדער, זיינען געגאנגען נאקעט און האָבען זיך גאָר ניט געשעהמט מיט זייער נאקעטקייט.

נאָר דאָס גליק פון די ערשטע מענשען — דערצעהלט דער חומש ווייטער — האָט ניט לאנג געדויערט. די בייזע שלאנג האָט גענומען איינרעדען חוה׳ן צו פערזוכען פון די פרוכט פון עץ־הדעת,

צו וועלכען גאָט האָט פערבאָטען זיך אָנצוריהרען. די שלאַנג האָט פערזיכערט אז ווען די מענשען וועלען פערזוכען די פרוכט פון דעם עץ־הדעת, וועלען זיי וויסען אלץ אין דער וועלט און וועלען פערשטעהן גוטס און שלעכטס גלייך מיט גאָט. חוה האָט ניט געקענט בייקומען איהר נייגעריגקייט און האָט אָבגעריסען עטליכע שעהנע פירות פון דעם פארוועהרטען בוים און האָט זיי אויפגעגעסען. נאָכדעם האָט זי עס געגעבען אדמ'ען — און ער האָט אויך געגעסען. און פּלוצלונג האָט זיך ביי זיי ביידען ווי די אויגען געעפענט, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן דאס, וואס זיי האָבען פריהער ניט פערשטאַנען. זיי האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן אז זיי זיינען נאקעט און זיי האָבען זיך באלד אויפגענייהט גארטלען פון פייגענבלעטער. מורא האָבענדיג פאר דער זינד וואס זיי זיינען בעגאַנגען האָבען זיי זיך בעהאלטען צווישען די ביימער פון גארטען, נאָר באלד האָט אדם דערהערט גאָט'ס קול וואס האָט גערופען: „וואו ביסטו?“ און אדם האָט געענטפערט: „איך האָב געהערט דיין שטים אין גארטען און האָב מיך געפארכט, ווייל איך בין נאקעט און האָב זיך בעהאלטען“. און גאָט האָט געפרעגט: „ווער האָט דיר געזאגט אז דו ביסט נאקעט? צי האָסטו געגעסען פון דעם בוים וואס איך האָב פערזאָגט דו זאָלסט פון איהם ניט עסען?“ און אדם האָט מודה געווען אז ער האָט געגעסען פון די פרוכט, וואס די פרוי האָט איהם געגעבען. חוה האָט זיך פערענטפערט אז די שלאַנג האָט זי איבערגערעדט. דאן האָט גאָט פערשאלטען די שלאַנג, און צו חוה'ן האָט ער געזאגט: „איך וועל גרויס מאכען דיין טרויער; מיט שמערצען וועסטו קינדער געבעהרען און דיין מאן וועט געוועלטיגען איבער דיר.“ און אדמ'ען האָט גאָט געזאגט: „פארפלוכט זאָל זיי די ערד פון דיינעטוועגען. מיט צער וועסטו עסען פון איהר אלע טעג פון דיין לעבען. מיט דעם שוויים פון דיין געזיכט וועסטו עסען ברויט, ביז דו וועסט זיך צורקקעהרען צו דער ערד פון וועלכער דו ביזט גענומען, ווארום דו ביזט שטויב, און צו שטויב וועסטו זיך אומקעהרען“. און אזוי זיינען די מענשען פאר זייער ערשטער זינד פאר'משפט געווארען אויף אייביג צו מיה און ליידען. גאָט האָט מעהר ניט געוואלט לאָזען אדמ'ען און חוה'ן אין עדן, האָט ער זיי פון דארט ארויסגעטריבען.

און זיי האָבען איצט געמוזט בעארבייטען די ערד און לעבען דורך דער מיה פון זייערע הענד.

§3. אדמ׳ס קינדער. אדם און חוה האָבען געהאט צוויי זיהן. דעם עלטערען האָט מען גערופען קין, און דעם אינגערען הבל. קין האָט זיך פערנומען מיט ערד ארבייט און הבל איז געװען א פאסטוך. איינמאָל האָבען ביידע ברידער געבראכט קרבנות צו גאָט; קין האָט געבראכט פאר א מתנה א הויפען פרוכט פון דער ערד, און הבל האָט געבראכט פון די בעסטע שאָף פון זיין סטאַדע. גאָט איז בעסער געפעלען געװען די אויפפיהרונג פון דעם קלענערען ברודער, האָט ער זיך געװענדט צו הבל׳ן און צו זיין מתנה, און צו קינ׳ן און צו זיין מתנה האָט ער זיך ניט געקעהרט. דאָס האָט קינ׳ן שטארק געערגערט און ער האָט דערפיהלט א קנאה צו זיין ברודער. איינמאָל װען די ברידער זיינען געװען אליין אין פעלד איז קין בעפאלען הבל׳ן און האָט איהם דער׳הרג׳עט. דאַן האָט דער זינדער קין דערהערט גאָט׳ס קול: „וואו איז דיין ברודער הבל?“ „איך ווייס ניט“ האָט קין געענטפערט, „השומר אחי אנכי, בין איך מיין ברודער׳ס היטער?“ אבער גאָט, וויסענדיג אלץ, האָט איהם געזאגט: „וואס האָסטו געטהאָן? די שטימע פון דיין ברודער׳ס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד ארויס. אצינד ביסטו פארפלוכט. די ערד וועט דיר מעהר איהרע פרוכט ניט געבען, נע ונד וועסטו זיין און פון קיין רוה וועסטו ניט װיסען“. קין האָט חרטה געקראָגען און געזאגט: „צו גרויס איז מיין זינד צו פערצייהען. אבער דו פארטרייבסט מיך פון מיין לאנד, איך וועל זיך מוזען װאגלען אומעדום און יעדער וואס וועט מיך בעגעגנען קען מיך הרג׳ענען.“ דאַן האָט גאָט ארויפגעלעגט אויף קינ׳ן א צייכען, אז קיינער וואס וועט איהם בעגעגנען זאָל איהם קיין בייז ניט טהאָן.

אין דער געשיכטע פון קין מיט הבל׳ן ווערט פארגעשטעלט דער קאמפף צווישען דעם איינגעזעסענעם ערד־ארבייטער און דעם וואנדערנדען פאסטוך. קינ׳ס קינדער האָבען זיך אלץ מעהר און מעהר איינגעוועהנט צו אן איינגעזעסענעם לעבען אין דערפער און שטעדט. איינער פון קינ׳ס אבשטאמונג, יובל, דער זוהן פון למך, האָט ערפונדען די הארף און די פייפעל, און א צווייטער זוהן

פון למך, תובל קין, האָט ערפונדען די קונסט פון שמיעדען כלים פון קופער און אייזען. חוץ קין'ן און הבל'ן האָט אדם געהאט א דריטען זוהן מיט'ן נאָמען שת. פון איהם איז אויך ארויסגעקו־מען א רייהע דורות. דער מענשליכער מין איז זיך אלץ מעהר און מעהר צעוואקסען, אבער ס'איז נאָך ניט געווען קיין גערעכטער צוזאמענלעבען צווישען די מענשען. אין די בעציהונגען צווישען מענש און מענש איז ניט געווען קיין אמת און יושר, און עס האָט געהערשט נאר די גראבע קראפט. דער שטארקער האָט אונטער־דריקט און בעליידיגט דעם שוואכערען, די מדות פון די מענשען זיי־נען געווען ווילד און פערדארבען.

§4. דער מבול. זעהענדיג די פערדאָרבענקייט פון די ערש־טע מענשען האָט גאָט בעשלאָסען זיי צו פארטיליגען פון דער ערד כדי צו מאכען פלאץ פאר א נייעם און בעסערען מין מענ־שען. אין יענער צייט האָט שוין געלעבט דער צעהנטער דור נאָך אדמ'ן. צווישען זיי איז געווען בלויז איין עהרליכער מענש, מיט'ן נאָמען נח. און גאָט האָט אנטפלעקט צו נח'ן, אז ער וויל אומברענגען אלע בעוואוינער פון דער ערד דורך א מבול אדער פערפלייצונג, און ער האָט איהם געגעבען אן עצה ווי אזוי זיך צו רעטען. „מאך זיך" — האָט גאָט געזאגט צו נח'ן — „א גרויסען, הילצערנעם קאסטען. צוטייל איהם אינווענינג אויף קאמערען און גיה אריין אהין, דו מיט דיין הויזגעזינד, און נעהם מיט זיך אויך אריין צו פּאָר פון יעדער לעבעדיגער בעשעפעניש. דער־נאָך גרייט אן שפּייז פאר דיר, פאר דיין הויזגעזינד און פאר אלע חיות אין דער תבה." און נח האָט אזוי געטהאָן.

באלד נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען דער שרעקליכער מבול: גאנצע פערציג טעג און פערציג נעכט האָט געגאָסען רעגען אָהן אויפהער. די ערד איז בעדעקט געווארען מיט א הויכען וואסער און נח'ס תבה האָט זיך אויפגעהויבען און איז געשוואומען אויפ'ן אויבערפלאך פון דעם וואסער. יעדע לעבעדיגע זאך אויף דער ערד איז אומגעקומען אין דעם מבול. געדעטעט האָבען זיך נאָר די איינוואוינער פון דער תבה. דאן האָבען די רעגענס אויפגע־הערט. דאָס וואסער האָט אנגעהויבען אָבצופאלען, און די תבה האָט זיך אָבגעשטעלט אויף די הויכע בערג אררט. נח האָט גע־

דער מבול.

עפענט דעם פענסטער פון זיין תבה און האָט ארויסגעלאָזט צוערשט די ראב און דערנאָך די טויב. די פויגלען פלעגען אוועקפליהען און קומען צוריק צופליהען, ווארום זיי האָבען ניט געהאט אויף וואס זיך אנידערצושטעלען כל זמן דאָס וואסער איז געשטאנען אויף דער ערד. איינמאָל, ווען די ארויסגעשיקטע טויב האָט זיך מעהר ניט אומגעקעהרט צום קאסטען, האָט נח פערשטאנען אז דער מבול איז פאראיבער און עס האָט זיך געוויזען יבשה. איז ער ארויס פון דער תבה צוזאמען מיט זיין משפחה און האָט אויך ארויסגע־פיהרט די לעבענגעבליבענע חיות. ווען נח איז ארויס פון דער תבה האָט ער אויפגעבויט א מזבח, און האָט געבראכט אויף איהם א קרבן צו גאָט עטליכע חיות, אלס צייכען פון דאנקבארקייט וואס זיי זיינען געראטעוועט געווארען פון דעם מבול. גאָט איז געפעלען געווארען נח׳ס פרומקייט. האָט ער פערשפראכען נח׳ן אז ער וועט שוין מעהר קיין מבול ניט ברענגען אויף דער ערד פאר די זינד פון די מענשען, און האָט אנגעצייגט אויף דעם רעגענבויגען, וועל־בער ווייזט זיך אפטמאָל אין די וואָלקענס נאָך א רעגען, אלס סמן פון אייביגען פריעדען מיט די מענשען. גאָט האָט געבענשט נח׳ן מיט זיינע קינדער און האָט געזאגט צו זיי: „פרוכפערט זיך און מעהרט זיך און פילט אָן די ערד. און אייער מורא און אייער שרעק זאָל זיין אויף אלע חיות פון דער ערד און אלע פויגעל פון הימעל; יעדע זאך וואס לעבט זאָל זיין פאר אייך צום עסען, ווי גרינס און גראז גיב איך אייך דאָס אלץ. נאָר ניט פערגיסט מענש־ליך בלוט, ווארום אין דער געשטאַלט פון גאָט איז דער מענש בע־שאפען.“

§5. **דער דור הפלגה.** נח האָט געהאט דריי זיהן: שם, חם און יפת. זיי האָבען זיך געראטעוועט פון דעם מבול אין דער תבה צוזאמען מיט זייער פאָטער. נאָכ׳ן מבול האָט נח מיט זיינע קינ־דער אָנגעהויבען בעארבייטען די ערד און פלאנצען וויינשטאָקען. מיט דער צייט האָבען נח׳ס זיהן געהאט קינדער און קינדסקינדער און דער מענשליכער מין האָט זיך וויעדער אמאָל אָנגעהויבען פאר־מעהרען. ביסלעכווייז זיינען אויסגעוואקסען צאָלרייכע פאמיליען; די נאָהנטע קרוב׳ישע פאמיליען פלעגען זיך פעראייניגען אין משפחות אדער שבטים. פון אָנפאנג האָבען די שבטים געלעבט

פריינדליך צווישען זיך, ווי איין גרויסע הויזגעזינד, און האָבען אלע גערעדט איין שפראך. געלעבט האָבען זיי גרעסטענטיילס אין טאָל שנער, אין בבל.

איינמאָל — דערצעהלט דער חומש — האָבען די איינוואוינער פון טאָל זיך ענטשלאָסען אויף א געוואנטער זאך. זיי האָבען גענומען בויען א שטאָדט, און אין מיטען שטאָדט האָבען זיי געוואלט אויפשטעלען א הויכען טהורם, וואס זיין שפיץ זאָל דערגרייכען צום הימעל. „דערמיט, — האָבען זיי געזאָגט, — וועלען מיר זיך מאכען א צייכען, מיר זאָלען ניט צושפרייט ווערען איבער'ן גאנצען פון דער ערד". אבער גאָט האָט צושטערט זייער מחשבה. ער האָט צומישט די שפראך פון די אלע מענשען און געמאכט זיי זאָלען רעדען פערשיידענע שפראכען, אזוי אז איינער האָט אויפגעהערט צו פערשטעהן דעם אנדערענ'ס לשון. דערמאָלט האָבען די מענשען געמוזט אבשטעלען דאָס בויען און זיינען זיך צוגאנגען אין פערשיידענע זייטען. די שטאָדט, וועלכע זיי האָבען אָנגעהויבען בויען, האָט מען נאָכדעם גערופען בבל, ד. ה. צומישונג. פון בבל האָבען זיך די מענשען בעזעצט אין פערשיידענע לענדער און אָנגעהויבען צו לעבען אלס בעזונדערע פעלקער. יעדעס פאָלק האָט גערעדט זיין אייגענע שפראך. לויט די אידישע לעגענדען האָבען זיך אלע פעלקער צוצווייגט פון נח'ס דריי זיהן. פון שם זיינען ארויסגעקומען די פעלקער, וואָס האָבען געוואוינט אין מערב־אזיען און וואס ווערען אָנגערופען אויפ'ן נאָמען פון זייער פאטער, סעמיטען; צום ביישפיעל: די אסיריער, אראמעער, אידען און אראבער; פון חם זיינען ארויסגעקומען די מצריים, די כושים, און אנדערע אזיאטישע און אפריקאנישע פעלקער, און פון יפת האָבען אבגעשטאמט די עלטערען פון די אייראָפעאישע פעלקער.

§6. דער פאטער פון אידישען פאָלק — אברהם; די איבערוואנדערונג פון כנען. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך אויסגעשיידט פון דער גאנצער סעמיטישער ראסע אויף פאָלגענדען אופן: איינער פון שמ'ס אבשטאמונג מיט'ן נאָמען תרח האָט געלעבט אין אור, א שטאָדט אין בבל, ער מיט זיינע זיהן, אייניקלעך און אנדערע קרובים. ווען תרח'ן איז שווער געווארען צו וואוינען אין בבל,

האָט ער גענומען אלע זיינע קינדער און אייגענע און האָט איבער־געוואנדערט מיט זיי אין צפון — קיין חרן, דאס לאַנד פון די ארמים. דאָ איז דער אַלטער תרח אין גיכען געשטאָרבען און זיינע אבגעשטאמטע האָבען זיך צוטיילט: די פאמיליע פון זיין זוהן נחור איז געבליבען אין ארם און האָט זיך צומישט מיט די ארמים, אָבער תרח׳ס אנדערער זוהן, אברהם, האָט גענומען זיין ווייב שרה, זיין פלימעניק לוט און אנדערע קרובים, און האָט ארי־בערגעוואנדערט מיט זיי אין שכנ׳ישען כנען (פאלעסטינא). דאָ האָט מען די איינוואנדערער א נאָמען געגעבען עברים, ד. ה. די וואס זיינען געקומען מעבר הנהר, פון אויף יענער זייט טייך. און דער דאָזיגער נאָמען איז געבליבען פאר אלע זייערע שפּעטערדיגע דורות.

אברהם, דער פאטער פון אידישען פאָלק, האָט געגלויבט אין אן אייציגען גאָט, אלהים, דער בעשעפער פון הימעל און ערד. די מסורה דערצעהלט אז גאָט אליין האָט געהייסען אברהמ׳ן געהן קיין כנען, זאָגענדיג צו איהם: „געה דיר פון דיין לאַנד און פון דיין געבורטס־אָרט און פון דיין פאָטער׳ס הויז צו דעם לאַנד וואס איך וועל דיר ווייזען, ווארום דארט וועט פון דיר ארויסקומען א גרויס פאָלק.“

די אידישע איינוואנדערער האָבען זיך אין כנען בעשעפטיגט מיט פיהצוכט. זיי פלעגען וואנדערען איבער׳ן לאַנד און פלעגען אויפשלאָגען זייערע געצעלטען — אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט. ווען דעם גאנצען שבט פלעגט ווערען ענג אויף איין ארט, פלעגען זיי זיך צוטיילען אין גרופּען און זיך בעזעצען אין פערשיידענע ער־טער. אויף דעם אופן האָט זיך פון אברהמ׳ס פאמיליע אָבגעטיילט די פאמיליע פון זיין פלימעניק לוט. ביידע פאמיליעס האָבען געהאט א סך געצעלטען אין גרויסע הערדען שאָף. אָפט פלעגט צווישען די פאסטוכער פון אברהם און לוט פאָרקומען קריעג איבער וווייד. דאן האָט אברהם געזאָגט צו לוט׳ן: „אונז איז ענג צו וואוי־נען צוזאמען, לאָמיר זיך צוגעהן אין בעזונדערע זייטען.“ און לוט האָט אזוי געטהאָן: ער איז אוועק מיט זיינע מענשען און סטאַ־דעס צו די ברעגען פון טויטען ים, וואו עס האָט זיך געפונען די שטאָדט סדום, און אברהם האָט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטען נע־

בען דיזער שטאָדט חברון, ביים פּליין ממרא. דאָ האָט ער געשלאָסען א בונד מיט די דאָרטיגע הערשער פון די אמורים און געלעבט פריעדליך אלס דער עלטסטער, אדער פאטריארך, פון דעם קליינעם וואנדערנדען שבט פון די עברים, אָדער העברעער.

§7. די העלדישע מעשים פון אברהם און דער אונטערגאנג פון סדום. דאס פריעדליכע לעבען פון אברהמ׳ן פלעגט אפט געשטערט ווערען דורך אומגליקען און אונרוהען. איינמאָל איז אין כנען אָנגעשטאנען א הונגער: עס איז ניט געווען קיין ברויט פאר די מענשען און קיין פיטער פאר די פיה. אברהם איז געצוואונגען געווען זיך אריבערצוקלייבען אויף א צייט אין די שכנ׳ישע געגענדען פון מצרים. דאָ איז אברהמ׳ס פאמיליע פארגעשטאנען א גרויסע סכנה: דעם עגיפּטישען קעניג פּרעה איז געקומען א געדאנק צוצונעהמען ביי אברהמ׳ן זיין שעהנע פרוי שרה. און ער האָט זי שוין טאקע געבראכט צו זיך אין פּאלאץ. נאָר דאָ איז פּלוצלונג דער קעניג און זיינע הויזמענשען קראנק געווארען אויף א הויט אויסשלאג: אויפ׳ן לייב ביי זיי זיינען געווארען געשווירען און וואונדען. דער קעניג האָט געזעהן אין דעם א שטראף פון גאָט פאר רויבען א פרעמדע ווייב, האָט ער אָבגעשיקט שרה׳ן צוריק צו איהר מאן און האָט זיי געהייסען פארלאָזען מצרים. האָט אברהם מיט זיין פאמיליע זיך אומגעקעהרט קיין כנען.

אין גיכען האָט אברהם און זיינע מענשען געדארפט מלחמה האלטען מיט די באבילאנער, די הערשער פון אזיען. די מלכים פון סדום און פון נאָך פיער כנענ׳ישע שטעדט אויפ׳ן ברעג פון טויטען ים זיינען געווען אונטערטעניג צו די שטארקע מלכים פון עילם און בבל. איינמאָל האָבען די כנענ׳ישע מלכים מורד געווען און בעשלאָסען מעהר ניט צו זיין אונטערוואַרפען צו די פרעמדע. דאן האָבען די מלכים פון עילם און בבל זיך אריינגעריסען מיט א חיל אין כנען, און זיינען בעפאלען די איינוואוינער פון סדום און די שכנ׳ישע שטעדט. די זיגער האָבען פארנומען א סך רויב און האָבען אויך אוועקגעפיהרט געפאנגען אברהמ׳ס פּלימעניק, לוט, וועלכער האָט געוואוינט אין סדום. ווען אברהם האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער גענומען א מחנה פון עטליכע הונדערט מאן און האָט זיך געלאָזט לויפען נאָכ׳ן שונא. ער האָט זיי אָנגעיאגט אין

דמשק, ארם, האָט בעפרייט לוט'ן און די אנדערע געפאנגענע און האָט אָבגענומען אלץ וואס די באבילאנער האָבען אָנגערויבט אין סדום. דער קעניג פון סדום האָט זיך זעהר דערפרעהט און האָט פּאָרגעלעגט אברהמ'ן ער זאָל זיך, אלס זיעגער, נעהמען די אומגע־קעהרטע רויב. נאָר דער ארענטליכער אברהם האָט געזאָגט: „איך שווער ביי גאָט אז איך וועל ניט נעהמען אפילו א פאָדעם אדער א שוך־בענדעל, חוץ דאָס וואָס איז אוועק אויף שפּייז פאר מיינע קריעגער“. דיעזער נצחון פון אברהמ'ן, זיין עהרליכקייט און גוטס־קייט האָבען זיין נאָמען בעריהמט געמאכט איבער גאנץ כנען.

נאָר עס איז ניט בעשערט געווען אז סדום און די ארומיגע שטעדט זאָלען לאנג דויערען נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך מיט אברהמ'ס הילף בעפרייט פון פרעמדען יאָך. אין יענע שטעדט — דערצעהלט דער חומש — זיינען די מענשען געווען זעהר זינדיג און שלעכט, און זיינען געווען אריינגעטהאָן אין רציחות, רויב און אויסגעלאסענקייט. האָט גאָט אנטפּלעקט אברהמ'ן אז אויף די זינדיגע איינוואוינער פון סדום און די ארומיגע שטעדט וועט אין גיכען קומען א שרעקליכער חורבן. האָט אברהם אָנגעפאנגען צו בעטען גאָט, ער זאָל זיך מרחם זיין אויף די סדום לייט, צווישען וועלכע עס זיינען אפשר פאראן אויך עהרליכע מענשען. און גאָט האָט איהם געזאגט: „אויב איך וועל געפינען אין סדום פופציג עהרליכע לייט וועל איך שוינען די גאנצע שטאָדט פון זייערטוועגען“. אברהם האָט גע'פועל'ט ביי גאָט ער זאָל שוינען די שטאָדט אפילו ווען עס וועלען זיך אין איהר געפינען בלויז צעהן עהרליכע לייט. נאָר אפילו צעהן ארענטליכע מענשען האָבען זיך אויך ניט געפונען אין דער פערדאָרבענער שטאָדט. לוט איז אָנגעזאָגט גע־ווארען וועגען דעם אומגליק וואס דארף קומען אויף סדום, איז ער מיט זיין פאמיליע שנעל אוועק פון שטאָדט. דאן האָבען זיך א גאָס געטהאָן פון הימעל שטראָמען שוועבעל און פייער אויף סדום, עמורה און די ארומיגע שטעדט. די שטעדט זיינען פערברענט גע־ווארען, די מענשען זיינען אומגעקומען, און די גאנצע געגענד איז פערוואנדעלט געווארען אין א טרויעריגער וויסטעניש. (לויט דער לעגענדע איז עס די וויסטעניש וואָס רינגעלט ארום ביז היינטיגען טאָג די ברעגען פון דעם געזאָלצענעם אָדער טויטען ים). לוט

מיט זיין פאַמיליע זיינען אוועק אין די בעז״ג. דאָ האָבען זיינע טעכטער געבאָרען צוויי זיהן: מואב און בן־עמי. די זיהן זיינען געווען די פאָטערס פון די צוויי פעלקער: מואב און עמון, וועלכע זיינען אין שפּעטערע צייטען אויסגעוואַקסען אין בעזונדערע מלוכות, צו מזרח זייט פון ירדן.

§8. ישמעאל און יצחק. אברהם און זיין ווייב שרה זיינען שוין געווען זעהר אַלט און קיין קינדער האָבען זיי נאָך ניט געהאַט. לויט דעם מנהג פון די מזרח לענדער האָט אברהם גענומען נאָך א ווייב, איינע פון זיינע דיענסטען, די עגיפּטין הגר. הגר האָט איהם געבאָרען א זוהן מיט׳ן נאָמען ישמעאל, נאָר ניט דעם זוהן איז בעשערט געווען צו ווערען דער יורש פון אברהמ׳ן און דער פאַטריאַרך פון דעם שבט עברים. ווארום ווען אברהם איז שוין כמעט הונדערט יאהר אַלט געווען — דערצעהלט דער תנ״ך — האָט איהם גאָט אָנגעזאָגט אַז אין גיכען וועט ביי איהם געבאָרען ווערען א זוהן פון שרה׳ן. אברהם האָט זיך געוואונדערט און געטראַכט: צי קענען ביי א הונדערט יעהריגען זקן געבאָרען ווערען קינדער, און צי קען די ניינציג יעהריגע שרה נאָך געבעהרען? געלאַכט האָט אויך שרה, ווען איינמאָל זיינען צו זיי אין געצעלט געקומען דריי געהיימניספּולע וואַנדערער און האָבען איהר פּאַראויסגעזאָגט אַז אין א יאהר ארום וועט זי האלטען אויף די הענד איהר אייגענעם זוהן. אָבער די נבואה איז מקוים געוואָרען: אין א יאָהר ארום האָט שרה געבאָרען א זוהן, וועלכען מען האָט א נאָמען געגעבען יצחק. אויפ׳ן אַכטען טאָג האָט מען דאס קינד מל געווען. דאָס זעלבע האָבען נאָך פריהער געטהאָן אברהם און אלע זכרים פון זיין פאַמיליע, אלס סמן פון אייביגען בונד צווישען גאָט און דעם אידישען פאָלק. פון יענער צייט אָן ווערט דאָס זעלבע געטהאָן ביז היינטיגען טאָג מיט אלע ניי געבאָרענע אינגלעך ביי אידען.

אין זיין קינדהייט פּלעגט יצחק ליעב האָבען זיך שפּיעלען מיט זיין ברודער ישמעאל׳ן. אָבער שרה׳ן איז ניט געפעלען געווען וואס איהר זוהן און דער זוהן פון דער דיענסט ווערען אויפגעצויגען ווי צוויי גלייכע יורשים פון אברהמ׳ן. האָט זי געפאָדערט פון איהר מאַן, ער זאָל ארויסטרייבען פון זיין הויז ישמעאל׳ן און זיין מוטער הגר. אברהמ׳ן האָט זעהר באַנג געטהאָן וואס ער דאַרף

בעליידיגען ישמעאל'ן, נאר ער האט גענומט טהאן שרה'ס פערלאנג. האט ער געהייסען הגר'ן אוועקגעהן מיט ישמעאל'ן פון זיין הויז, און האט איהר געגעבען אויפ'ן וועג ברויט און א לאגעל מיט וואסער. הגר איז מיט איהר זוהן אוועק אין מדבר און האט דארט פערבלאנדזעט. דאס וואסער פון לאגעל האט זיך אויסגעלאזט און זיי האבען ניט געהאט וואס צו טרינקען. דאן האט הגר איבערגעלאזט איהר קינד אונטער א קוסט און האט געזאגט: „איך וויל ניט זעהן ווי אזוי מיין קינד וועט אויסגעהן פון דורשט". און אליין האט זי זיך געזעצט פון ווייטענס און האט זיך ביטער צעוויינט. פלוצלונג האט זי דערהערט די שטימע פון א מלאך פון גאט: „וואס איז דיר, הגר? ניט האב קיין מורא: גאט האט דערהערט די שטימע פון דיין קינד. הויב אויף דיין זוהן און פיהר איהם פאר דער האנד, ווארום איך וועל איהם מאכען פאר א גרויס פאלק." הגר האט אויפגעהויבען די אויגען און האט באלד דערזעהן א ברונען מיט וואסער. זי איז אוועק, האט אנגעפילט דעם לאגעל מיט וואסער און האט אנגעטרונקען איהר זוהן. ישמעאל איז געבליבען וואוינען אין מדבר. ער איז געווארען א פלינקער רייטער און בויגענשיסער. די קינדער און אבגעשטאמטע פון ישמעאל'ן האבען אומגעוואנדערט אין דעם אראבישען מדבר צו דרום זייט פון פאלעסטינא. ישמעאל ווערט גערעכענט פאר דעם פאטער פון די אראבער.

§9. אברהמ'ס נסיון, די עקדה. אין יענער צייט האט זיך אברהם איבערגעצויגען פון חברון אין דער שטאדט גרר, אין דרום־מערב פון פאלעסטינא. לעבענדיג דא צווישען געצענדיענער איז ער דאך געבליבען טריי דעם גלויבען אין אן איינציגען גאט. איינמאל האט גאט געוואלט אויספרובען אברהמ'ן און האט צו איהם געזאגט: „נעהם דיין זוהן, דיין איינציגען, וואס דו האסט ליעב, יצחק'ן, און געה אין דעם לאנד מוריה, און ברענג מיר איהם דארט פאר א קרבן אויף איינעם פון די בערג וואס איך וועל דיר זאגען."

שווער איז געוועזען אברהמ'ן צו דערפילען דעם דאזיגען פערלאנג פון גאט, אבער ער האט ניט געוואלט עובר זיין אויף גאט'ס ווארט. איז ער אויפגעשטאנען בעגינען צו טאגען, האט אנגעזאטעלט זיין עזעל, האט מיטגענומען יצחק'ן און זיך געלאזט אין וועג

אריין צום אָנגעצייגטען אָרט. יצחק האָט געמיינט אז זיין פאטער וועט ברענגען פאר א קרבן א שעפּס אדער א באראַן. ווען אברהם האָט שוין צוגעגרייט אלץ צו ברענגען דעם קרבן, האָט איהם יצחק געפרעגט: „אָט איז דאָס פייער און דאָס האָלץ, און וואו איז דער שעפּס פאר דער עולה?" אברהם האָט שווייגענדיג גענומען זיין זוהן און איהם געבונדען, האָט איהם אוועקגעלעגט אויפ'ן מזבח אויף דעם האָלץ, און האָט שוין אויסגעשטרעקט זיין האנט מיט'ן מעסער, נאָר אין דעם אויגענבליק האָט ער דערהערט א קול פון הימעל: „אברהם, אברהם, זאָלסט ניט אויסציהען דיין האנט צום אינגעל און זאָלסט גאָר ניט טהאָן צו איהם. איצטער ווייס איך אז דו ביסט גאָטספאָרכטיג, ווען דו האָסט ניט פערמיטען פון מיר אפילו דיין איינציגען זוהן". ווען אברהם האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען, האָט ער דערזעהן ניט ווייט א באראַן, וועלכער האָט זיך פארפּלאָנטערט מיט די הערנער אין די קוסטעס. דער גליקליכער אברהם האָט ארונטערגענומען זיין זוהן פון דעם מזבח און אנ־שטאט איהם האָט ער געבראַכט דעם באראַן פאר א קרבן צו גאָט. גאָט האָט ניט געוואלט קיין מענשליכע קרבנות, אזוי ווי עס פלעגען אין יענער צייט ברענגען די היידנישע איינוואוינער פון כנען לכבוד זייערע געצען. מיט דער עקדה האָט ער נאָר געוואלט אויס־פּרובען זיין ליעבלינג, אברהמ'ן, און ער האָט זיך איבערצייגט, אז דער אידישער פּאטריארך איז איהם איבערגעגעבען מיט דער גאַנ־צער נשמה און איז גרייט צו אָפּפערען אלץ אבי נאָר צו דערפילען דעם רצון פון גאָט.

§10. **יצחק'ס הייראט.** שרה, אברהמ'ס ווייב, איז גע־געשטאָרבען אין עלטער פון הונדערט און זיבען־און־צוואנציג יאהר. אברהם האָט ביטער בעקלאָגט זיין ווייב און האָט זי מקבר געווען נעבען חברון, אין דער מערת המכפלה, אויף א חלק ערד, וואס ער האָט געקויפט ביי די חתים. נאָכדעם האָט דער אלטער פּאטריארך גענומען טראַכטען וועגען געפינען א ווייב פאר יצחק'ן. האָט ער צוגערופען זיין געטרייען דיענער און הויז־פיהרער, אליעזר, און האָט איהם געזאָגט: „שווער מיר אז דו וועסט ניט נעהמען פאר מיין זוהן א ווייב פון די כנען'ישע טעכטער, צווישען וועלכע מיר וואוינען, נאָר דו וועסט געהן אין מיין געבורטס־לאנד און דאָרט

ווענסטו אויסקלייבען א ווייב פאר מיין זוהן.‟ אליעזר האט גע־שוואוירען, האט גענומען צעהן קעמלען, האט זיי אָנגעלאָדען מיט אלדאס גוטס און איז אוועק קיין ארם, ד. ה. מעסאָפּאָטאמיען. אין א קורצער צייט ארום איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָדט וואו עס האָבען געוואוינט אברהמ׳ס קרובים, פון זיין ברודער נחור׳ס צד.

הינטערן שטאָדט, ביים ברונען, האט זיך אליעזר אָבגעשטעלט מיט זיינע קעמלען. דער טאָג האט זיך שוין געניינגט צום אונטער־געהן און עס האט זיך דערנעהנטערט די שטונדע ווען די מיידלעך פון שטאָדט פלעגען ארויסגעהן צום ברונען שעפּען וואסער. אליעזר איז געבליבען ווארטען ביז די מיידלעך וועלען ארויסקומען, און האט ביי זיך אזוי בעשלאָסען: „איך וועל בעטען איינע פון זיי מיך אָנצוטרינקען, און אויב זי וועט אָנטרינקען ניט נאָר מיך, נאָר אויך מיינע קעמלען, וועל איך וויסען אז די האט גאָט בעשערט פאר א ווייב צו יצחק׳ן.‟ פּלוצלינג איז אָנגעקומען א יונגע מיידעל מיט א קרוג אויף איהר אקסעל. זי איז ארונטער צום ברונען, האט אָנגעשעפּט דעם קרוג מיט וואסער און האט גענומען ארויפגעהן. איז איהר אליעזר אנטקעגען געלאָפען און האט איהר געזאָגט: „לאָז מיר זיך אָנטרינקען פון דיין קרוג‟. דאס מיידעל האט שנעל ארונטערגעלאזען דעם קרוג פון אקסעל, האט געגעבען אליעזר׳ן זיך אנטרינקען און האט געזאגט: „איצט וועל איך אויך אָנשעפּען פאר דיינע קעמלען צו טרינקען‟. און אראפּלאזענדיג זיך ווידער צום ברונען האט זי אָנגעשעפּט וואסער פאר די קעמלען. מיט ליעבשאפט האט אברהמ׳ס טרייער דיענער געקוקט אויף דער גוטער מיידעל. ווען זי האט אָנגעטרונקען אלע קעמלען, האט ער ארויסגענומען א גאָלדענעם אויררינגעל און צוויי פינגערלעך, האט עס דערלאנגט דער מיידעל, און האט איהר געפרעגט: „זאָג מיר וועמעס טאָכטער ביסטו, און צי איז אין דיין פאָטער׳ס הויז פאראן א פלאץ פאר אונז איבערצונעכטיגען?‟ דאס מיידעל האט געענטפערט, אז זי איז רבקה, די טאָכטער פון בתואל און אן איי־ניקעל פון נחור, און אז עס איז אין זייער הויז פאראן ארט צו נעכ־טיגען און גענוג שפּייז פאר די פיה.

דאָ איז רבקה אוועקגעלאָפען אהיים און האט דערצעהלט איהר מוטער וועגען אלץ וואס איז געשעהן. איז רבקה׳ס ברודער, לבן,

אַרויס אליעזר׳ן אנטקעגען און האָט איהם געבראַכט אין הויז פון זיינע עלטערען. אליעזר איז געוועזן געריהרט פון דיזער גאסטפריינדשאפט און האָט דערצעהלט רבקה׳ס עלטערען און איהר ברודער דעם צוועק פון זיין קומען, און האָט ערקלערט, אז גאָט אליין, זעהט אויס, האָט בעשטימט רבקה׳ן צו זיין די ווייב פון איהר קרוב יצחק׳ן. און בתואל און לבן האָבען געענטפערט: „אָט איז רבקה פאר דיר, נעהם זי און זאָל זי זיין די ווייב פון דעם זוהן פון דיין האר“. אליעזר האָט ארויסגענומען די זילבערנע און גילדערנע חפצים און קליידער און האָט געגעבען דער כלה, איהר מוטער און איהר ברודער. אויף מאָרגען האָבען די עלטערען געבענשט רבקה׳ן און זי געלאָזט געהן מיט אליעזר׳ן קיין כנען. ווען אליעזר און רבקה זיינען צוגעפאהרען צום ארט וואו עס זיינען געשטאַנען אברהמ׳ס געצעלטען, האָבען זיי בעגעגענט יצחק׳ן אין פעלד. ווען רבקה האָט זיך דערוואוסט ווער דאס איז האָט זי גענומען א טוך און פארדעקט איהר געזיכט. נאכער האָט יצחק אריינגעפיהרט רבקה׳ן אין געצעלט פון זיינע עלטערען און זי איז געווארען זיין ווייב, און ער האָט זי ליעב געקראָגען. אברהם האָט נאָכדעם געלעבט נאָך א קורצע צייט און איז געשטארבען אין טיעפען אלטער, צו הונדערט און פינף־און־זיעבציג יאהר. מען האָט איהם מקבר געוועזן נעבען שרה׳ן אין דער מערת המכפלה, ביי חברון.

§11. **יצחק און זיינע זיהן.** נאָך אברהמ׳ס טויט איז יצחק געווארען דער עלטסטער, אדער פאטריארך, פון דעם אידישען שבט. ער האָט אויך געוואוינט אין דרום־כנען, און האָט זיך בעשעפטיגט ניט נאָר מיט פיהצוכט, נאָר אויך מיט ערדארבייט. פון זיין פרוי רבקה האָט יצחק געהאט צוויי זיהן, א צווילינג. דעם ערשטען האָט מען גערופען עשו, און דעם אנדערען — יעקב. ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואקסען, האָט מען אָנגעהויבען בעמערקען אז זיי אונטערשיידען זיך איינער פון אנדערען אין זייערע נייגונגען. עשו האָט ליעב געהאט די יאגד און איז געוועזן א מענש פון פעלד, און יעקב האָט ליעב געהאט דאס רוהיגע לעבען פון דעם פאסטוך און איז געוועזן א הויז־זיצער, א יושב אהל.

איינמאָל האָט זיך עשו צוריקגעקעהרט פון יאגד א מיעדער און

א הונגעריגער. דערזעהענדיג ביי יעקב'ן א געקעכטס פון לינזען, האָט ער איהם געבעטען ער זאָל דאָס איהם געבען צו עסען. און יעקב האָט איהם געזאָגט: „פארקויף מיר דערפאר די בכורה". (עשו האָט זיך גערעכענט פאר'ן עלטערען ברודער, און דער עלטע־רער האָט נאָכ'ן פאָטער'ס טויט געדארפט ווערען דער עלטסטער פון דער פאמיליע). עשו האָט געענטפערט: „איך בין טויט הונגע־ריג, אויף וואס דארף איך די בכורה?" און יעקב האָט געגעבען זיין ברודער זאָט אָבצועסען און עשו'ן האָט גאָר ניט באנג געטהאָן וואס ער האָט פערקויפט זיין רעכט אויף דער בכורה פאר א טאָפּ לינזען. נאָר יצחק האָט עס אזוי ווי ניט בעמערקט, און האָט זיך אויך ווייטער פערהאלטען צו עשו'ן אזוי ווי צום ערשטען זוהן. עשו פלעגט אפט ברענגען פון יאגד פרישען פאנג, פלעגט צוגרייטען דערפון געשמאקע מאכלים און עם אונטערטראָגען זיין פאטער; ער איז גע־ווען יצחק'ס ליעבלינג, און דער בעשיידענער יעקב איז געוועזן דער מוטער'ס ליעבלינג.

ווען יצחק איז געווארען אלט און איז שוין כמעט בלינד גע־ווען, האָט ער איינמאָל צוגערופען עשו'ן און איהם געזאָגט: „מיין זוהן, אָט בין איך שוין אלט און איך וויים ניט דעם טאָג פון מיין טויט. נעהם דיין בויגען, געה אין פעלד, פאנג פון מיינעטוועגען א חיה און גרייט מיר צו מיין בעליעבטע שפייז, און איך וועל דיך בענשען איידער איך שטארב." רבקה האָט געהערט יצחק'ס ווער־טער און איהר האָט באנג געטהאָן וואס די פאָטערליכע ברכה וועט אָנקומען עשו'ן און ניט איהר ליעבלינג יעקב'ן. האָט זי עס דערצעהלט יעקב'ן און האָט איהם אן עצה געגעבען ער זאָל אויסנארען פון דעם פאטער די ברכה פריהער פון דעם ברודער. אויף דער מוטער'ס ראָט האָט יעקב גלייך געבראכט פון דער סטאָדע צוויי ציגעלעך און פון זייער פלייש האָט רבקה געמאכט יצחק'ס בעליעבטען מאכל. דערנאָך האָט זי אָנגעטהאָן יעקב'ן עשו'ס יאגד־קליידער, האָט איהם בעדעקט די הענט און די האלז מיט דער פעל פון די ציגעלעך, (ווארום עשו איז געוועזן א האריגער) און האָט איהם געהייסען אב־טראגען צום פאטער די צוגעגרייטע שפייז. און יעקב איז געקומען צום פאָטער און געזאָגט: „אָט בין איך, דיין עלטערער זוהן עשו. איך האָב געטהאָן וואס דו האָסט מיר געהייסען. אצינד עס אָב און

בענש מיך." דער בלינדער יצחק האָט ארומגעטאפּט זיין זוהן און מיט פערוואונדערונג געזאָגט: „הקול קול יעקב, והידים ידי עשו, דער קול איז יעקב'ס, און די הענד—עשו'ס". דער אלטער האָט פונדעסטוועגען געגלויבט אז פאר איהם שטעהט עשו און האָט איהם געבענשט אזוי: „גאָט זאָל דיר געבען פון דעם טוי פון הימעל און פון די פעטקייט פון דער ערד, און פיעל קאָרן און וויין; עס זאָלען דיר דיענען פעלקער, און עס זאָלען זיך בוקען צו דיר קעניגרייכען, און זיי א האר צו דיינע ברידער." ווי נאָר יעקב איז ארוים האָט זיך עשו אומגעקעהרט פון דער יאגד, האָט צוגעגרייט שפּייז פון זיין פאנג און האָט עס געבראכט דעם פאָטער. יצחק האָט זיך דערשראָקען און געפרעגט: „ווער־זשע איז דאָ פריהער געוועזען און האָט צוגענומען ביי מיר די ברכה?" עשו האָט פערשטאַנען אז זיין ברודער איז איהם פערלאָפּען דעם וועג און ער האָט אויסגערופען אין פערצווייפלונג: „פאָטער, צי האָסטו דען נאָר איין ברכה? בענש מיך אויך." און יצחק האָט געזאָגט: „איך האָב שוין יעקב'ן געבענשט אז ער זאָל זיין א האר איבער זיינע ברידער; און דיר וועל איך ווינשען אז דו זאָלסט זיך פערטיידיגען מיט דיין שווערד, און ווען דיין ברודער'ס הערשאפט וועט דיר ווערען שווער, וועסטו מיט מאכט אראבווארפען זיין יאָך פון דיין האלז." פון דעמאָלט אָן האָט עשו געטראָגען א שנאה צו זיין ברודער יעקב'ן. „ער האָט צוערשט אויסגענארט ביי מיר די בכורה, און נאכהער אויך די ברכה וואס איז געוועזען בעשטימט פאר מיר", האָט זיך עשו גע־קלאָגט. און ער האָט בעשלאָסען צו הרג'ענען יעקב'ן אזוי שנעל ווי דער פאטער וועט שטארבען. דערוויסענדיג זיך פון עשו'ס מחשבה, האָט רבקה גערופען יעקב'ן און איהם געזאגט: „אנטלויף צו מיין ברודער לבן אין חרן, און פערבלייב דארט ביז עס וועט גע־שטילט ווערען דער צאָרן פון דיין ברודער." יצחק האָט אויך גע־ראָטען יעקב'ן ער זאָל געהן צו לבנ'ן קיין מעסאפּאָטאמיען און דארט זיך געפינען א ווייב פון דער אייגענער משפחה. יעקב האָט אזוי געטהאָן און האָט זיך אוועקגעלאָזט אין וויטען וועג אריין.

§12. **יעקב אין מעסאָפּאָטאַמיען.** לאַנג איז יעקב גע־נאנגען פון כנען קיין מעסאפּאטאמיען. אין איין ארט אין מעסאָ־פּאטאמיען, וואו עס האָט איהם פערכאפּט די נאכט, האָט דער וואנ־

דערער זיך געלעגט שלאָפען און צוקאָפּענס האָט ער זיך געלעגט א שטיין, און ער האָט געזעהן א וואונדערליכען חלום: עס שטעהט א לייטער, וואס זיין שפּיץ דערגרייכט ביז'ן הימעל, און מלאכים געהען אויף איהם אראב און ארויף. און ער האָט דערהערט א שטימע פון גאָט: „איך בין מיט דיר און וועל דיך היטען איבעראל, און נאָכדעם וועל איך דיר אומקעהרען צו דיין פאטערלאנד." יעקב האָט זיך אויפגעכאפּט און זיך געפרעהט איבער דעם פיעל פער־שפּרעכענדען חלום. דעם שטיין אויף וועלכען ער איז געשלאָפען האָט ער אוועקגעשטעלט פאר א דענקמאל, כדי, ווען ער וועט זיך אומקעהרען אהיים, זאָל ער אויף דעם הייליגען ארט אויסבויען א הויז צו גאָט. אין שפּעטערע צייטען איז אויף דעם דאָזיגען ארט געגרינדעט געווארען די אידישע שטאָדט בית־אל (גאָט'ס הויז).

נאָך לאנגע וואנדערונגען איז יעקב אָנגעקומען צו א פעלד. אין מיטען פעלד איז געשטאַנען א ברונען און ארום ברונען זיינען געווען אויסגעלעגט פאסטוכער מיט זייערע סטאדעס שאָף. דאס איז געווען א פעלד נעבען חרן. די פאסטוכער האָבען יעקב'ן דער־צעהלט אז זיי קענען זיין פעטער לבנ'ן. דערווייל איז אין פעלד אָנגעקומען רחל, לבנ'ס איינגערע טאָכטער, אָנצוטרינקען איהרע שאָף. דער ברונען איז געווען צוגעדעקט מיט א גרויסען שטיין, און פאר דער יונגער מיידעל איז שווער געווען דעם שטיין אראב־צונעהמען. ווען יעקב האָט פון די פאסטוכער דערהערט ווער די מיידעל איז, איז ער צוגעלאָפען צום ברונען, האָט אראבגעווארפען דעם שטיין און האָט אָנגעטרונקען רחל'ס שאָף. דאן האָט ער איהר געזאגט אז ער איז איהר שוועסטערקינד, און ער האָט זי געקושט און איז געווען אזוי גערירט פון דער בעגעגעניש, אז ער האָט זיך צע־וויינט. רחל איז געלאָפען אהיים, און באלד איז געקומען איהר פא־טער. לבן האָט מיט פרייד בעגעגענט זיין פלימעניק און איהם געבראכט אין זיין הויז. און יעקב איז פערבליבען צו וואוינען אין לבנ'ס הויז.

אויסער רחל'ן האָט לבן געהאט נאָך אן עלטערע טאָכטער, לאה. לאה האָט געהאט שוואכע אויגען, אבער רחל איז געווען זעהר א שעהנע. יעקב האָט ליעב געקראָגען רחל'ן און האָט געזאגט צו לבנ'ן: „איך וועל דיר דיענען זיבען יאהר, אויב דו וועסט מיר גע־

בען פאר א ווייב דיין אינגערע טאָכטער רחל.״ לבן האָט איינגע־
שטימט און יעקב האָט אבגעדיענט ביי זיין פעטער זיבען יאהר.
ער האָט געפיטערט זיינע סטאדעס ביי טאָג און זיי געהיט ביי
נאכט; ער האָט פלייסיג געארבייט פאר זיין געליעבטער רחל, און
די זיבען יאהר דיענסט זיינען פאר איהם פערלאָפען ווי עטליכע
טעג. נאָר לבן האָט אבגענארט זיין פלימעניק. ווען די זיבען
יאהר זיינען אוועק האָט ער אנשטאט רחל׳ן איהם געגעבען פאר
א ווייב איהר עלטערע שוועסטער לאה. ווען יעקב האָט זיך בע־
קלאָגט אויף דער דאָזיגער רמאות, האָט איהם לבן געזאָגט: „עס
איז ביי אונז ניט אָנגענומען אויסצוגעבען די אינגערע שוועסטער
פאר דער עלטערער; דיען ביי מיר נאָך זיבען יאהר און איך וועל
דיר געבען רחל׳ן אויך.״ יעקב איז פערבליבען דיענען, און אויף
אזא אופן האָט ער געקראָגען צוויי ווייבער. די ניט געליעבטע
ווייב לאה האָט געהאט א סך קינדער; זי האָט געבאָרען זעקס
זיהן: (ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר און זבולן) און א טאָכ־
טער (דינה). רחל אבער האָט קיין קינדער ניט געהאט און דאס
האָט איהר פערשאפט פיעל צער. ערשט אין א לאנגער צייט ארום
האָט זי געהאט א זוהן, יוסף. לויט דעם מנהג פון די מזרח־לענ־
דער האָט יעקב געהאט נאָך קינדער פון זיינע צוויי דיענסטען,
בלהה און זלפה. די ערשטע האָט געהאט צוויי זיהן: דן און נפתלי
און די אנדערע — אויך צוויי: גד און אשר.

ווען ביי יעקב׳ן איז שוין געווארען א גרויסע געזינד האָט ער
ערקלערט לבנ׳ן אז ער וויל זיך צוריקקעהרען אהיים, אין כנען.
אבער לבן האָט איהם ניט געוואלט אוועקלאָזען, ווייל יעקב האָט
גוט געוואוסט ווי צו האָדעווען פיה און האָט שטארק פערמעהרט
די סטאדעס פון זיין האר. לבן האָט דעריבער איינגערעדט יעקב׳ן
צו בלייבען, און האָט איהם צוגעזאָגט פערשיידענע הבטחות. לבן
האָט געשענקט יעקב׳ן א טייל פון זיינע סטאדעס, און אין עטליכע
יאהר ארום איז יעקב געווען זעהר רייך אין שאָף, ציגען, קעמלען
און אויך קנעכט און דיענסטען. אבער לבן האָט אלץ ניט געלאָזט
יעקב׳ן אוועקגעהן. האָט איינמאָל יעקב גענומען זיינע ווייבער,
זיינע קינדער, זיינע קנעכט און סטאדעס און איז בשתיקה מיט
זיי אוועק. די אנטלאָפענע זיינען שוין געווען אריבער דעם טייך,

ווען לבן מיט זיינע מענשען האבען זיי פלוצלונג אנגעיאגט. לבן האט געשטראפט יעקב׳ן פאר וואס ער האט זיך ארויסגע׳גנב׳עט, נאר יעקב האט איהם געענטפערט, אז ער האט איהם געטריי גע־דיענט צוואנציג לאנגע יאהר, און אז איצט וויל ער זיך שוין אומ־קעהרען אהיים מיט זיין פאמיליע און מיט זיין עהרליך אנגעלעבטען פערמעגען. נאך לאנגע וכוחים זיינען זיך יעקב און לבן צוגאנגען. זיי האבען אויפגעשטעלט נעבען ירדן א בערגעל פון שטיינער, כדי אבצוצייכענען די גרעניצען פון זייער ערד, און האבען זיך גענג־בען א שבועה קיינמאל איינער דעם אנדערען ניט טשעפען. דאן האט זיך לבן אומגעקעהרט קיין מעסאפאטאמיען, און יעקב האט זיך געלאזט קיין כנען.

§13. יעקב און זיינע קינדער אין כנען. צוריקקעהרענ־דיג צו זיין געבארנלאנד, האט יעקב בערעכענט אז איהם וועט אויסקומען זיך צו בעגעגנען מיט זיין ברודער עשו׳ן, פון וועל־כען ער איז אמאל אנטלאפען, און ער האט געוואלט שלום מאכען מיט איהם. האט ער געשיקט פאראויס שלוחים צו עשו׳ן, וועלכער האט געוואוינט אויף׳ן בארג שעיר, איהם צו בעטען צו שליסען פריעדען מיט איהם. נאר די שלוחים זיינען באלד געקומען צוריק און געמאלדען, אז עשו געהט שוין אנטקעגען זיין ברודער און מיט איהם געהען פיער הונדערט מאן. יעקב האט זיך שטארק דערשראקען און האט מתפלל געוועזן צו גאט ער זאל איהם בעשי־צען. דאן האט ער צוטיילט זיינע מענשען און סטאדעס אויף צוויי מחנות. פון פארנט האט ער געשטעלט די קנעכט און דיענס־טען און אייניגע סטאדעס, וועלכע ער האט בעשטימט פאר א מתנה עשו׳ן, און הינטען זיינען געגאנגען יעקב׳ס ווייבער און קינדער מיט׳ן איבעריגען צוג. ווען עשו איז שוין געווען גאר נאהנט איז יעקב ארויסגעטראטען פאראויס און האט זיך זיבען מאל פארנייגט פאר איהם צו דער ערד. עשו איז שטארק געריהרט גע־ווארען פון זיין ברודער׳ס אונטערטעניגקייט, און ער האט איהם ארומגענומען און געקושט און זיי האבען זיך ביידע צעוויינט. די אלטע שנאה איז פערגעסען געווארען. עשו האט זיך פון אנפאנג ענטזאגט אנצונעהמען די מתנות פון דעם ברודער, נאר יעקב האט איהם שטארק געבעטען און ער האט זיי גענומען. דאן האבען זיך

די ברידער צושיידט. עשו איז אוועק צוריק אין שעיר און פון איהם איז שפּעטער אַרויסגעקומען דאָס קריגערישע פֿאָלק אדום, וואָס האָט געלעבט אין דרום־כנען. און יעקב האָט אויף דערווייל אויפגעשלאָגען זיינע געצעלטען נעבען דער שטאָדט שכם, אין מי־טעל־כנען.

נאָר דאָ איז געשעהן א טרויעריגע פּאַסירונג. דער זוהן פון דעם קעניג פון שכם, וועלכער האָט אויך געהייסען שכם, האָט דערזעהן יעקב׳ס טאָכטער דינה איינמאָל ווען זי איז געגאַנגען אַליין שפּאַצירען, און האָט זי געפאַנגען. שכם האָט דינה׳ן געוואָלט נעהמען פאַר א ווייב, נאָר יעקב האָט ניט געקענט געבען זיין טאָכ־טער פאַר א ווייב צו איינעם פון א פרעמדען פאָלק. אבער דער יונגער קעניג האָט מיט גוואַלד געהאַלטען דינה׳ן אין זיין הויז. דאַן האָבען יעקב׳ס מוטיגע זיהן שמעון און לוי בעוואָפענט זיי־ערע מענשען און זיינען פּלוצלונג בעפאַלען די איינוואוינער פון שטאָדט. זיי האָבען גע׳הרג׳עט דעם קעניג מיט זיין זוהן און האָבען בעפרייט זייער שוועסטער און זיינען מיט איהר אוועק.

נאָך דער דאָזיגער געשעהענים האָבען די ארומיגע פעלקער פון כנען זיך אָנגעהויבען פערהאַלטען פיינדליך צו יעקב׳ן און זיין שטאַם, און יעקב און זיין פאַמיליע האָבען געמוזט אוועקוואַנדערען צו דרום, צו דעם ארט וואו שפּעטער איז געשטאַנען די שטאָדט בית־אל. אין דיזען אָרט האָט יעקב אַמאָל געגעבענטשט ווען ער איז געלאָפען פון עשו׳ן, און ער האָט איצט אויף דעם פּלאַץ אויס־געבויט א מזבח צו גאָט. ער האָט אויך געהייסען זיין הויזגע־זינד פערניכטען אַלע געצענבילדער, וואָס זיי האָבען געבראַכט מיט זיך פון מעסאָפּאָטאַמיען, פון דעם הויז פון לבן, דעם געצענ־דיענער. דאָ — דערצעהלט דער חומש, — האָט זיך גאָט ווידער בעוויזען צו יעקב׳ן און איהם געהייסען פון היינט און ווייטער זיך רופען מיט׳ן נאָמען ישראל (אל מיינט גאָט). ציהענדיג ווייטער צו חברון, וואו עס האָט נאָך געלעבט דער אַלטער יצחק, האָט זיך יעקב אָבגעשטעלט אין וועג, ניט ווייט פון דער שטאָדט בית־לחם. דאָ האָט רחל געבאָרען א צווייטען זוהן, וועלכען זי האָט א נאָמען געגעבען בנימין, און איז אין קימפּעט געשטאָרבען. יעקב האָט מקבר געווען זיין געליעבטע פרוי אין מיטען וועג און האָט גע־

שטעלט א מצבה אויף איהר קבר. דאן איז ער אָנגעקומען צו זיין פאָטער יצחק'ן אין חברון און איז דאָ פערבליבען וואוינען. אין גיכען איז יצחק געשטאָרבען, הונדערט און אכציג יאהר אלט. מען האָט איהם מקבר געווען, אזוי ווי פריהער רבקה'ן אין דער מערת המכפלה, נעבען חברון, אין אברהמ'ס פאַמיליען־קבר. דער עלטסטער און פיהרער פון דעם אידישען שבט איז איצט געווארען יעקב.

§ 14. יוסף און זיינע ברידער. פון אלע צוועלף זיהן האָט יעקב אם שטארקסטען ליעב געהאט יוסף'ן, רחל'ס זוהן. יוסף איז געווען זעהר א שעהנער. דער פאָטער האָט איהם אויסדערוועהלט פון אלע זיינע ברידער און האָט איהם געשענקט א העמד אין רייכע קאָלירען. די ברידער האָבען יוסף'ן מקנא געווען און האָבען איהם ניט ליעב געהאט, און מיט זיינע אונפאָרזיכטיגע רייד און האנדלונגען האָט ער נאָך די קנאה פארשטארקט. איינמאָל האָט יוסף געזעהן א חלום און ער האָט איהם דערצעהלט זיינע ברידער: „איך האָב געזעהן" — האָט ער געזאָגט — „אין חלום ווי מיר אלע זיינען אין פעלד און מיר בינדען גארבען; פלוצלינג האָט זיך מיין גארב אויפגעהויבען און איז געבליבען שטעהן, און אייערע גארבען האָבען זיך געשטעלט ארום איהם, און האָבען זיך געבוקט צו איהם." זיינע ברידער זיינען אין כעס געווארען און האָבען געזאָגט: „צי דענקסטו אז דו וועסט אמאָל זיין הערשער איבער אונז?" און זיי האָבען איהם נאָך שטארקער פערהאסט. א צווייטען מאָל האָט יוסף דערצעהלט דעם פאָטער און די ברידער, אז איהם האָט זיך גע'חלומ'ט ווי די זון, די לבנה און עלף שטערען בוקען זיך צו איהם. יעקב האָט אָנגעשריען אויף יוסף'ן און געזאָגט: „שוין זשע דענקסטו, אז איך און דיין מוטער און דיינע עלף ברידער וועלען קומען זיך בוקען צו דיר צו דער ערד?"

איינמאָל האָבען די ברידער געפיטערט זייערע הערדען אין שכם און יעקב האָט געשיקט יוסף'ן אהין צו זעהן אויב זיי זיינען געזונד און אויב די פיה איז גאַנץ. דערזעהענדיג יוסף'ן פון ווייטען האָבען די ברידער געזאָגט: „אָט געהט דער בעל־החלומות; לאָמיר איהם הרג'נען און אריינוואַרפען אין א גרוב און דעם פאטער וועלען מיר זאָגען, אז א ווילדע חיה האָט איהם פארצוקט. און דע־

מאָלט וועלען מיר זעהן וואס עס וועט ארויסקומען פון זיינע חלומות".
ווען ראובן, יעקב׳ס עלטסטער זוהן, האָט דאס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבען איינרעדען די ברידער, אז עס איז ניט רעכט צו הרג׳ענען יוספ׳ן, און אז בעסער וואָלט געווען ארייננוואַרפען איהם לעבעדיגערהייד אין א גרוב. ראובן האָט עס געזאָגט מיט דער כונה צו ראטעווען שפעטער יוספ׳ן און איהם אבפיהרען צום פאָטער. ווי נאר יוסף איז צוגעקומען, האָבען די ברידער איהם אויסגעטהאָן די פיעל־פארביגע העמד און האָבען איהם אריינגעוואָרפען אין א גרוב, וואס האָט זיך געפונען דאָ אין פעלד, און אליין האָבען זיי זיך געזעצט עסען. גראד דעמאָלט איז פארבייגעצויגען א האנדעלס־קאראוואן פון ישמעאלים, אַדער אראבישע סוחרים, מיט קעמלען אָנגעלאָדען מיט סחורה. און יהודה האָט אן עצה געגעבען אז די ברידער זאָלען פארקויפען יוספ׳ן צו די ישמעאלים פאר א קנעכט. זיי האָבען אזוי געטהאָן און האָבען איהם פארקויפט פאר צוואנציג זילבער־שטיקער, און די ישמעאלים האָבען יוספ׳ן אוועקגעפיהרט מיט זיך. ראובן איז דערביי ניט געווען. ווען ער איז צוריקגעקומען און האָט דערזעהן, אז יוסף איז אין גרוב ניטאָ, האָט ער אויסגעשריען אין פערצווייפלונג: „דאס קינד איז נישטאָ, און איך — וואוהין קען איך איצט געהן?" און די ברידער האָבען גענומען יוספ׳ס העמדעל, האָבען זי איינגעטונקט אין די בלוט פון א ציגעלע און האָבען זי געבראכט צו יעקב׳ן און געזאגט: „אָט דאָס האָבען מיר געפונען; דערקען, איז עס יוספ׳ס העמד אָדער ניט?" יעקב האָט דערקענט יוספ׳ס העמד און האָט אויסגעשריען: „עס איז מיין זוהנ׳ס העמד, א ווילדע חיה האָט איהם אויפגעגעסען, פארצוקט איז יוסף!" דער אומגליקליכער פאָטער האָט פון פערצווייפלונג צוריסען זיינע קליידער און פיעל טעג האָט ער געוויינט נאָך זיין אומגעקומענעם זוהן. מען האָט איהם געפרובט טרייסטען, נאָר ער האָט געזאָגט: „איך וועל זיך ניט טרייסטען, נאָר אין טרויער וועל איך נידערען צו מיין זוהן אין קבר."

§15. יוסף אין מצרים. און די ישמעאלים האָבען יוספ׳ן אוועקגעפיהרט קיין מצרים און האָבען איהם דאָרט פארקויפט פאר א קנעכט. געקויפט האָט איהם פוטיפר, דער עלטסטער פון די

לייבוועכטער פון פרעה, דעם קעניג פון מצרים. און דער ארענט־ליכער און פעהיגער יוסף האט געפונען חן אין די אויגען פון זיין האר. ניט לאנג האט ער געדיענט אלס פשוט׳ער קנעכט. אין גיכען איז ער געווארען דער אויפזעהער פון פוטיפר׳ס הויז און האט אנגעהויבען פיהרען זיין גאנצעווירטשאפט. יוסף׳ן וואלט זיך גוט געלעבט אין הויז פון דעם עגיפטישען האר, נאר דא האט געטראפען אן אונגליק. יוסף, מיט זיין שעהנער גע־שטאלט, איז שטארק געפעלען געווארען פוטיפר׳ס ווייב און זי האט איהם גענומען איינרעדען ער זאל ווערען איהר מאן. נאר דער איידעלער יוסף האט זיך ענטזאגט צו בעגעהן א פארברעכען געגען זיין גוטען בעל־הבית. איינמאל, ווען פוטיפר׳ס ווייב איז שטארק צוגעשטאנען צו יוסף׳ן און ער האט מעהר נישט געוואלט הערען איהרע רייד, האט ער גענומען לויפען פון הויז. אבער זי האט איהם אנגעכאפט פאר׳ן מאנטעל און איהם געוואלט צוהאלטען. נאר יוסף האט זיך ארויסגעריסען און איז ארויסגעלאפען, איבערלא־זענדיג זיין מאנטעל אין איהרע הענד. דאן האט די דערצארנטע בעל־הבית׳טע אויפגעהויבען א געשריי, עס זיינען זיך צונויפגעלא־פען די הויז־מענשען און זי האט פאלש ערקלערט אז דער אידישער קנעכט האט זי געוואלט בעליידיגען. ווען פוטיפר האט דאס דער־הערט, האט ער געגלויבט די פאלשע רייד פון זיין פרוי און האט געהייסען אריינווארפען יוסף׳ן אין תפיסה.

לאנג איז יוסף געזעסען אין געפענגניס, אבער אויך דא האט ער אלעמען ערשטוינט מיט זיין חכמה און איידעלקייט. דער אויפ־זעהער פון דער תפיסה האט איהם געמאכט פאר׳ן אויבערהאר אי־בער אלע געפאנגענע. צווישען די געפאנגענע זיינען געווען צוויי דיענער פון פרעה׳ס הויף, וועלכע האבען זיך געהאט אין עפעס פערזינדיגט: דער שר המשקים — דער עלטסטער קעניגליכער וויינ־גיסער, און דער שר האופים — דער הויפט בעקער. איינמאל האט זיך זיי ביידען גע׳חלומ׳ט אונרוהיגע חלומות און זיי האבען זיך געווענדט צו יוסף׳ן ער זאל זיי זייערע חלומות בעשיידען. יוסף האט אויסגעהערט די חלומות און האט פאראויסגעזאגט דעם וויינ־שענקער, אז ער וועט שנעל בעפרייט ווערען פון דער תפיסה, און דעם

בעקער, אז ער וועט אין גיכען פער'משפט ווערען צום טויט. און ווי יוסף האָט פותר געווען, אזוי איז געשעהן.

אין צוויי יאהר ארום נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט פרעה אליין געהאט א מאָדנעם חלום. עס האָט זיך איהם גע'חלומ'ט, אז פון טייך זיינען ארויס זיבען שעהנע און פעטע קיה און האָבען זיך געפּאשעט אין גראז, און נאָך זיי זיינען ארויס זיבען קיה, מיאוסע און מאָגערע, און די מאָגערע קיה האָבען אויפגעגעסען די פעטע. און ווייטער האָט זיך פרעה'ן גע'חלומ'ט, אז זיבען פולע זאנגען אין פעלד זיינען אויפגענעסען געווארען פון זיבען דאַרע זאנגען. דער קעניג האָט זיך אויפגעכאפּט שטארק דערשראָקען, און האָט גע־לאָזט רופען זיינע חרטומים און מכשפים. אבער אפילו זיי האָ־בען ניט געקענט בעשיידען פרעה'ן זיינע צוויי חלומות. דעמאָלט האָט דער וויינשעפּער, וועלכער איז אמאָל געזעסען אין תפיסה, דערצעהלט פרעה'ן, אז אין געפענגנים זיצט א איד, יוסף, וועלכער פערשטעהט ריכטיג פותר צו זיין א חלום. דער קעניג האָט בע־פעהלען תיכף ומיד צו ברענגען יוסף'ן צו איהם. אז יוסף האָט אויסגעהערט פרעה'ס חלומות האָט ער געזאָגט: „די זיבען פעטע קיה און די זיבען פולע זאנגען בעדייטען זיבען גוראָטענע יאהר; און די זיבען מאָגערע קיה און די זיבען לעדיגע זאנגען בעדייטען זיבע יאהר פון הונגער. פריהער וועלען אין דעם לאנד מצרים אָנ־שטעהן יאהרען פון גערעטעניש און עס וועט זיין א גרויסע שפע אין ברויט, אבער נאָכדעם וועלען קומען זיבען יאהר פון אונגערע־טעניש און עס וועט זיין א גרויסער הונגער אין לאנד. גאָט האָט עס אנטפּלעקט פרעה'ן אין חלום כדי ער זאָל בעצייטענס וואָרנען דאָס לאנד נעגען דעם אומגליק. זאָל פרעה בעשטימען מענשען, וועלכע זאָלען אין די גוראָטענע יאהרען אויפקלייבען די איבעריגע תבואה אין שפּייכלער און דאָס פאָלק וועט אין די ניט־גוראָטענע יאהרען זיך שפּייזען מיט דעם אבגעשפּארטען ברויט און וועט ניט דארפען הונגערען." דער דאָזיגער קלוגער בעשייד איז פרעה'ן זעהר געפעלען געוואָרען. „איצט ווייס איך, האָט ער געזאָגט צו יוסף'ן, אז עס איז ניטאָ קיין קליגערער פון דיר. פון איצט אָן און ווייטער וועסטו זיין דער ממונה איבער מיין הויז און דיין ווארט וועט געהאָרכען דאָס גאנצע פאָלק מיינס." פרעה האָט געגעבען

יוספ'ן זיין פינגערל, האָט איהם אָנגעטהאָן א גאָלדענע קייט און האָט בעפעהלען איהם צו פיהרען איבער די גאסען פון שטאָדט אין דעם קעניגליכען רייטוואָגען. ווען דער נייער שני־למלך איז גע־פאָהרען איבער די גאסען, האָבען זיך אלע טיעף געבוקט פאר איהם.

אויף אזא אופן איז יוסף פון אן אומגליקליכען שקלאף גע־וואָרען א הערשער, וועלכער האָט פערנומען אין מצרים דעם צוויי־טען פלאַץ נאָכ'ן קעניג. נאָכדעם האָט ער גענומען פאר א ווייב די טאָכטער פון א גרויסען עגיפּטישען האר, מיט'ן נאָמען אסנת. זי האָט איהם געבאָרען צוויי זיהן, מנשה און אפרים. אין א קורצער צייט ארום האָבען זיך אָנגעהויבען יאהרען פון גערעטעניש, אזוי ווי יוסף האָט פאָראויסגעזאָגט. און יוסף האָט אויפגעקליבען ריעזיגע אוצרות מיט תבואה. און שפּעטער, ווען עס זיינען געקו־מען די ניט־געראָטענע יאהרען האָט ער די דאָזיגע תבואות געטיילט דעם הונגעריגען פאָלק. אין מצרים איז געווען אזוי פיעל ברויט אין די קעניגליכע שפּייכלער, אז אפילו פון אנדערע לענדער איז מען געקומען אהער קויפען ברויט.

§16. יוספ'ס ברידער אין מצרים. אין יענער צייט איז אין כנען אויך געווען א שווערער הונגער. יעקב האָט זיך דער־וואוסט אז אין מצרים זיינען דאָ אוצרות מיט תבואה, האָט ער געשיקט אהין זיינע זיהן איינצוקויפען דאָרט ברויט. געגאנגען זיינען צעהן פון יעקב'ס זיהן. בלויז דער אינגסטער, בנימין, איז געבליבען מיט'ן פאטער. יעקב'ס זיהן זיינען אָנגעקומען קיין מצרים און זיינען אויפגעטראטען פאר יוספ'ן, וועלכער האָט גע־האט די השגחה איבער דעם פערקויף פון דער תבואה. יוסף האָט דערקענט זיינע ברידער, אבער זיי איהם האָבען ניט דערקענט; זיי איז אפילו אויף די געדאנקען ניט ארויף אז דער דאָזיגער שטאָל־צער הערשער פון מצרים איז זייער פערפאלענער ברודער. יוסף האָט זיך געמאכט אזוי ווי ער וואָלט זיינע ברידער ניט דערקענט; און ער האָט זיי אָנגעפאנגען שטרענג אויסצופרעגען פון וואנען זיי זיינען און נאָך וואס זיי זיינען געקומען. די ברידער האָבען איהם דערצעהלט, אז איין ברודער איז ביי זיי פערפאלען געווארען און איינער איז געבליבען מיט'ן פאטער, און אז זיי זיינען געקומען

פון כנען קויפען ברויט. יוסף האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי ער וואָלט ניט געגלויבט זייערע רייד, און האָט געזאָגט: „ניין, איהר זייט שפּיאָנען און איהר זייט געקומען אויסקוקען די שוואַכע ערטער פון אונזער לאַנד.“ אומזיסט האָבען די ברידער גע׳טענה׳ט אַז זיי האָבען ניט קיין שלעכטע כונות. יוסף האָט זיי געזאָגט: „אויב איהר זייט באמת ערליכע לייט, דאַן ברענגט מיר אויך אייער איינגערען ברודער אַהער, און ביז יענער צייט וועט איינער פון אייך בלייבען ביי מיר פאַר אַ משכון.“ די ברידער האָבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און געזאָגט איינער צום אַנדערען: „דאָס ווערען מיר געשטראָפט פאַר דאָס, וואָס מיר האָבען אַמאָל געטהאָן צו אונזער ברודער יוסף׳ן; מיר האָבען דעמאָלט געזעהן זיינע ליידען, געהערט ווי ער האָט זיך געבעטען ביי אונז, אָבער מיר האָבען אויף איהם קיין רחמנות ניט געהאַט און איהם פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט.“ אַזוי האָבען זיי גערעדט צווישען זיך און האָבען גאָר ניט חושד געווען, אַז יוסף, וועלכען זיי האָבען גערעכענט פאַר אַ מצרי, פאַרשטעהט זייער שפּראַך. נאָר יוסף, הערענדיג זייערע ווערטער, איז אָבגעגאַנגען אָן אַ זייט און האָט זיך שטיל אויסגעוויינט. נאָכדעם האָט ער געהייסען אָנפילען זייערע זעק מיט תבואה און אריינלעגען דאָס געלט וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט צו בעצאָהלען פאַר דער תבואה. איינעם פון די ברידער, שמעון׳ן, האָט ער פערהאַלטען פאַר אַ משכון, און די איבעריגע האָט ער געלאָזט געהן אַהיים.

און די ברידער זיינען געקומען אַהיים און האָבען דערצעהלט יעקב׳ן אַלץ וואָס איז געשעהן. יעקב האָט מיט ביטערקייט געזאָגט: „איהר וועט מיך אינגאַנצען אומברענגען; יוסף איז ניטאָ, שמעון׳ן האָט איהר געלאָזט אין מצרים, און איצט ווילט איהר נאָך נעהמען אַהין בנימינ׳ען אויך. ניין, איך וועל איהם ניט אַוועקלאָזען פון זיך.“ נאָר ווען דאָס געקויפטע ברויט איז אויסגעגאַנגען און עס איז נויטיג געווען ווידער צו פאָהרען קיין מצרים, האָט יעקב געמוזט לאָזען בנימינ׳ען אַהין צוזאַמען מיט זיינע איבעריגע ברידער. דער אַלטער פאָטער האָט געבענשט זיינע אַברייזענדע קינדער, און געבעטען צו גאָט עס זאָל מיט זיי קיין אומגליק ניט געשעהן אין פרעמדען לאַנד.

§17. **יעקב'ס איבערוואנדערונג קיין מצרים.** ווען יעקב'ס זיהן זיינען צום צווייטען מאָל אָנגעקומען קיין מצרים, האָט שוין יוסף מעהר ניט געקענט פארלייקענען זיין אָבשטאמונג; ער האָט זיך געלאָזט דערקענען צו זיי און געזאָגט: „איך בין אייער ברודער יוסף, וועלכען איהר האָט פארקויפט קיין מצרים." די ברידער האָבען זיך אזוי דערשראקען אז זיי האָבען גאָר ניט געקאָנט ענטפערען; נאָר יוסף האָט זיי בערוהיגט און געזאָגט: „זאָל אייך ניט פארדריסען וואס איהר האָט מיך פארקויפט, ווייל גאָט אליין האָט מיך געשיקט אהער צו פארהיטען אייער לעבען. ער האָט מיך געמאכט פאר א ראטגעבער צו פרעה'ן און פאר א מושל איבער'ן גאנצען לאנד מצרים. איצט געהט שנעל צוריק צו מיין פאטער און ברענגט איהם אהער צופיהרען, איהם מיט זיינע מענשען און הערדען. איהר וועט דאָ אלע וואוינען נעבען מיר." ביי די רייד האָט יוסף ארומגענומען זיינע ברידער און זיי געקושט, און זיי האָבען אלע געוויינט אויפ'ן קול פאר פרייד. אז פרעה האָט דערהערט, אז עס זיינען געקומען יוספ'ס ברידער, האָט ער געהייסען זיי געבען פערד און גרויסע רייטוועגען, זיי זאָלען ברענגען צופיהרען קיין מצרים יעקב'ן מיט זיינע מענשען או זיין גאנצען אייגענטום.

ווען די ברידער זיינען צוריקגעקומען צום פאטער קיין כנען און האָבען איהם דערצעהלט אז יוסף לעבט נאָך, האָט ער זיי צוערשט ניט געגלויבט. נאָר זעהענדיג די רייטוועגען, וואס יוסף האָט געשיקט, האָט ער אויסגערופען: „גענוג פאר מיר! מיין זוהן יוסף לעבט, איך וועל געהן זעהן איהם איידער איך שטארב." באלד האָט יעקב און אלע זיינע קינדער מיט זייערע ווייבער, און זיינע אייניקלעך, דיענער און הערדען, און זיין גאנץ פערמעגען, פערלאָזען כנען און זיינען אוועק קיי מצרים. ריהרענד איז געווען די בעגעגניש צווישען יוספ'ן און זיין פאטער. לויט יוספ'ס עצה און מיט דער הסכמה פון פרעה'ן האָט זיך יעקב מיט זיין גאנצער משפחה בעזעצט אין דעם בעסטען טייל פון מצרים, אין גשן. דאָ איז געווען גוטער ווייד פאר די פיה און די אידישע איינוואנדערער האָבען געקענט, אזוי ווי פריהער, זיך פערנעהמען מיט פיהצוכט. זיי האָבען געלעבט אָבגעשיידט פון די מצריים, צו וועלכע זיי זיי-

נען געוועזן פרעמד מיט זייער שפּראַך און מיט זייער אַרט לעבען.

ווען יעקב איז געקומען קיין מצרים איז ער אַלט געוועזן הונ־דערט און דרייסיג יאהר. ער האָט נאָך געלעבט זיבצעהן יאהר. פאַר׳ן טויט האָט ער געבענשט אַלע זיינע זיהן, און אויך די זיהן פון יוסף׳ן, אפרים און מנשה. ווען יעקב איז געשטאָרבען האָט יוסף מיט זיינע ברידער אריבערגעפיהרט זיין קערפּער קיין כנען און איהם בעהאַלטען אין דער מערת המכפּלה און זיינען אוועק צו־ריק קיין מצרים. דאָ האָט יוסף געלעבט ביז הונדערט און צעהן יאהר, און פאר זיין טויט האָט ער אָנגעזאָגט זיינע אייגענע, אז זיי זאָלען אמאָל אריבערפיהרען זיין טויטען קערפּער אין זיין גע־בורטסלאַנד כנען. לויט דעם מנהג פון מצרים האָט מען יוסף׳ס קערפּער באַלזאַמירט, כדי עס זאָל זיך לאַנג קענען האַלטען און זיי האָבען איהם אריינגעלעגט אין אַן ארון, וועלכען מען האָט אריינ־געשטעלט אין איינעם פון די עגיפּטישע קברים.

§ 18. **היסטאָרישע אויספיהרונגען. *)** אַז די אידען שטאַמען אַב פון יענע סעמיטען, וואָס האָבען אין טיעפען אַל־טערטום געלעבט אין בבל, זאָגט עדות די איבערראַשענדע עהנ־ליכקייט, וואָס איז פאַראַן צווישען די אידישע און באַבילאַ־נישע לעגענדען וועגען די אוראַלטע צייטען. די געלעהרטע פון אונזער צייט האָבען געמאַכט אויסגראָבונגען אויף יענע ערטער, וואו עס זיינען אַמאָל געשטאַנען די מלוכות פון אשור און בבל. און דאַ האָבען זיי ענטדעקט טאַפלען און מאָנומענטען, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט אסיריש־באַבילאָנישע לע־גענדען אין אַ שפּראַך, וואָס איז עהנליך צו העבּרעאיש. אין די דאָזיגע אויפשריפטען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען מיט דריי־פיער טויזענד יאהר צוריק, דערצעהלט זיך וועגען דער בעשאַפונג פון דער וועלט, וועגען די ערשטע מענשען, וועגען דעם מבול, און דער געבורט פון פעלקער, כמעט אזוי ווי אין תנ״ך. אויך לויט דער באַבילאָנישער מיטאָלאָגיע זיי־נען דער הימעל און די ערד לכתחלה געוועזן צוזאַמענגעגאָסען אין

---

*) אלץ וואָס קומט אין איינגענומענע שריפט קען אויסגעלאָזט ווע־רען מיט קלענערע קינדער.

איין ענדלאָזען תהו ובהו (כאָאָס), און דערנאָך האָבען זיי די געטער אָבגעטיילט און האָבען בעשאפען די וועלט אין פערלויף פון זיבען טעג. די אסיריש־באבילאָנישע לעגענדע פון מבול דערצעהלט דאָס זעלבע וואס דער תנ"ך; נאָר אנשטאט נח'ן רעטעט זיך דאָרט אין א שיף דער קעניג, קסיסוטרא, וועלכען דער גאָט, בעל, האָט געווארנט וועגען דעם קומענדען אומגליק. אנטקעגען דער אידישער מסורה פון דעם טהורם פון בבל און דער צומישונג פון שפּראכען איז פאראן א באבילאָנישע לעגענדע ווי אזוי מענשען־ריעזען האָבען מורד געווען קעגען די געטער און זיי האָבען אויפגעשטעלט א ריעזיגען טהורם מיט'ן צוועק ארויפצוקלעטערען אויפ'ן הימעל, און ווי אזוי די געטער האָבען דעם דאָזיגען בנין אומגעווארפען אויף די קעפּ פון זיינע בויער. חורבות פון דעם דאָזיגען ריעזיגען טהורם האָבען נאָך עקזיסטירט אין אלטערטום, אין באָרסיפּ, אין דער געגענד פון דער שטאָדט בבל.

די שייכות פון אידישען פאָלק מיט בבל ווערט אָנגעוויזען אין תנ"ך גופא, אין דער ערצעהלונג וועגען דעם סעמיטישען שטאם פון תרח'ן, וועלכער האָט איבערגעוואנדערט פון אור בבל קיין ארם. אין ארם איז געבליבען א טייל פון דעם שטאם (די גרופּע פון נחור און לבן), וועלכער האָט זיך אויסגעמישט מיט די ארמים, אבער דער אנדערער טייל, אונטער דער פיהרערשאפט פון אברהמ'ן, איז אוועק קיין כנען און האָט זיך דאָ בעזעצט אויף א צייט, אונטער דעם נאָמען — „עברים."

אין כנען האָט זיך דער אידישער שבט גופא פאנאנדערגעצווייגט אויף עטליכע בעזונדערע שטאמען. צוערשט האָבען זיך פון איהם אויסגעטיילט צוויי קליינע פעלקערשאפטען: מואב און עמון, וועלכע האָבען געוואוינט אין מזרח זיין פון ירדן. (דאס איז די ערצעהלונג וועגען לוט'ן, וועלכער האָט זיך אָבגעטיילט פון אברהמ'ס פאמיליע און וועגען זיינע צוויי זיהן, מואב און בן־עמון). אויסער די האָבען זיך אין דעם מדבר, וואס רינגעלט ארום דרום כנען, בעוויזען צוויי וואנדערנדע אראבישע שבטים, וועלכע זיינען פערוואנדט מיט די אידען: די ישמעאלים און די מדינים (לויט דער מסורה זיינען דאס די

אבגעשטאַמטע פון אברהמ׳ס זייטיגע זיהן, ישמעאל און מדין). דעם דרום־מזרח ברעג פון כנען האָט פאַרנומען דער שבט אדום. (לויט דער ביבעל — די קינדער פון עשו, אברהמ׳ס אייני־קעל). די דאָזיגע אַלע פעלקערשאַפטען, וועלכע זיינען געווען פערוואַנדט מיט די אידען, האָבען זיך ביסלעכווייז צונויפגעמישט מיט די איינוואוינער פון כנען, און האָבען פערלאָרען די ריינקייט פון זייער ראַסע. בלויז יענער שבט וואָס איז ארויסגעקומען גלייך פון אברהמ׳ן, דורך זיין זוהן יצחק׳ן, און אייניקעל יעקב׳ן, האָט אויפגעהיט די ריינקייט פון זיין ראַ־סען־טיפּ און זיינע אייגענע זיטען. דער דאָזיגער שבט האָט געלעבט פאַטריאַרכאַליש, ווי איין גרויסע פאַמיליע, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם עלטסטען אין דער משפחה (פאַט־ריאַרך). זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דרום כנען, נע־בען חברון, און האָבען געפיהרט א פריעדליכען לעבען פון פאַסטוכער און ערד־ארבייטער. אָפטמאָל פלעגט דיזער שבט, צוליעב אונגערעטעניש אדער אנדערע סבות, אריבערוואַנדערען אין די שכני׳שע פלשתי׳שע לענדער אדער אין מצרים, נאָר אויך צווישען די פרעמדע שבטים האָט ער אבגעהיט די מנהגים פון זיינע עלטערען און זיין אייגענעם איינפאַכען לעבענספיהר. מיט די ארומיגע כנעני׳שע פעלקער פלעגען די אידען שליסען בונדען, און אָפטמאָל פלעגען זיי זיי העלפען אין מלחמות גענען די פרעמדע.

די עלטסטע, אדער די פּאַטריאַרכען, פון אידישען שבט האָבען געגלויבט אין אן איינציגען גאָט, דער בעשעפער פון הי־מעל און ערד (אלהים). זיי האָבען געבויט אין פערשיידענע ערטער מזבחות צו גאָט, אויף וועלכע זיי פלעגען ביי פייערליכע געלעגענהייטען ברענגען קרבנות פון די קלענערע פיה. די אי־דען האָבען ניט געהאַט, אזוי ווי זייערע שכני׳שע שבטים, קיין ממשות׳דיגע פאָרשטעלונג פון גאָט. זעלטען נאָר בעגעגענט מען ביי זיי הויזליכע געצענבילדער, וועלכע זיי האָבען איבער־גענומען ביי די קרובי׳שע שבטים. אזוי, צום ביישפּיעל, האָט יעקב׳ס ווייב, רחל, אוועקפאָהרענדיג פון דער הויז פון איהר פאָטער לבן הארמי, פערנומען ביי איהם עטליכע קליינע געצענ־

בילדער (תרפים) אפנים מיט דער האפנונג אז זיי וועלען זי היטען אין וועג. די הויכע רעליגיעזע בעגריפען פון די אידען האבען אין יענער צייט ערשט אנגעהויבען געבארען ווערען. נאר ביי די בעססערע מענשען האט שוין אנגעהויבען צייטיג ווערען דער געדאנק פון איין גאט; עס איז געוועזען קענטיג אז די רעליגיאן פון די אידען וועט ניט זיין עהנליך צו די אנדערע רעליגיאנען פון דעם מזרח.

נאכדעם ווי די אידען פון יעקב׳ס אדער ישראל׳ס שטאם האבען א לענגערע צייט געלעבט אין דרום כנען, האבען זיי אנגעהויבען זיך אריבערציהען אין די נאהנטע געגענדען פון מצרים, וואס איז געווען אבגעטיילט פון כנען מיט א וויסטעניש. צוערשט האט זיך דא בעזעצט יוסף׳ס שטאם (די ערצעהלונג וועגען יוסף׳ן מיט זיינע ברידער), און שפעטער — אויך די איבעריגע „בני־ישראל“, דאס הייסט די אידישע שבטים. פון דער צייט הויבט זיך אן א נייע פעריאדע אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק.

צווייטער קאפיטעל.

די אידען אין מצרים.

§19. **דאס לעבען אין מצרים.** א סך יאהרען זיינען פאריבער פון יענער צייט ווען דער שטאם פון יעקב, אדער ישראל, האט איבערגעוואנדערט פון כנען אין דעם שכני׳שען מצרים. דער אידישער שטאם, וועלכער איז פון אנפאנג בעשטאנען פון איין אדער צוויי צעהנדליג געזינדען, האט זיך מיט דער צייט פערמעהרט און זיך צעוואקסען אין א צאלרייכען פאלק. דאס דאזיגע פאלק האט זיך א נאמען געגעבען „בני־ישראל“, ישראל׳ס קינדער, צו אונטערשיידען זיך פון די איבעריגע קרוב׳ישע פעלקער, וועלכע האבען גערעכענט זייער אבשטאמונג פון אברהמ׳ן און יצחק׳ן, אבער ניט פון יעקב׳ן.

די אידען האבען געוואוינט אין גושן, א געגענד אין מזרח מצרים, וואס ווערט בעוואסערט פון אן אויסגוס פון דעם טייך

ניל. דאָ האָבען זיי געהאט ברייטע ווײדען פאר זייערע סטאדעס און זיי האָבען געקענט פריי אומוואנדערען איבער'ן לאנד. דאָך האָבען פיעל פון זיי ביסלעכווייז זיך צוגעוועהנט צו אן איינגעזעסענעם לעבען, האָבען אָנגעהויבען וואוינען אין הייזער אנשטאט געצעלטען, און האָבען זיך אַלץ שטארקער און שטארקער פערמעהרט. ביים איינוואנדערען קיין מצרים, דערצעהלט די מסורה, האָבען די פאמיליען פון יעקב'ס צוועלף זיהן פערמאָגט אין גאנצען ארום זיבעציג נפשות. די דאָזיגע פאמיליען האָבען מיט דער צייט זיך צעוואקסען אין שבטים, וועלכע האָבען געצעהלט זייערע מיטגליעדער אין די טויזענדער. יעדער שבט האָט זיך אָנגערופען מיט'ן נאָמען פון יענעם פון יעקב'ס זיהן, פון וועלכען ער האָט אָבגעשטאמט. דער עלטסטער איז געוועזן דער שבט ראובן, וועלכער האָט זיך אויך אין מצרים פערנומען מיט פיהצוכט. דער צאָלרייכסטער איז געוועזן דער שבט יוסף, וועלכער איז צופאַלען אויף צוויי שטאמען (נאָך די נעמען פון יוסף'ס צוויי זיהן). נאָכדעם זיינען נעגאנגען די שבטים שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולון, דן, אשר, גד, נפתלי און בנימין. יעדער שבט האָט געהאט זיינע עלטסטע און פיהרער, אבער קיין הויפט עלטסטער איבער אלע שבטים איז ניט געוועזן. פונדעסטוועגען איז דער באנד צווישען די שבטים ניט איבערגעריסען געוואָרען. עס האָבען זיי צוזאמענגעבונדען דיזעלבע רעליגיעזע בעגריפען און די עראינערונג אז זיי שטאמען פון דיזעלבע אבות — אברהם, יצחק און יעקב, אדער ישראל.

די אידען האָבען זיך ניט געמישט מיט די מצריים, פונדעסטוועגען האָט דער לעבענספיהר און די זיטען פון די מצריים געהאט אויף זיי א גרויסע ווירקונג. די מצריים זיינען אין די אלטע צייטען געוועזן דאס געבילדעטסטע פאָלק אין דער וועלט. זיי האָבען געהאט גרוים בעפעלקערטע און רייכע שטעדט, פרעכטיגע טעמפּלען פאר זייערע געטער, פּריסטער, וואס זיינען געוועזן בעקאנט מיט א סך וויסענשאפטען, און קריעגער, וואס פלעגען אונטערנעהמען ווייטע קריעגסצוגען. די עגיפּטישע מלכים, אדער פּרעה'ס, פלעגען אויפשטעלען, מיט די הענד פון טויזענדער שקלאַפען, אונגעהויער גרויסע פאלאצען, פּיראמידען און קברים. די

מצריים האָבען שוין דעמאָלט געקענט א סך קונסטען, ווי צום ביי־שפיעל די קונסט פון בויען, בעוואסערען פעלדער, די קונסט פון שרייבען. די אידען האָבען איבערגענומען פון זיי אייניגע נוצלי־כע קונסטען און מלאכות; אנדערע האָבען אפילו נאָכגעטהאָן די עגיפּטישע מנהגים און פיהרונגען. אבער קיין פאָלשטענדיגע דער־נעהנטערונג צווישען די דאָזיגע צוויי פעלקער איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין; פארקעהרט, צווישען זיי האָט געהערשט א שטענדיגע שנאה. די עגיפּטישע רעליגיאָן מיט איהר גראָבער פארגעטערונג פון חיות, האָט ארויסגערופען אן עקעל ביי יענע אידען, וועלכע האָבען אבגעהיט דעם גלויבען אין אן איינציגען גאָט. די מצריים, ווידער, האָבען מיט פעראכטונג געקוקט אויף דעם אידישען פאָלק, וואס איז זיי געווען פרעמד און האָט זיך אונ־טערשיידט פון זיי מיט זייער ארט לעבען און רעליגיאָן. וואס שטארקער די אידען האָבען זיך פערמעהרט, אלץ פיינדליכער האָ־בען די מצריים זיך צו זיי פערטראָגען. די פרעה'ס און זייערע בע־אמטע האָבען גענומען אונטערדריקען די אידען אלס פרעמדע, און שפּעטער האָבען זיי אנגעהויבען זיי בעהאנדלען ווי א בעזיעגטען פאָלק, ווי הערשער זייערע שקלאַפען.

§20. די קנעכטשאַפט אין מצרים. משה'ס געבורט. אין א לאנגער צייט ארום נאָך יוסף'ס טויט איז אין מצרים אויפ־געשטאַנען א נייער קעניג, וועלכער האָט ניט ליעב געהאט די אידען. ער האָט געזאגט צו זיין פאָלק: „דאָס אידישע פאָלק פארמעהרט זיך און קען ווערען שטארקער פון אונז. און ווען עס וועט טרע־פען ביי אונז א מלחמה מיט אן אנדער מלוכה קענען זיי זיך נאָך פעראייניגען מיט אונזערע פיינד.“ און כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל ניט ווערען שטארק איז בעשלאָסען געווארען צו מאכען זיי פאר קנעכט. די פרעה'ס האָבען גענומען צווינגען די אידען צו שווערע ארבייט פאר די נוצען פון דער מלוכה. מען האָט זיי גע־נויט צו גראבען ערד, בויען שטעדט, פּאלאצען און דענקמעלער פאר די מלכים, קנעטען ליים און מאכען ציגעל פאר די דאָזיגע בנינים. עס זיינען בעשטימט געווארען בעזונדערע אויפזעהער, וועלכע האָבען שטרענג אכטונג געגעבען אז די דאָזיגע געצוואונגענע ארבייט זאָל אויסגעפיהרט ווערען. אויף דעם אופן זיינען אויס־



די אידישע קנעכטשאפט אין מצרים.

געבוים געווארען פאר פרעה׳ן צוויי שטעדט: פיתם און רעמסס. אבער ווי מען האט די אידען ניט געפייניגט האבען זיי זיך פונ־דעסטוועגען אלץ ווייטער געמעהרט, צום גרויסען פערדרוס פון די מצריים. דעמאלט האט פרעה ארויסגעלאזען א בעפעהל, אז מען זאל אלע נייגעבארענע אידישע אינגלעך דערטרינקען אין טייך, און נאר די מיידלעך זאל מען לאזען לעבען. דער דאזיגער בע־פעהל איז אויסגעפיהרט געווארען מיט אונערבארמליכער שטרענג־קייט. דאס אידישע פאלק איז געווען אין סכנה אינגאנצען פער־ניכטעט צו ווערען.

אין יענער טרויעריגער צייט איז ביי איינעם פון שבט לוי, מיט׳ן נאמען עמרם, געבארען געווארען א זוהן. דריי מאנאטען צייט האט די מוטער אויסגעבעהאלטען דאס קינד, אז די מצריים זאלען עס ניט קענען געפינען און דערטרינקען, אבער ענדליך האט זי שוין עס ניט געקענט לענגער פערבארגען. דאן האט די מוטער גענומען א קעסטעלע, ארייגעלעגט אהין דאס קינד און האט עס בעהאלטען צווישען דעם געדיכטען ראהר אויפ׳ן ברעג פון טייך ניל. דעם קינד׳ס שוועסטער, מרים, האט זיך געשטעלט פון ווייטען צו זעהן וואס מיט איהם וועט געשעהן. צו יענער צייט איז פרעה׳ס טאכטער געגאנגען צום טייך זיך באדען, בעגלייט פון איהרע דיענסטען. דערזעהענדיג צווישען די ראהר דאס קעס־טעלע, האט זי געהייסען עס עפענען. אין קעסטעלע איז געלעגען א קליין אינגעלע און געוויינט. פרעה׳ס טאכטער האט רחמנות געהאט אויף דעם עופ׳עלע און געזאגט: „דאס מוז זיין א אידיש קינד.“ דא איז צו דעם קעניג׳ס טאכטער צוגעגאנגען מרים, וועל־כע איז געשטאנען פון ווייטען, און האט געפרעגט: „זאל איך געהן רופען אן אם פון די אידישע פרויען?“ קריגענדיג די ער־לויבניש, איז זי אוועק און האט באלד געבראכט איהר מוטער. פרעה׳ס טאכטער האט געזאגט צו דער פרוי: „נעהם דאס קינד און האדעווע עס אויס פאר מיר און איך וועל דיר בעצאלען.“ די מוטער האט מיט פרייד גענומען דאס קינד און עס אנגעהויבען אויפצוציהען. ווען דאס אינגעל איז אויסגעוואקסען האט מען איהם געבראכט צו פרעה׳ס טאכטער און זי האט איהם ערצויגען

ביי זיך ווי איהר אייגענעם זוהן. זי האָט איהם א נאָמען געגע־
בען משה, ד. ה. „ארויסגעצויגענער" פון וואסער.

§21. משה'ס יוגענד און זיין אנטלויפען אין מדבר.

הגם משה איז געוואקסען פריי אונטער דעם שוץ פון דער קעֿ
ניגליכער פאמיליע, האָט ער דאָך ניט פערגעסען די קנעכטשאפט
און ליידען פון זיינע פאָלקס־ברידער. מיט א געפיהל פון ביטער־
קייט און פערדרוס האָט ער צוגעזעהן ווי מען פארקנעכט זיי־
נע ברידער, מען נויט זיי צו טהאָן שווערע ארבייט און מען בע־
ליידיגט זיי אויף טריט און שריט. איינמאָל איז דער יונגער
משה ארויסגעגאנגען אָנצוקוקען די ארבייט פון די אידען, און ער
האָט דערזעהן אז א מצרי שלאָגט איינעם פון די ארבייטער. דאס
האָט משה'ן זעהר אויפגעבראכט. זעהענדיג אז ארום איז קיינער
ניטאָ, האָט ער גע'הרג'עט דעם שלעכטען מצרי, און זיין קערפער
האָט ער פערשארט אין זאמד. אבער אין גיכען האָט זיך פרעה
דערפון דערוואוסט און האָט געוואלט בעשטראפען משה'ן. דאן
איז משה אנטלאָפען פון מצרים אין דעם מדבר, וואס ליגט ביים
רויטען ים (ים־סוף) צווישען מצרים און כנען. אין מדבר איז
משה אָנגעקומען צו אן ארט, וואו עס האָט אומגעוואנדערט דער
פאסטוכער שבט מדינים, וועלכער איז געווען פערוואנדט צו די אי־
דען. דאָ האָט ער זיך אָבגעשטעלט נעבען א ברונען, און האָט
דערזעהן ווי עס זיינען אָנגעקומען זיבען פאסטוכער־מיידלעך
און האָבען גענומען אָנשעפען וואסער צו געבען טרינקען
זייערע שאָף. דאָס זיינען געווען די זיבען טעכטער פון דעם
מדינ'ישען פריסטער יתרו. די מיידלעך האָבען נאָך קיין צייט
ניט געהאט אָבצוטהאָן זייער ארבייט, ווי עס זיינען אָנגעלאָפען
פאסטוכער און זיי אוועקגעטריבען פון ברונען. משה איז גלייך
געקומען די בעליידיגטע מיידלעך צו הילף און האָט אָנגעטרונקען
זייערע שאָף. די מיידלעך זיינען געקומען אהיים און האָבען דער־
צעהלט זייער פאָטער, אז עפּעס א וואנדערער פון מצרים האָט זיי
היינט בעשיצט פון די גראבע פאסטוכער. דער מדינ'ישער כהן
האָט פארבעטען משה'ן אין זיין הויז און האָט זיך צו איהם שנעל
צוגעבונדען. משה'ן איז געפעלען געווארען צו לעבען מיט דיזע
פשוט'ע מענשען, ער האָט גענומען פאר א ווייב יתרו'ס טאָכטער

צפורה, און איז געווארען איינער פון דיזער פריעדליכער פאסטור־בער־פאמיליע.

אבער אויך דא האט ער ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דער קנעכטשאפט פון זיינע ברידער און ווי אזוי זיי צו בעפרייען. איינמאל האט משה געפיטערט די סטאדע פון זיין שוועהר, און איז פארגאנגען וויט אין מדבר, צום בארג חורב (סיני). דא, דערצעהלט דער חומש, האט זיך איהם בעוויזען א וואונדערליכע זעהונג. ער האט דערזעהן א געדיכטען דארנבוים איינגעוויקעלט אין פלאמען, וואס האט געברענט און געברענט און איז דאך ניט פערברענט געווארען. און פלוצלינג האט ער דערהערט א שטימע פון דעם פייער: „טרעט ניט צו אהער; נעהם ארונטער די שיך פון דיינע פיס, ווייל דער ארט אויף וועלכען דו שטעהסט איז הייליג. איך בין דער גאט פון דיין פאטער, דער גאט פון אברהם, יצחק און יעקב. איך האב דערזעהן דעם פיין פון מיין פאלק אין מצרים און האב דערהערט זיין געשריי. איך וויל איהם בעפרייען פון דעם יאך פון מצרים און ברענגען איהם אין א לאנד, א רייכען און א ברייטען, אין א לאנד וואס רינט מילך און האניג, אין כנען. און איצט געה, און איך וועל דיך שיקען צו פרעה'ן און פיהר ארויס מיין פאלק פון מצרים.“ מיט ציטערניש און פארכט האט משה אויסגעהערט די דאזיגע ווערטער און דאן האט ער ציטערנדיג געזאגט: „ווער בין איך דען אז איך זאל געהן צו פרעה'ן און בעפרייען די אידען? און ווען איך וועל קומען צו די אידען און וועל זיי זאגען, אז דער גאט פון אונזערע עלטערען האט מיך געשיקט, און זיי וועלען מיך פרעגען: „ווי הייסט ער?“, וואס וועל איך זיי זאגען?“ און גאט האט געזאגט: „איך בין דער וואס איז געוועזען און וועט זיין. זאג די אידען: יהוה (אייביגער; וועזענטליכער), דער גאט פון אייערע עלטערען האט מיך געשיקט צו אייך. געה און קלייב צוזאמען די עלטסטע פון די אידען, און זאג זיי אז איך וועל בעפרייען מיין פאלק פון דער קנעכטשאפט פון מצרים; און צו פרעה'ן, דעם קעניג פון מצרים, זאלסטו זאגען, אז דער אידישער גאט פאדערט, ער זאל לאזען די אידען געהן אין מדבר צו דיענען צו זייער גאט.“ משה האט ווידער ציטערנדיג בעמערקט אז ער איז א שטאמלער, און אז איהם וועט זיין שווער זיך אויסצודריקען

פאַר פּרעה׳ן. אבער גאָט האָט צוגעזאָגט משה׳ן אז ער וועט איהם ביישטעהן און האָט איהם געהייסען זיך נעהמען צו הילף זיין על־טערען ברודער אהרנ׳ען. צורודערט פון אלץ וואס ער האָט געהערט, האָט משה זיך אומגעקעהרט אין הויז פון זיין שוועהר, האָט גע־נומען זיין ווייב און קינדער און איז אוועק מיט זיי פון מדין צוריק קיין מצרים.

§22. משה׳ס קאַמפּף פאַר בעפרייאונג. משה האָט זיך בעגעגענט מיט זיין ברודער אהרן אין וועג און זיי האָבען ביידע גענומען ארבייטען פאַר דער בעפרייאונג פון זייער פאָלק. קומענ־דיג קיין מצרים האָבען זיי אָנגעזאָגט די אידען די בשורה, אז זיי וועלען אין גיכען בעפרייט ווערען פון קנעכטשאַפט. די שקלאַ־פען, אויסגעמאַטערטע פון שווערער ארבייט, האָבען זיך שטארק דערפרעהט. נאָכדעם איז משה מיט אהרנ׳ען ערשינען פאַר פּרעה׳ן און זיי האָבען איהם ערקלערט דעם פערלאַנג פון אידישען גאָט, אז ער זאָל אָבלאָזען די אידען אין מדבר צו דיענען צו איהם. נאָר פּרעה האָט מיט צאָרן געענטפערט: „ווער איז דאס אייער גאָט אז איך זאָל איהם פאָלגען? איך קען ניט אייער גאָט, און די אי־דען וועל איך ניט אָבלאָזען. ווארום קומט איהר, משה און אהרן, און שטערט דאָס פאָלק פון דער ארבייט?“ נאָכדעם האָט פּרעה בעפעהלען די עגיפּטישע אויפזעהער זיי זאָלען פארגעבען די אידען נאָך שווערערע ארבייטען. פריהער פלעגט מען די שקלאַפען געבען גרייטען שטרוי צו מישען מיט די ליים אויף מאכען ציגעל. אבער איצטער האָט מען זיי געצוואונגען צו קלייבען שטרוי אויף די פעל־דער און געפאָדערט האָט מען, אז זיי זאָלען יעדען טאָג ארויסגע־בען דיזעלבע צאָל ציגעל וואָס פריהער. אויף צו אכטונג געבען אויף דער ארבייט האָבען די עגיפּטישע אויפזעהער גענומען ארויס־העלפער פון צווישען די אידען אליין. און ווען די ארבייטער פלע־גען ניט בעוויזען צו מאכען דעם געפאָדערטען סכום ציגעל, פלעגען די מצריים שלאָגען די אידישע אויפזעהער. דאן האָבען די אידישע אויפזעהער גענומען בעשולדיגען משה׳ן מיט אהרנ׳ען אז מיט זייער אריינמישען זיך האָבען זיי אויפגעוועקט פּרעה׳ס צאָרן און נאָך פערערגערט די לאגע פון די אידען.

דעמאָלט, דערצעהלט דער חומש, האָט משה, אויף גאָט׳ס בע־

פעהל, בעשלאָסען איינצושרעקען דעם גרויזאמען קעניג פון מצרים. עס איז נויטיג געווען צו ווייזען דעם געצענדיענרישען פרעה, אז דער אידישער גאָט איז אלמעכטיג, אז ער קען בעפרייען זיין פאָלק אויף א וואונדערליכען אופן און שטרענג בעשטראפען די אונטער־דריקער. און משה האָט געלאָזט וויסען פרעה'ן אז אויב ער וועט נישט אָבלאָזען די אידען מיט גוטען וועט גאָט אָנשיקען אויף מצרים פערשיידענע פלאגען. דער קעניג איז געבליבען פער'עקשנ'ט און די ווארנונגען פון גאָט'ס שליח זיינען מקוים געווארען. צוערשט איז דאס גאנצע וואסער פון דעם טייך ניל געווארען רויט ווי בלוט און די מצריים האָבען עס ניט געקענט טרינקען; די פיש פון טייך איז אויסגעשטאָרבען און די לופט איז דערפון שטארק פערפעסטעט געווארען (דם). אין א קורצער צייט ארום איז דאס גאנצע לאנד, ערד און וואסער, פארפלייצט געווארען מיט פרעש (צפרדע). זיי האָבען זיך פארפיהרט אויך אין די הייזער און האָ־בען נישט געלאָזט די מענשען לעבען. פרעה האָט זיך דערשראָקען און האָט געשיקט רופען משה'ן מיט אהרנ'ען און זיי געזאגט: „בעט צו גאָט ער זאל אָבטהאָן די פרעש פון מיר און מיין פאָלק, און דאן וועל איך אָבלאָזען די אידען." אבער ווי נאָר זיין בקשה איז ערפילט געווארען און די פרעש זיינען פערשוואונדען האָט פרעה חרטה געהאט און וויעדער ניט געוואלט פריילאָזען די אידען. דאן האָט גאָט אָנגעשיקט אויף מצרים א נייע שטראָף: דאָס גאנ־צע לאנד איז בעדעקט געווארען מיט קליינע פליגעלעך (כנים), וועלכע האָבען געביסען די מענשען און די פיה. די חרטומים האָבען געזאָגט צו פרעה'ן: „דאס איז א פינגער פון גאָט". נאָך דער קעניג איז אליץ געבליבען איינגע'עקשנ'ט. באלד נאָכדעם האָט זיך אין לאנד בעוויזען א שרעקליכער היישעריק (ארבה), וואס האָט פערניכטעט אלע תבואות אויף די פעלדער; עס האָט אויסגעבראָכען א מגפה (דבר) און האָט אוועקגעלעגט א סך פיה; עס איז אראָב־געקומען א האָגעל (ברד) און האָט צובראָכען די בוימער און גע־הרג'עט א סך מענשען און בהמות; אויף די מצריים איז אָנגעפאלען א קרעץ (שחין) פון וועלכער די הויט האָט זיך בעדעקט מיט וואונ־דען און געשווירען; און צולעצט איז אין לאנד מצרים אָנגעשטאַנען אזא גערדיכטע פינסטערניש (חשך) אז דריי טעג האָבען די מענשען

ניט געקענט זעהן איינער דעם אנדערען און זיינען ניט אויפגעשטאַ־נען פון זייערע פּלעצער.

דער חומש דערצעהלט, אז די אלע אומגליקען האָבען על פּי נס געטראָפען נאר די מצריים און ניט די אידען. נאָך יעדער מכה פלעגט דער אַנגעשראָקענער פּרעה רופען משה'ן און איהם בעטען ער זאָל מתפּלל זיין צו גאָט ער זאָל אבטהאָן די צרה, צוזאגענ־דיג דערפאר אַבצולאָזען די אידישע שקלאפען; אבער יעדען מאָל האָט ער חרטה געהאַט. נאָך דער נײַנטער מכה — די דריי טעג פינסטערניש — האָט שוין פּרעה מסכים געווען אַבצולאָזען די אי־דען אין מדבר, אבער מיט דעם תנאי אז זייערע הערדען זאלען בליי־בען אין מצרים. אבער משה האָט מיט שטאָלץ געזאָגט: „באלד וועסטו אונז אלעמען אַבלאָזען און וועסט נאָך אפילו אליין אונז געבען פיה אויף צו ברענגען קרבנות צו אונזער גאָט.” און ווירק־ליך, ווען גאָט האָט אָנגעשיקט אויף מצרים די צעהנטע און לעצטע מכה, מכת בכורות, פון וועלכער עס זיינען אויסגעשטאָרבען אלע בכורים פון די מצריים, צווישען זיי אויך פּרעה'ס עלטסטער זוהן, — דעמאָלט איז דעם קעניג'ס גרויזאמע הארץ ווייך געווארען. אין מיטען נאכט האָט ער גערופען משה'ן מיט אהרנ'ען און האָט זיך ביי זיי געבעטען זיי זאָלען וואס שנעלער אוועקפיהרען די אידען פון מצרים. די מצריים האָבען אונטערגעאיילט די אידען, זא־גענדיג: „געהט אייך אוועק, אז ניט וועלען מיר אלע אויסשטאר־בען.” אויף אזא אופן האָבען די אידען נאָך א לאנגער קנעכטשאפט מיט אמאָל געקראָגען פרייהייט.

§23. **יציאת מצרים.** די אידען האָבען זיך שנעל צוגע־גרייט אין וועג אריין. אין איין פריהלינגס־מאָרגען, דעם פופ־צעהנטען טאג אין חדש ניסן, זיינען פון מצרים ארויסגעגאנגען אלע אידען, זעקס הונדערט טויזענד אין צאָל. צו זיי זיינען אויך צו־געשטאַנען א סך מענשען פון אנדערע פעלקער („ערב רב”). משה איז געגאנגען בראש פון די בעפרייטע. די אידען זיינען אזוי איי־לענדיג ארויס פון מצרים, אז זיי האָבען אפילו קיין צייט ניט גע־האַט אָבצובאקען זיך ברויט אויפ'ן וועג. זיי האָבען מיטגענומען זייער טייג, וואס איז נאָך ניט געווען זויער, און האָבען אויף גיך אבגעבאקט מצות. אלס זכר דערפון איז ביי די אידען געווארען

א מנהג יעדען יאהר אין פערלויף פון זיבען טעג, פסח, צו עסען מצות אַנשטאַט דעם געוועהנליכען געזייערטען ברויט. אז די אי־דען זיינען ארויס פון מצרים האָבען זיי זיך געלאָזט געהן צום מדבר, וואס ליגט אויפ׳ן וועג קיין כנען. עטליכע טעג און נעכט זיינען זיי געגאַנגען אין דער וויסטעניש. די תורה דערצעהלט, אז בייטאָג פלעגט פאראויס פון די וואנדערער געהן א וואָלקען־זייל, צו ווייזען זיי דעם וועג, און ביינאכט פלעגט זיי בעלייכטען דעם וועג א פייערדיגער זייל. ווען זיי וואָלטען געוועז געהן מיט דיזען גראדען וועג וואָלטען זיי גאר גיך דערגרייכט די גרעניצען פון זייער איי־גען לאנד; אבער משה האָט זיך ניט ענטשלאָסען צו געהן מיט׳ן גלייכען וועג, מורא האָבענדיג אז די איינוואוינער פון דרום כנען זאָלען ניט ארויסגעהן פלוצלינג מיט געוועהר געגען די אידען, וועל־כע זיינען נאָך ניט געווען צוגעגרייט פאר מלחמה. דעריבער האָט דער פיהרער פון די אידען זיך פארנומען צוריק און האָט זיך אב־געשטעלט מיט׳ן פאָלק ביים צונג פון רויטען ים (ים סוף), אויפ׳ן גרעניץ פון מצרים, וואו עס איז געשטאַנען א טעמפעל פון דעם עגיפּטישען גאָט בעל צפון, דער גאָט פון מדבר.

דערווייל האָבען די מצריים חרטה געהאט וואס זיי האָבען ארויסגעלאָזט זייערע קנעכט, די אידען. פּרעה האָט זיך דערוואוסט, אז די אידען האָבען זיך פארקעהרט צום ים האָט ער גערעכענט, אז האָם בלאָנדזשען זיי, און אז דער גאָט צפון האָט זיי פארשטעלט דעם וועג צום מדבר. האָט דער עגיפּטישער קעניג גענומען א גרוי־סען חיל מיט פערד און אייזערנע רייטוועגען און האָט זיך אוועק־געיאגט נאָך די אידען צו צווינגען זיי זיך אומצוקעהרען קיין מצרים. די מצריים האָבען אָנגעיאָגט די אידען ביים ים־סוף. ווען די אידען האָבען דערזעהן דעם שונא׳ס חיל האָבען זיי זיך שטאַרק דערשראָ־קען און א סך פון זיי האָבען אָנגעהויבען קריעגען אויף משה׳ן און געזאגט: „צו־וואס האָסטו אונז ארויסגעפיהרט פון מצרים? צי זיינען אין מצרים קיין קברים ניטאָ וואס דו האָסט אונז געבראכט אהער צו אומקומען אין דער וויסטעניש?“ אבער משה האָט די שוועכלינגע ערמוטיגט. „האָט נישט קיין מורא“ — האָט ער גע־זאגט — „איהר וועט נאָך היינט זעהן דעם נס, וואס גאָט וועט מיט אייך טהאָן. היינט זעהט איהר נאָך די מצריים, אבער איהר וועט

זיי שוין קיינמאָל מעהר ניט זעהן". און ווירקליך, אין דער נאַטור איז געשעהן עטוואס אונגעוועהנליכעס, דערצעהלט דער תנ"ך. אַ שטאַרקער מזרח־ווינד האָט אָבגעטריבען אַן אַ זייט די וואסער אין דעם שמאָלען וואסער־צונג פון רויטען ים, אזוי אז אין איין אָרט האָט זיך כמעט געוויזען דער גרונד פון ים. די אידען זיינען שנעל אריבער אויף דעם דאָזיגען אָרט אזוי ווי אויף דער טריקעניש. אָבער ווען די מצריים האָבען זיך א וואָרף געטהאָן נאָך זיי האָט זיך דאָס וואסער צוריק א גאָס געטהאָן אין זיין פריהערדיגען פּלאַץ און אין איין אויגענבליק איז דאס גאנצע עגיפּטישע חיל מיט זיינע רייטוועגען און פערד דערטרונקען געוואָרען.

גרויס איז געווען די פרייד פון די אידען ווען זיי זיינען איינ־גאנצען פּטור געוואָרען פון זייערע שונאים. אויפ'ן ברעג פון רוי־טען ים האָט דאָס באפרייטע פאָלק געזונגען שירה, לויבענדיג גאָט און זיין שליח משה'ן. משה'ס שוועסטער, מרים, האָט גענומען אַ פּויק אין די הענד און האָט אויך געזונגען א זיעג־ליעד און נאָך איהר זיינען ארויס פרויען מיט פּויקען אין די הענד און האָבען גע־זונגען און געטאַנצט. די שירה האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווער־טער: „זינגט צו גאָט ווייל ער האָט זיך דערהויכט, דעם פערד מיט זיין רייטער האָט ער געוואָרפען אין ים!" דאס פאָלק האָט זיך גע־פרעהט ביי דעם געדאַנק אז ער איז בעפרייט געוואָרען פון פיעל־יעהריגער קנעכטשאַפט און געהט אין דעם לאנד פון זיינע עלטערען, קיין כנען.

§24. **היסטאָרישע אויספיהרונגען.** לויט דעם תנ"ך האָבען די אידען געלעבט אין מצרים 430 יאהר. פון די וויסענ־שאַפטליכע פאָרשונגען אין דער געשיכטע פון דעם מזרח איז נאָך ניט מעגליך פעסטצושטעלען גענוי ווען די אידען האָבען זיך בעזעצט אין מצרים און ווען זיי זיינען פון דאָרט ארויס. פונדעסטוועגען איז מעגליך דורך די דאָזיגע פאָרשונגען צו בע־שטימען פיעל־וועניג די פערבינדונג צווישען דער אידישער גע־שיכטע און דער געשיכטע פון מצרים אין יענער ווייטער עפּאָכע.

אויפ'ן עגיפּטישען טראָהן פלעגען זיך די קעניגליכע דינאס־טיעס אָפט בייטען. די קעניגליכע ממשלה פלעגט פערהאַפּען דאָס איינער, דאס אַ צווייטער פון די עגיפּטישע קריעגספיהרער

אדער פרעמדע בעזיעגער, און האלטען זי אַ געוויסע צייט אין זיין איינענער דינאסטיע. אין דער צייט ווען עס האָט געהערשט די 17טע דינאסטיע, אין ערך 2000 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, איז אַ בעדייטענדער טייל פון מצרים געווען בעזיעגט פון וואנדערנדע סעמיטען פון מדבר, וועלכע די עגיפּטישע אויפשריפטען רופען „שאסו“ (וואנדרער, בעדואינען) און די שפעטעריגע גריכישע שרייבער רופען אָן „היקסען“. די היקסען האָבען אין פערלויף פון דריי אדער פיער הונדערט יאהר געוועלטיגט אין מצרים און האָבען דאָרט בעפעסטיגט זייער „פאסטוכער־דינאסטיע“. פאַר איינעם פון די פרעה׳ס פון אָט יענער סעמיטישער דינאסטיע, זעהט אויס, האָבען די אידען איינגעוואנדערט קיין מצרים. דעמאָלט האָט עס געלעבט יענער פרעה, וועלכער האָט, לויט דער ביבלישער ערצעהלונג, געמאכט דעם אידען יוסף פאַר זיין שני־למלך און האָט ערלויבט זיינע קרובים איבערוואנדערען פון כנען און זיך בעזעצען אין דער עגיפּטישער פראווינץ גושן. אין גושן האָבען די אידען געלעבט אלס פריעדליכע פאסטוכער, און טיילווייז ערדארבייטער, ביז עס האָט זיך געענדיגט די הערשאפט פון די היקסען אין מצרים. אַרום 1600 יאָהר פאַר דער איצטיגער צייטרעכנונג איז די פרעמדע פאסטוכער־דינאסטיע ארונטערגעווארפען געוואָרען אין מצרים האָט זיך צוריק בעפעסטיגט די מעכטיגע נאציאָנאלע דינאסטיע פון די פרעה׳ס, די טעבאנישע אָדער די 18טע. די שנאה פון די תושבים צו זייערע געוועזענע אונטערדריקער, די היקסען, האָט זיך איצט פארשפרייט אויף אלע סעמיטען־פאסטוכער, און איבערהויפט אויף די אידען, וועלכע האָבען געוואוינט אין גושן. און מען האָט זיי געמאכט פאַר קנעכט. די מלכים פון דער נייער דינאסטיע, פאַר וועלכע מיליאָנען שקלאפען האָבען געבויט שטעדט, פראכטפולע טעמפלען, דענקמעלער און פיראמידען, האָבען איינגעשפאנט אויך די אידען אין דער דאָזיגער צוואנג־ארבייט. איינער פון די דאָזיגע מלכים איז עס געווען דער „מלך חדש“, דער נייער קעניג, פון וועלכען עס זאָגט זיך אין חומש, אז ער האָט פיינט געהאט די אידען און האָט זיי געהייסען פערשקלאפען.

פון די צוויי שטעדט וואס די אידען האָבען אויסגעבויט אין מצרים, פיתם און רעמסס, איז דער אנדערער נאָמען נאָך צוויי פּרעה'ס פון דער 19טער דינאַסטיע, רעמסס דעם ערשטען, און רעמסס דעם צווייטען. פאַר רעמסס דעם צווייטען (אין יאהר 1300), וועלכער איז בעריהמט פאַר זיינע גרויסע עראָ־בערונגען און ריעזיגע געביידען האָבען די אידען איבערגעלעבט די גאנצע ביטערקייט פון דער קנעכטשאַפט אין מצרים. ערשט אין דער צייט פון זיין נאָכפאָלגער מענעפּטא דעם ערשטען, ווען די מאַכט פון מצרים האָט אָנגעהויבען צו זינקען צוליעב די מרידות פון די קנעכט אין לאַנד אינוועניג און די אָנפאַלען פון וואַנדערענדע שבטים פון דרויסען, האָבען די פערשקלאַפטע אידען געקענט זיך בעפרייען פון זייערע אונטערדריקער. זיי האָבען אינגאַנצען פערלאָזען מצרים און זיינען אוועק אין די שכנ'ישע מדבריות, וואו עס האָבען אומגעוואַנדערט זייערע קרוב'ישע סעמיטישע שבטים. אויף אַזאַ אופן איז יציאת מצרים פאָרגעקומען, לויט די חשבונות פון די עגיפּטאָלאָגען, אַרום 1250 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, דאָס הייסט, אַרום 3150 יאָהר פאַר אונזער צייט.

דער העלד פון דער בעפרייאונג פון דעם אידישען פאָלק איז געוועזען דער גרעסטער פון זיינע זיהן — משה. ער קומט אַרויס פון דעם פּריסטער־שבט, לוי, וועלכער, זעהט אויס, איז געשטאַנען נעהנטער צו די מצריים איידער די איבעריגע שבטים. די שקלאַפערייַ פון די אידען וועקט אויף אין משה'ן אַ געפיהל פון רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען פּראָטעסט. ער פערלאָזט דאָס לאַנד פון קנעכטשאַפט און וואוינט לאַנג אין דעם דערבייאיגען מדבר, נעבען באַרג סיני אדער חורב. דאָ האָבען געלעבט די קינים, וועלכע זיינען געוועזען אַ צווייג פון די מדינים און זיינען דעריבער געוועזען פערוואַנדט מיט די אידען. משה נעהמט זיך פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון אַ כהן פון דעם דאָזיגען שבט. עס איז פאַראַן אַ השערה, אַז די קעניטען זיינען מיט זייער גלויבען געשטאַנען נאָהנט צו דעם אידישען גלויבען אין אַן איינציגען גאָט, און זיי האָבען געהאַלטען דעם אידישען גאָט פאַר דעם גאָט פון זייער שבט און האָבען געדיענט צו איהם אויפ'ן הייליגען

בארג סיני. אויף אזא אופן האָט זיך משה אין דער וויסטעניש נעבען מצרים געקראָגען פריינד צווישען די קעניטער. ערמונ־טערט דערפון, קעהרט ער זיך אום קיין מצרים, הויבט אויף דעם גייסט פון זיין פערשקלאַפטען פאָלק, און אזוי ווי די עגיפ־טישע מלוכה איז געווען אבגעשוואכט, נוצט משה אוים די גע־לעגענהייט און פיהרט ארוים זיינע פאָלקסברידער פון מצרים אין דער וויסטעניש. די בעפרייטע קנעכט לאָזען זיך אוועק צו די וואַנדער־ערטער פון דעם פריינדליכען שבט, די קינים, דאָרט וואו עס איז געשטאַנען דער הייליגער באַרג סיני.

דריטער קאַפיטעל.

די אידען אין מדבר.

§25. פון ים־סוף ביז'ן באַרג סיני. פון ים־סוף האָט משה אוועקגעפיהרט די אידען אין מדבר שור. דאָ אין דעם זאמדיגען מדבר האָבען די וואַנדערער שטאַרק געליטען פון א דוחק אין וואַ־סער. אין איין אָרט האָבען זיי געפונען וואסער, אָבער מען האָט עס ניט געקענט טרינקען, ווייל עס איז געווען ביטער. דאס פאָלק האָט אָנגעהויבען קריעגען אויף משה'ן. דאן האָט משה אריינגע־וואָרפען אין דעם וואסער א געוויסען האָלץ, און דאָס וואסער איז געוואָרען זיס. נאָכדעם האָבען זיי אָנגעטראָפען אין מדבר אן אָאזיס, (אן אָרט אין א וויסטעניש וואס איז בעדעקט מיט פלאַנ־צען), מיט'ן נאָמען אלים, וואו עס האָבען געשלאָגען קוואלען און עס זיינען געוואקסען פאַלמען.

פון דאנען זיינען זיי אוועק אין מדבר סין, און דא האָט זיי אויסגעפעהלט שפייז. דאס פאָלק האָט ווידער אנגעפאנגען צו קלאָגען אויף משה'ן און אהרנ'ען, און געזאגט: „אין מצרים זיינען מיר געזעסען איבער'ן קעסעל פלייש און געגעסען ברויט צו דער זעט, און איצט האָט איהר אונז ארויסגעפיהרט אין דער וויסטע־ניש, צו טויטען אונז אלעמען דורך הונגער". אויף מאָרגען אין דערפריה, ווען די אידען זיינען אויפגעשטאנען, האָבען זיי דער־

זעהן אויף דער ערד ארום זייער לאגער עפּעס ווייסעס, אזוי ווי קלעפּיגע גרייפּעלעך. *)

„אַט האָט אייך גאָט געשיקט ברויט“ — האָט משה געזאגט — „איהר וועט עס קלייבען יעדען פריהמארגען צו איין מאָס אויף א מענשען. און דעם זעקסטען טאָג פון וואָך זאלט איהר אָנקלייבען צוויי מאָל אזוי פיעל, כדי אָנצוגרייטען אויף שבת“. די אידען האָבען גענומען קלייבען די ווייסע גרייפּעלעך, און האָבען עס א נאָמען געגעבען מן. פון דעם מן האָבען זיי זיך געבאקט זיסע קובען און געקאָכט זופּ. דער מן פלעגט פאלען יעדען פריהמאָרגען, און בייטאג פלעגט ער צוגעהן פון די שטראהלען פון דער זון און פערשווינדען. ער האָט געשפּייזט די אידען די גאנצע צייט פון זייער וואנדערונג אין דער וויסטעניש.

אין קורצען נאָכדעם זיינען די אידען אנגעקומען אין א באַר־גיגען געגענד, רפידים. דאָ איז אויף זיי אנגעפאלען דער ווילדער שבט עמלקים, וואס האָט זיך אומגעטריבען אין דעם מדבר. משה האָט ארויסגעשיקט אנטקעגען די עמלקים א מחנה קריעגער אונטער דער פיהרערשאפט פון זיין תלמיד און העלפער יהושע בן־נון. דער יונגער העלד האָט אבגעשלאָגען דעם אנפאל פון די מדבר־רויבער, און די בערוהיגטע אידען האָבען זיך געריהרט ווייטער אין וועג אריין.

אין א קורצער צייט ארום זיינען זיי אָנגעקומען אין מדבר סיני (דער האלב־אינזעל סיני). זיי האָבען זיך אויסגעלעגט מיט זייער לאגער נעבען דעם הייליגען בארג חורב, וועלכער ווערט אויך אָנ־גערופען מיט'ן נאָמען פון דעם מדבר סיני, דארט וואו אמאָל האָט זיך גאָט בעוויזען צו משה'ן אין א ברענענדיגען דארנבוים. ארום דעם בארג האָבען געלעבט די מדינים, צווישען וועלכע דער אידי־שער פיהרער האָט פערבראכט זיין יוגענד. ווען יתרו האָט זיך דערוואוסט, אז זיין איידים משה איז אָנגעקומען, איז ער געגאנגען צו איהם. יתרו האָט זיך דערפרעהט ווען מען האָט איהם דער־צעהלט ווי אזוי די אידען האָבען זיך בעפרייט פון דעם יאָך פון

*) אין איניגע ערטער אין אַראַבישען מדבר טריפט אָפטמאָל פון די קוסטעס אַ מין גערדיכטע זאַפט, וואָס איז זיס ווי האָניג. די אַראַבער קלייבען עס אויף און עסען עס.

מצרים. לעבענדיג אין דעם אידישען לאגער, האָט יתרו בעמערקט, אז משה איז פון בעגינען ביז שפעט ביינאכט פארנומען מיט פער־וואלטען דאס פאָלק און ריכטען זיינע משפטים. און ער האָט איהם געזאגט: „דו טהוסט נישט גוט וואס דו פערוואלטסט דאס פאָלק אליין; דו וועסט דאָך אזוי פערמאטערען זיך און דאס פאָלק. מיין עצה איז, אז דו זאלסט אויסקלייבען פון צווישען פאָלק עהר־ליכע און קלוגע לייט, און זאלסט זיי בעשטימען פאר עלטסטע, וועמען איבער טויזענד מענשען, וועמען איבער הונדערט, און וועמען איבער צעהן. זיי וועלען פערוואלטען דאס פאלק, און פסק'נען אלע זיינע משפטים, און צו דיר וועלען זיי זיך ווענדען נאָר אין בעזונדערס וויכטיגע ענינים". משה'ן איז דער פלאן געפעלען גע־וואָרען און ער האָט געטהאָן ווי זיין שוועהר האָט איהם געראטען.

§26. מתן תורה. צוויי חדשים זיינען אריבער זינט די אידען זיינען ארויס פון מצרים. די אידען זיינען געווען פריי און זיינען געגאנגען קיין כנען, דארט צו אָנהויבען לעבען אלס א זעלבסטשטענדיג פאלק. אָבער איידער זיי זיינען אריינגעטראטען אין דעם אייגענעם לאנד, האָבען די בעזונדערע אידישע שבטים גע־דארפט פעראייניגט ווערען דורך איינהייטליכע געזעצען און כללים פון לעבען. ביז איצט האָבען די אידען אויפגעהאלטען זייער אל־טען גלויבען אין אן איינציגען גאָט און אבגעהיט אייניגע מנהגים, וואס זיי האָבען גע'ירש'עט פון זייערע אבות. אבער קיין קלארען בעגריף וועגען גאָט און וועגען דעם אמת'ן גלויבען האָבען זיי ניט געהאט; זיי האָבען אויך ניט געהאט קיין פעסטגעשטעלטע גע־זעצען פון געזעלשאפטליכען און מאָראלישען לעבען. זייענדיג לאנג אין מצרים, האָבען אייניגע דארט איבערגענומען היידנישע מנהגים. עס איז דעריבער נויטיג געווען צו ווייזען די אידען אין וואס עס בעשטעהט זייער אמת'ע אמונה און נאָך וועלכע געזעצען זיי דארפען זיך פיהרען. די דאָזיגע גרויסע געשעהעניש איז פאָר־געקומען ביים בארג סיני.

נאָכדעם ווי די אידען האָבען אויפגעשלאָגען זייערע געצעלטען נעבען דעם דאָזיגען בארג, האָט זיי משה צוזאמענגערופען און זיי געזאגט אין נאָמען פון גאָט: „איהר האָט געזעהן וואס גאָט האָט געטהאָן צו די מצריים. ער האָט אייך געטראגען אויף אדלער־



דער בארג סיני.

פליגעל און אייך געבראכט צו איהם. אויב איהר וועט פאָלגען גאָט און וועט אָבהיטען זיינע געבאָט וועט איהר זיין פאר איהם דאָס טייערסטע פון אלע פעלקער אויף דער ערד. איהר וועט זיין א קעניגרייך פון כהנים און א היילינגעס פאלק". אויסהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט דאס פאָלק אויסגעשריען: „אלץ וואס גאָט האָט געזאגט וועלען מיר פאָלגען!" נאָכדעם האָט משה אנגעזאגט די אידען זיי זאָלען זיך וואשען און רייניגען אין פערלויף פון צוויי טעג, כדי צו מאכען זיך גרייט פאר דער גרויסער געשעהעניש. אויפ'ן דריטען טאָג אין דער־פריה האָט משה ארויסגעפיהרט די אידען פון לאגער און האָט זיי אויסגעשטעלט אין א לאנגער קייט ביי די פיס פון דעם בארג סיני. און האָט זיי אנגעזאגט, אז העכער אויפ'ן בארג זאָל קיינער ניט ארויף.

פון פריהען מאָרגען איז דער בארג געשטאנען איינגעהילט אין געדיכטע וואלקענס; דונערען האָבען געקנאלט און בליצען האָבען געבליצט. דער שפּיץ פון בארג האָט אלע וויילע אויפגעפלאַ־קערט. דער גאנצער סיני איז געשטאנען אין פלאמען און אין רויך. משה איז ארויף אין דער הויך און צווישען קראַכענדע דו־נערען און פייערדיגע בליצען האָט זיך פון דעם שפּיץ פון בארג צולאזט א מעכטיגע שטים. און דאס פאָלק האָט דערהערט פאָל־גענדע ווערטער, אין וועלכע עס זיינען ענטהאלטען די גרויסע גע־באָטען פון דער אידישער רעליגיאָן:

א) איך בין גאָט, דיין גאָט, וואס האָט דיך ארויסגעפיהרט פון לאנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאפט.

ב) זאָלסט ניט האָבען קיין אנדערע געטער חוץ מיר; דו זאָלסט זיך ניט מאכען קיין אבגעטער און קיין געשטאלט, וואס איז אין הימעל אויבען, און אויף דער ערד אונטען, און אין וואסער אונטער דער ערד. און זאלסט זיך צו זיי ניט בוקען, און זאָלסט זיי ניט דיענען.

ג) דו זאלסט ניט ארויסרעדען גאָט'ס נאָמען צו פאלשקייט.

ד) געדענק צו האלטען היילינג דעם טאג שבת: זעקס טעג זאָלסטו ארבייטען און טהאָן דיין מלאכה, און דער זיבעטער טאָג זאָל זיין א רוה־טאָג צו דיין גאָט; זאָלסט ניט טהאָן קיין ארבייט, דו, און דיין זוהן און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דיענסט,

און דיין פּיה, און דער פרעמדער וואס וואוינט אין דיינע טויערען.
ה) זאָלסט אבגעבען כבוד דיין פאטער און מוטער, כדי עס זאָלען לאַנג זיין דיינע טעג אויף דער ערד וואס גאָט גיט צו דיר.
ו) זאלסט ניט מאָרדען.
ז) זאלסט ניט זיין אויסגעלאסען.
ח) זאלסט ניט גנב'ענען.
ט) זאלסט ניט פאלש עדות זאגען געגען דיין חבר.
י) זאָלסט ניט גלוסטען דאס הויז פון דיין פריינד; זאלסט ניט גלוסטען די ווייב פון דיין פריינד און זיין קנעכט און זיין דיענסט, זיין אָקס און זיין עזעל און אלץ וואס געהערט צו דיין פריינד.

דאָס פאָלק, וואס איז געשטאנען צופוסענס דעם בארג סיני האָט מיט ציטערניש אויסגעהערט די דאָזיגע הויכע געבאָטען פון גלויבען, גוטסקייט און עהרליכקייט, און איז זיך צוגאנגען איבער די געצעלטען. אָבער משה איז נאָך געבליבען אויפ'ן בארג סיני פערציג טעג און פערציג נעכט. דא, דערצעהלט דער חומש, האָט איהם גאָט איבערגעגעבען נאָך פיעל געזעצען, וועלכע לערנען ווי אזוי יעדער איד דארף לעבען און זיך אויפפיהרען אין זיין פאמי־ליע און אין דער געזעלשאפט. כדי צו פעראייביגען די תורה וואס איז געגעבען געווארען אויפ'ן בארג סיני האָט משה אויסגעקריצט די וויכטיגסטע צעהן געבאָט אויף צוויי שטיינערנע טאָוולען, אדער לוחות, וועלכע האָבען געדארפט געהיט ווערען צווישען פאלק ווי א הייליגקייט. אלע איבעריגע געזעצען זיינען שפּעטער פערשריבען געווארען אין א בוך, מיט'ן נאָמען „ספר הברית“, דאָס בוך פון בונד.

§27. דער עגל. נאָר ניט דאס גאנצע אידישע פאלק האָט פערשטאנען די גרויסע אמת'ען וואס זיינען ארויסגעזאגט געוואָרען אויף דער הויך פון בארג סיני. צווישען די אידען זיינען געווען א סך פינסטערע מענשען וואס האָבען אוועקגעטראגען פון מצרים פאלשע בעגריפען און א נייגונג צו געצענדיענסט. די דאָזיגע מענ־שען האָבען געוואלט, אז דער אידישער גאָט זאָל, אזוי ווי די הייד־נישע אבגעטער, פארגעשטעלט ווערען אין דער געשטאלט פון א געצענבילד, וועלכען מען קען זעהן מיט די אויגען און אָנטאפען מיט

די הענד. זעהענדיג אז משה זאמט זיך לאנג אויפ'ן בארג סיני, האָבען זיי גענומען פאדערען פון אהרנ'ען, אז ער זאָל זיי מאכען א בילד פון גאָט אין דער געשטאלט פון א קאלב, עהנליך צום עגיפּ־טישען געץ, דעם אקס אפּיס. אהרן איז געצוואונגען געווען צו טהאָן דעם ווילען פון דעם פראסטען המון. די אידען האָבען געבראכט צו אהרנ'ען זייער גאָלדענע צירונג. ער האָט דאָס גאָלד צושמאָל־צען און אויסגעגאסען דערפון א געץ אין דער פאָרמע פון א קאלב. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען טאנצען ארום דעם גאָלדענעם קאלב און האָט געשריען: „אָט איז אונזער גאָט, וואס האָט אונז ארויס־געפיהרט פון מצרים". פאר'ן עגל האָט מען אויסגעבויט א מזבח און מען האָט געבראכט קרבנות פון הויזליכע פיה. און דאָס פאָלק האָט געהוליעט און זיך פרעהליך געמאכט.

דערווייל האָט משה, נאָך פערציג טעג זאמען אויפ'ן הייליגען בארג, זיך אומגעקעהרט אין אידישען לאגער און אין די הענד האָט ער געהאלטען צוויי לוחות מיט די עשרת הדברות אויסגעקריצט אויף זיי. נאָך פון דערווייטענס האָט ער דערהערט דעם טומעל פון א סך שטימען. אריינטרעטענדיג אין לאגער און דערזעהענ־דיג ווי דאס פאָלק טאנצט ארום א גאָלדענעם קאלב, איז ער אריינ־געפאלען אין א שרעקליכען צארן. ער האָט געטראגען פון סיני צום פאָלק די לעהרע פון דעם אמת'ן גאָט און פלוצלינג זעהט ער ווי דאָס דאָזיגע פאָלק טאנצט ארום א געץ! פאר כעס האָט משה א שליידער געטהאָן די שטיינערנע לוחות אויף דער ערד און האָט זיי צושמעטערט אויף שטיקלעך. דאן האָט ער געחאפּט דעם גאָלדע־נעם געץ און איהם אריינגעווארפען אין פייער. דערנאָך האָט משה אויסגערופען: „ווער צו גאָט — צו מיר!" און געקומען זיינען אלע פון משה'ס אייגענעם שבט לוי, וועלכע האָבען זיך ניט פעראומ־ווערדיגט דורך בוקען זיך צום געץ. בעוואפענטע לויים האָבען זיך ארויפגעווארפען אויף דעם המון, וואס האָט זיך געבוקט צום גאָל־דענעם קאלב און א סך פון זיי גע'הרג'עט.

א לאנגע צייט איז משה געווען אין כעס אויף די אידען פאר דער בעגאנגענער זינד, נאר ענדליך, זעהענדיג אז דאס פאָלק האָט חרטה, איז זיין כעס געשטילט געווארען. משה האָט אויסגעהאקט נייע לוחות, און האָט אויף דאָס ניי אויסגעקריצט אויף זיי די

עשרת הדברות. צופוסענס פון בארג סיני האָט מען אויפגעשטעלט א נייעם מזבח פון צוועלף גרויסע, ניט ארומגעהאַקטע שטיינער, נאָך דער צאָל פון די צוועלף אידישע שבטים. ווען משה איז צום צווייטען מאָל ארונטער פון בארג סיני מיט די נייע לוחות איז זיין געזיכט געווען ארומגערינגעלט מיט א שטראַהלענדען שיין. די אידען האָבען דערפיהלט א יראת־הכבוד צו זייער גרויסען פיה־רער און האָבען אָנגעהויבען גלויבען אז גאָט רעדט צו זיי דורך איהם.

§23. דער משכן און דער אידישער לאַגער. ווען די אידען האָבען געלעבט אין מדבר סיני האָט זיי משה געהייסען אויסבויען א בעוועגליכען געצעלט, וועלכער זאָל דיענען אלס גאָט׳ס הויז פאַר׳ן וואנדערנדען פאָלק. מיט פרייד האָבען זיך די אידען גענומען פאַר דער ארבייט. יעדערער, ווער וויפיעל ס׳האָט געקענט, האָט געבראַכט עפּעס פון בוי־מאַטעריאַל: האָלץ, מעטאַלען, פער־שיידענע געוועבען, און פעל פון חיות. פאַר אויפזעהער איבער דער ארבייט האָט משה בעשטימט צוויי מענשען, בצלאל און אהליאב, וועלכע האָבען זיך אין מצרים אויסגעלערנט די קונסט פון בויען. אין גיכען איז דער געצעלט פארטיג געווען. אין מיטען געצעלט איז געשטאַנען אן ארון, בעפּוצט פון אויבען מיט געפליגעלטע פי־גורען, אדער כרובים; אין דעם דאָזיגען ארון האָט מען געהיט דאָס גרעסטע הייליגטום פון פאָלק — די שטיינערנע לוחות מיט די עשרת הדברות. דער געצעלט איז געווען ארומגערינגעלט מיט א הויף, און אין מיט׳ן הויף איז געשטאַנען א מזבח פאַר קרבנות. דער דאָזיגער גאנצער געביי האָט געהייסען אהל־מועד, אדער משכן. אהרן און זיינע זיהן זיינען בעשטימט געוואָרען פאַר די כהנים פוי דעם משכן און א סך לויים האָבען דאָרט געדיענט אלס ארוים־העלפער. פאַר די הייליגע דיענער איז בעשטימט געוואָרען א בע־זונדער קליידונג.

דער אהל־מועד איז געשטאַנען אין מיטען פון דעם אידישען לאַגער. דער דאָזיגער לאַגער איז געווען אויסגעשטעלט אזוי ווי א קריעגס־לאַגער, ווארום די אידען האָבען זיך געגרייט איינצונעהמען כנען. משה האָט געמאַכט פאַר א חוב אויף אלע געזונטע מאַנס־לייט, אָנפאַנגענדיג פון דעם עלטער פון צוואנציג יאָהר, צו דיענען



דער משכן און דער אידישער לאגער ארום איהם.

אין מיליטער. בלויז די לויים, וועלכע זיינען געווען בעשטימט פאר'ן משכן, זיינען געווען פריי פון מיליטערדיענסט. אינגאנצען, אויסער די לויים, זיינען געווען צוועלף שבטים (ווארום יוסף'ס שטאם האָט זיך געטיילט אויף צוויי שבטים, אפרים און מנשה). זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט ארום דעם משכן אין קריעגס־געצעלטען. אם נאָהנטסטען צום משכן זיינען געשטאנען די געצעלטען פון דעם שבט לוי, צו וועלכען עס האָבען געהערט משה, אהרן און אלע בעדיענער פון דעם משכן. ארום דעם שבט לוי האָבען געלאגערט די איבעריגע צוועלף שבטים, צו דריי אויף יעדער זייט; יעדע דריי שבטים האָבען געבילדעט א בעזונדער מחנה, און האָבען געהאט אן אייגענע פאָהן. יעדער שבט האָט געהאט זיין עלטסטען. ווען מען האָט זיך געדארפט לאָזען אין וועג אריין פלעגען די כהנים בלאָזען אין שופרות, און אלע מחנות פלעגען זיך אָנהויבען ריהרען אין דער זעלבער ארדנונג ווי זיי זיינען געשטאנען; די לויים זיינען געגאנגען אין מיטען, טראגענדיג אויף די הענד דעם אהל מועד און דעם ארון קודש, און ארום זיי — די פיער מחנות מיט זייערע פאהנען. צו די אידען איז צוגעשטאנען א מחנה פון מדינים, אונטער דער פיהרערשאפט פון חובב, א ברודער פון משה'ס ווייב. חובב האָט גוט געקענט אלע וועגען פון דעם מדבר און איז געווען ניצליך פאר די אידען אלס א געניטער וועגווייזער.

§29. די מרגלים; קרח'ס אויפשטאנד. אן ערך א יאָהר האָבען די אידען אבגעלעבט אין מדבר סיני. נאָכדעם ווי זיי האָבען געפייערט דעם צווייטען פסח נאָך זייער בעפרייאונג פון מצרים, האָבען זיי זיך אין פריהלינג געלאזט געהן ווייטער צו כנען. נאָך א צייט וואנדערען זיינען זיי אנגעקומען קיין קדש. דאָס איז געווען אן אָאזיס, ניט ווייט פון דעם גרעניץ פון דרום כנען. עס איז געקומען די צייט אריינצוטרעטען אין דעם אייגענעם לאנד. די אידען האָבען אויפגעשלאָגען זייער לאגער אין קדש און האָבען אויסגעקליבען פון צווישען זיך צוועלף מענשען, צו איינעם פון איטליכען שבט, און זיי געשיקט פאראויס קיין כנען אויסצוקוקען דאס לאנד, צו זעהן וואס פאר אן ערד דאָרט איז, וואס זיינען איהרע פלאנצען און די מענשען וואס וואוינען דאָרט. צווישען די דאָזיגע אויספארשער, אדער מרגלים, זיינען געווען די

קריעגספיהרער יהושע בן־נון פון שבט אפרים און כלב בן יפונה פון שבט יהודה. די מרגלים זיינען דורכגעגאנגען דאס גאנצע לאנד כנען, פון דרום ביז צפון, און האבען עס אויסגעקוקט. נעבען חברון האבען זיי אבגעשניטען עטליכע פירות פון בוימער און עטליכע ענגלען ווייגטרויבען, וועלכע זיינען געווען זעלטען מיט זייער גרויס, און האבען עס מיטגענומען צו ווייזען די אידען.

אין פערציג טעג ארום זיינען די מרגלים געקומען צוריק אין אידישען לאגער אין קדש און האבען דערצעהלט פאלגענדעס: „מיר זיינען דורכגעגאנגען דאס גאנצע לאנד כנען. די ערד דארט איז ווירקליך רייך און פרוכטבאר, און אט זיינען איהרע פירות. נאר דאס פאלק וואס וואוינט דארט איז זעהר שטארק, און זיינע שטעדט זיינען גרויסע און בעפעסטיגטע. מיר האבען דארט געזעהן מענשען־ריעזען, אנטקעגען וועלכע מיר האבען אויסגעזעהן ווי פליגען“. און די שליחים, אויסער כלב'ן און יהושע'ן, האבען ערקלערט, אז עס איז קיין האפנונג ניטא איינצונעהמען כנען. די רייד פון די מרגלים האבען ארויסגערופען גרויס טרויער אין פאלק. א סך האבען געוויינט, און די וואס האבען זיך נאך ניט אבגעוועהנט פון קנעכטשאפט, האבען געשריען, אז מען דארף זיך אומקעהרען צוריק קיין מצרים. כלב און יהושע האבען געפרובט בערוהיגען דאס פאלק: „אויב גאט וועט זיין בארמהערציג מיט אונז וועט ער אונז אריינפיהרען אין דיזען לאנד, און וועט עס אונז אבגעבען, אבוואהל דארט וואוינען שטארקע מענשען. שרעקט אייך ניט פאר זיי!“ אבער דער אויפגערעגטער המון האט ניט געהערט די צוויי מוטיגע שליחים און האט אפילו געוואלט זיי פערשטיינען.

דאס אלץ האט משה'ן טיעף געקרענקט. ער האט ענדליך פערשטאנען, אז מיט אזעלכע מענשען, וואס די לאנגע קנעכטשאפט אין מצרים האט דערשלאגען זייער מוט, וועט זיין אונמעגליך איינצונעהמען כנען, און אז מען דארףווארטען ביז עס וועט אויפקומען א נייער דור, וואס וועט זיין אויפגעוואקסען אין פרייהייט. האט ער ערקלערט די אידען, אז זיי וועלען אומוואנדערען אין דעם מדבר נאך פערציג יאהר, אזוי לאנג ביז עס וועט אינגאנצען אויסשטארבען דער אלטער דור וואס איז ארויס פון מצרים, און

עס וועט אויסוואַקסען דער יונגער דור, וואָס וועט זיין מעהר מוטיג און פעהיג אויף געוואַגטע מלחמות, און זיי, די נייע מענשען, וועלען אריינטרעטען אין כנען. און משה האָט בעפעהלען צו לאָזען זיך ווייטער וואַנדערען איבער דער ברייטער וויסטעניש, פאַזע דעם רויטען ים. ווען דאָס פאָלק האָט עס דערהערט איז עס אריינגעפאַלען אין טיעפען טרויער. איינינע ענטשלאָסענע מענשען האָבען ניט געוואָלט פאָלגען משה'ן. זיי האָבען זיך אָבגעטיילט פון לאַגער און זיינען אוועק גלייך אין די בערג, אין דער זייט פון כנען. נאָר דאָ זיינען פון די בערג אַרונטערגעלאָפען די ווילדע עמלקים און האָבען זיי צוטריבען.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט זיך דער גרעסטער טייל אידען אונטערגעגעבען דעם ווילען פון משה'ן. אָבער אין אַ געוויסען טייל פון פאָלק האָט נאָך געגליהט אַן אונצופריעדענקייט מיט דער אונבעגרענצטער מאַכט פון דעם גרויסען פיהרער. די דאָזיגע אונצופריעדענקייט האָט אַרויסגעפלאַצט אין דעם אויפשטאַנד פון קרח'ן. צוויי הונדערט און פופציג חשוב'ע לייט, וועלכע זיינען געוועזען אָנגעפיהרט פון קרח'ן פון שבט לוי, און דתן און אבירם פון שבט ראובן, האָבען מורד געווען געגען משה'ן און אהרנ'ען. „גענוג אייך צו הערשען!" — האָבען געשריען די מורדים — אונזער גאַנצע עדה איז הייליג; וואָרום זשע שטעלט איהר זיך העכער פון דעם גאַנצען פאָלק פון גאָט?" זיי האָבען פאַרגעוואָרפען משה'ן, למאי ער האָט די אידען אַרויסגעפיהרט פון מצרים און קיין כנען האָט ער זיי ניט געבראַכט, און ער צווינגט זיי אַלעמען אומקומען אין דער וויסטעניש. דאָס פאָלק האָט זיך גענומען קלייבען אַרום די געצעלטען פון די מורדים, און עס איז געווען אַ סכנה, אַז דער אויפשטאַנד וועט זיך צעוואַקסען. דעמאָלט, דערצעהלט דער חומש, האָט משה בעפעהלען דאָס פאָלק אָבצוטרעטען פון די געצעלטען פון די דאָזיגע שווערפערזינדיגטע מענשען. און ווי נאָר דאָס פאָלק איז אָבגעטראָטען איז געשעהן אַ וואונדער: אויף יענעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען קרח מיט זיינע לייט, האָט זיך געשפאָלטען די ערד, און אַלע מורדים מיט זייערע געצעלטען און מיט זייער גאַנצען פאַרמעגען זיינען איינגעזונקען אין דעם געעפענטען אָבגרונד. פיעל אידען וואָס האָבען געהאַלטען מיט די מורדים זיינען אומגעקומען פון אַ מגפה.

§30. דער דור המדבר. נאָך דער געשיכטע מיט די

מרגלים האָבען די אידען געלעבט אין מדבר אַן ערך פון פערציג יאָהר. צום טייל האָבען זיי געפיהרט אַן איינגעזעסענעם לעבען, אין דעם אַזים קדש, און צום טייל האָבען זיי אומגעוואַנדערט אין די דער־בייאיגע סטעפּעס, נעבען דרום כנען. געלעבט האָבען זיי אין געצעל־טען און האָבען זיך בעשעפטיגט מיט האָדעווען פיה און אַביסעל ערד־ארבייט. פאַר אַ זכר פון יענער צייט איז שפּעטער ביי די אידען געוואָרען אַ מנהג צו בויען געצעלטען אָדער „סכות" און פייערען דעם הערבסטליכען יום־טוב סכות זיבען טעג.

אין משך פון יענער צייט זיינען ביסלעכווייז אויסגעשטאָרבען די עלטערע מענשען, וואָס זיינען ארוים פון מצרים, און עס איז אונ־טערגעוואַקסען אַ יונגער דור, וועלכען משה האָט אויפגעצויגען אין פרייהייט און ריינעם גלויבען. משה האָט ניט געאַרבייט אַליין. ער האָט געהאַט ארום זיך אַ ראַט פון זיבעציג זקנים אָדער עלטסטע, וועלכע האָבען איהם געהאָלפען צו רעגירען דאָס פאָלק. אהרן איז געוועזן דער כהן גדול און די לויים האָבען געדיענט ביים אהל מועד און געהאָלפען משה'ן צו לערנען און ערציהען דאָס פאָלק.

ווען די צייט וואָס משה האָט בעשטימט צו בלייבען אין מדבר האָט זיך שוין געדאַרפט ענדיגען האָבען זיך די אידען אָנגעהויבען צורוקען צו די גרעניצען פון כנען. ביי די דאָזיגע גרעניצען, אין דרום און אין מזרח, האָבען געלעבט די קריעגערישע פעלקער אדום, מואב און אמורי. משה האָט צוערשט געפּרובט פועל'ן מיט גוטען ביי די מלכים פון די דאָזיגע פעלקער זיי זאָלען דורכלאָזען די אידען קיין כנען. ער האָט געשיקט שלוחים צום קעניג פון אדום און איהם גע־לאָזט אזוי זאָגען: „אַזוי זאָגט דיין ברודער ישראל: ערלויב אונז דורכצוגעהן דורך דיין לאַנד; מיר וועלען ניט געהן, ניט איבער דיינע פעלדער און ניט איבער דיינע וויינגערטנער, און מיר וועלען ניט טרינקען דאָס וואַסער פון דיינע ברונימער, נאָר מיר וועלען געהן מיט'ן גרויסען וועג, ביז מיר וועלען ארויס פון דיין גבול". אָבער דער קעניג פון אדום האָט אָבגעזאָגט די דאָזיגע פריינדליכע בקשה. דעמאָלט האָבען די אידען געמוזט געהן אַרום אדום. אויפ'ן וועג איז געשטאָרבען אהרן, אויפ'ן בארג הר. און אויף זיין אָרט איז געוואָרען כהן גדול זיין זוהן אליעזר. אַביסעל פריהער איז אויך גע־שטאָרבען משה'ס שוועסטער, מרים.

§31. די עראָבערונג פונ'ם עבר־הירדן. אויסמיידענדיג דאָס לאַנד פון אדום האָבען זיך די אידען אָבגעשטעלט צו דרום־מזרח פון כנען, נעבען מואב. א גרויסען טייל פון דעם דאָזיגען לאַנד האָט נאָך פריהער איינגענומען סיחון, דער מעכטיגער קעניג פון אמורי. די לענדער פון די אמורים האָבען זיך געצויגען אין דער לענג פון דעם גאַנצען מזרח ברעג פון ירדן. האָט משה געשיקט שלוחים צו סיחונ'ען מיט דער בקשה ער זאָל דורכלאָזען די אידען דורך דעם דאָזיגען לאַנד. אָבער סיחון האָט ניט נאָכגעגעבען משה'ס פערלאַנג און איז אַרוים געגען איהם מיט א גרויסען חיל. די אידען האָבען געקעמפפט העלדיש און האָבען געבראַכט אויף די אמורים א גרויסע מפלה. זיי זיינען אריינגעדרונגען אין לאַנד און האָבען פאַרנומען די הויפט שטאָדט חשבון. זייענדיג ערמוטיגט דורך דיזען נצחון האָבען זיך די אידען געלאָזט געהן ווייטער צו צפון, קיין בשן, — א לאַנד, וואָס איז געווען רייך אין ווידען. דאָ איז געגען זיי אַרויסגעטראָטען עוג, דער קעניג פון בשן, וועלכער האָט געשטאַמט פון די אַלטע ריעזען. נאָר די אידען האָבען צושלאָגען עוג'ן און זיין גאַנץ פאָלק און האָבען איינגענומען דאָס פרוכטבארע בשן. אויף אזא אופן איז דאָס אידישע פאָלק שוין געשטאַנען מיט א פעסטער פוס אין דעם מזרח געגענד פון כנען, אין דעם „עבר־הירדן".

אזוי ווי די אידען האָבען איצט געלאַגערט ביי די גרענעצען פון דעם לאַנד מואב, האָט בלק, דער קעניג פון מואב, מורא געקראָגען אז זיי זאָלען ניט פערכאַפּען אויך זיינע לענדערייען. האָט בלק גע־שיקט די עלטסטע לייט פון מואב קיין מעסאָפּאָטאַמיען און גע־בראַכט פון דאָרט דעם כשוף־מאַכער בלעם. און בלק האָט געזאָגט צו בלעמ'ען אזוי: „א פאָלק איז אַרוים פון מצרים און האָט בעדעקט דאָס גאַנצע לאַנד וואָס ליגט נעבען מיר. מלחמה האַלטען מיט איהם קענען מיר ניט, וואָרום ער איז שטאַרקער פון אונז. דעריבער קום און שעלט מיר דיזען פאָלק, און דעמאָלט וועלען מיר איהם אפשר קענען מנצח זיין און פאַרטרייבען פון דאַנען. איך וויים וואויל, אז וועמען דו בענשסט דער איז געבענשט, און וועמען דו שעלטסט דער איז גע־שאָלטען". בלעם האָט מסכים געווען. נאָר דאָ, דערצעהלט דער תנ"ך, האָט זיך גאָט בעוויזען צו בלעמ'ן אין א חלום און האָט איהם גע־הייסען האַנדלען גאַנץ אַנדערש. ווען דער קעניג פון מואב האָט

ארויפגעפיהרט דעם מכשף אויפ'ן שפּיץ פון א בארג, פון וואַנען מען האָט געקענט זעהן דעם אידישען לאַגער, האָט בלעם אויסגערופען: קען איך דען שעלטען דעם, וועמען יהוה האָט ניט געשאָלטען, און צאָרנען אויף דעם, אויף וועמען יהוה האָט ניט געצארנט? דעם צווייטען מאָל איז בלעם אזוי ענטציקט געוואָרען פון דעם אויסזעהן פון דעם אידישען לאַגער, אז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון בעגייסטערונג און האָט אויסגערופען: „ווי שעהן זיינען דיינע געצעלטען, יעקב, און די וואוינונגען דיינע, ישראל!“ אומזיסט האָט בלק געוואַרט צו הערען פון דעם צויבערער קללות אויף די אידען: בלעם האָט זיי נאָר געבענשט און האָט זיי פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. דער קעניג פון מואב איז אין כעס געוואָרען אויפ'ן מכשף און האָט איהם אװעקגעשיקט אַהיים.

§32. **די חלוקה פונ'ם עבר־הירדן; משה'ס טויט.** ווען דאָס לאַנד פון עבר־הירדן איז שוין געווען איינגענומען האָבען זיך די אידען גענומען גרייטען אריבערצוגעהן דעם טייך ירדן און איינעהמען מערב כנען. דעמאָלט זיינען געקומען פאר משה'ן די זקנים פון די פאסטוכער־שבטים ראובן און גד און האָבען צו איהם אזוי געזאָגט: „דאָס לאַנד, וואָס מיר האָבען איינגענומען איז רייך אין וויד, און מיר האָבען אַ סך פיה. גיב אונז דאָס דאָזיגע לאַנד פאר אונזער ירושה און פיהר אונז ניט אריבער דעם ירדן“. משה האָט זיי פאַרגעוואָרפען, פאַרוואָס זיי ווילען ניט העלפען די איבעריגע שבטים צו איינצונעהמען כנען, נאָר זיי ווילען זיך אָבטיילען פון פאָלק און לעבען רוהיג אויף דעם בעזיעגטען טייל פון דעם לאַנד. אָבער די עלטסטע פון ראובן און גד האָבען געענטפערט, אז זיי האָבען גאָר ניט בדעה זיך אָבצוטיילען פון דעם גאַנצען פאָלק. „מיר וועלען — האָבען זיי געזאָגט — נאָר אויסבויען דאָ שטאַלען פאר אונזערע שאָף און וואוינונגען פאר אונזערע ווייבער און קינדער, און אליין וועלען מיר אָנטהאָן געוועהר און געהן אין מלחמה פאָראויס פון אלע שבטים, און מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען צו אונזערע היימען ביז דאָס גאַנצע לאַנד אויף יענער זייט ירדן וועט ניט זיין איינגענומען“. נאָך אזא הבטחה האָט משה אָבגעגעבען צו דעם שבט ראובן און גד די לענדער פון אמורי און בשן פאר זייער נחלה. צו די דאָזיגע צוויי שבטים איז דערנאָך צוגעשטאַנען אַ האַלבער שבט מנשה, וועל־

כער האָט זיך גענומען דעם טייל פון די אמורי־לענדער, וואָס איז בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען גלעד. אויף אזא אופן האָבען צוויי און א האלב שבטים בעזעצט דעם מזרח טייל פון כנען, דעם עבר־הירדן.

איצט איז נאָך געבליבען אריבערצוגעהן דעם ירדן און איננעהמען דעם אינוועניגסטען טייל פון כנען און צוטיילען דאָס לאַנד צווישען די איבעריגע שבטים. נאָר דאָס איז שוין ניט באַשערט געווען משה׳ן דורכצופיהרען. דער גרויסער בעפרייער און פיהרער פון די אידען האָט דערפיהלט אז דער טויט רוקט זיך אָן און ער האָט געוואוסט אז ניט אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלען אריינצופיהרען דאָס פאָלק אין כנען. פאַר׳ן טויט פלעגט משה אָפט פערזאַמלען די אידען אַרום זיך און זיי לערנען ווי צו לעבען אין דעם נייעם לאַנד לויט די געזעצען פון פרייהייט און גערעכטיגקייט. פאַר א מנהיג נאָך זיך האָט ער בעשטימט זיין העלפער יהושע בן־נון. ענדליך איז די טרויעריגע שטונדע פון צושיידונג געקומען. משה האָט זיך געזעגענט מיט די אידען, האָט פאַראויסגעזאָגט דעם פאָלק זיין צוקונפט און האָט געבענשט יעדען שבט בעזונדער. דערנאָך איז ער ארויף אויפ׳ן בארג נבו, דער העכסטער שפיץ פון דער מואב׳ישער בארג־קייט פסגה, און פון דעם דאָזיגען בארג־שפּיץ האָט משה געקענט זעהן א גרויסען טייל פון כנען. לאַנג איז ער דאָ געשטאַנען און געקוקט אויפ׳ן לאַנד און געטרויערט, וואָס ניט איהם איז געגעבען געוואָרען אריינצוטרעטען אין דעם צוקונפטיגען לאַנד פון די אידען.

און משה איז געשטאָרבען אין עלטער פון הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און האָט געפונען זיין קבר אין דעם טאָל פון מואב. דאָס אָרט פון משה׳ס קבר איז קיינעם ניט בעוואוסט, עס איז געבליבען פאַרבאָרגען צו די צוקונפטיגע דורות. דרייסיג טעג האָבען די אידען געוויינט אויפ׳ן טויט פון זייער גרויסען פיהרער. „און ניט אויפגעשטאַנען איז מעהר ביי אידען א נביא ווי משה“ — זאָגט דער תנ“ך. משה איז געווען דער בעפרייער און דער גייסטיגער וועגווייזער פון זיין פאָלק. א מאַסע פון שקלאַפען האָט ער פערוואַנדעלט אין א פאָלק און מיט זיין בעגייסטערטער לעהרע האָט ער דיזען פאָלק געמאַכט פאַר אַן „אויסדערוועהלט“ און גרויס פאָלק.

§33. **היסטאָרישע אויספיהרונגען.** פון דער צייט וואָס די אידען זיינען אַרויס פון מצרים, „דאָס הויז פון קנעכטשאַפט“ ביז זיי זיינען אַריין אין דעם „פערשפּראָכענעם לאַנד“ כנען, איז,

לויט דער מסורה, דורכגעגאנגען א משך פון עטליכע צעהנדליג יאהר. און אין פערלויף פון דער צייט האבען די אידען אומגע־וואנדערט אין דער וויסטעניש. דא אין דעם מדבר, האבען זיי זיך א קירצערע צייט אויפגעהאלטען אין די געגענדען פון דעם בארג סיני, און א לענגערע צייט אין דעם אאזיס קדש, נעבען אדום און די דרום גרעניצען פון כנען.

די בעפרייאונג פון קנעכטשאפט האט אזוי שטארק אויפ־געהויבען דעם נאציאנאלען גייסט פון די אידען, אז זיי זיינען פון מצרים גלייך אוועק צום סיני. דאס בעפרייטע פאלק האט גע־פיהלט א בעדערפניש צו פעראייניגען אלע זיינע בעזונדערע טיילען אין איין געזעלשאפט, וועלכע זאל זיך פיהרען לויט בע־שטימטע געזעצען. פול מיט האפנונגען און ליכטיגע שטרעבונגען איז דאס פאלק נאכגעגאנגען זיין גרויסען פיהרער. די נייע אומ־געבונג אין וועלכער זיי זיינען פלוצלונג אריינגעטראטען, האט געמוזט האבען א ווירקונג אויף די ארויסגעגאנגענע פון מצרים. נאך די פרוכטבארע ברעגען פון דעם ניל האבען זיי זיך מיט אמאל געפונען אין א פינסטערער, טרוקענער וויסטעניש, וואו נאקעטע פעלזען, ווי גרויזאמע ריעזען, האבען זיך געצויגען צו די הימלען און זייערע שפיצען האבען זיך פערלארען אין די וואלקענס — דא איז אזוי ווי פערשוואונדען דער גרענעץ צווישען הימעל און ערד, צווישען לעבען און טויט; דא האט געשוועבט דער גייסט פון דעם בעשעפער פון דער וועלט. אויב ערשט ניט לאנג, אין מצרים, האט דאס פאלק געפיהלט דעם שווערען דרוק פון מענשען, האט עס איצט, אין מיטען פון דעם ברייטען, איינזאמען מדבר, גע־שפירט אן אנדערע, א העכערע מאכט — די מאכט פון אן איינ־ציגען און אייביגען וועזען, פון גאט. צופוסענס פון דעם געטליכען בארג סיני, האט דאס פאלק דערהערט יענע אונשטערבליכע גע־באטען, וועלכע זיינען געווארען די ווינקעלשטיינער פון יודענ־טום.

דא האט זיך אנגעפאנגען דער איבערגאנג פון דער טונקעלער נ א ט ו ר רעליגיאן פון די אבות צו דער קלארער ג ע ז ע ל־ש א פ ט ל י כ ע ר רעליגיאן פון משה'ן. אין משה'ס לעהרע איז גאט דער הערשער ניט נאר פון דער נאטור נאר אויך פון דעם

מענשליכען לעבען. ער איז ניט נאָר דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט נאָר אויך בעזונדערס דער גאָט פון אידישען פאָלק, און האָט אַ בעשטימטען נאָמען, יהוה. „איך בין יהוה, דיין גאָט, וועל־כער האָט דיך ארויסגעפיהרט פון דעם לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט" (דער ערשטער געבאָט). אין די דאָזיגע ווער־טער איז אויסגעדריקט דער נאַציאָנאַלער תמצית פון משה'ס רע־ליגיאָן. נאָכדעם ווערען פאַרגעשטעלט די אייגענשאַפטען פון גאָט: ער איז איינציג און איז אונקערפערליך, עס טאָר ניט זיין קיין פיעלגעטעריי און קיין געצענדיענסט (צווייטער געבאָט). די רוה פון שבת ווערט געגעבען אלס מיטעל אויפצוהאַלטען אין דעם פאָלק די געזונדהייט פון קערפער און די פרייהייט פון גייסט (פערטער געבאָט). כבוד אב ואם ווערט אוועקגעלעגט אלס דער הויפט פונדאַמענט פון דער פאַמיליע און דער געזעלשאַפט, וואָרום דער כח פון אַ פאָלק בעשטעהט אין דעם שטאַרקען באַנד צווישען דעם אַלטען און דעם יונגען דור (פינפטער געבאָט). דער פערבאָט צו זאָגען ליגען, צו מאָרדען, גנב'ענען, זיין אויסגעלאַסען און גלוסטען יענעמס איז דער יסוד פון דער מאָראַל און פון דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען (דריטער, זעקסטער און צעהנטער גע־באָט). דאָס זיינען געווען איבינגע אמת'ן, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אויפגעדעקט פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

אין דער צייט וואָס די אידען זיינען געווען אין קדש האָט זיך דאָס פאָלק אָנגעהויבען צוגעוועהנען צו אַ ריכטיגען געזעל־שאַפטליכען לעבען. לויט דער מסורה האָט משה פערוואַלטעט די אידען מיט דער הילף פון אַ ראָט פון עלטסטע אָדער זקנים. ער האָט געשטעלט אויבערהאַרען איבער בעזונדערע גרופען און האָט זיי איבערגעגעבען צו האָבען השגחה איבער דער אָרדנונג און צו משפט'ן אין קלענערע סכסוכים. דאָ אייגענטליך האָבען זיך געקענט אויסאַרבייטען און בענוצט ווערען אין דער פּראַק־טיק אייניגע פון יענע געזעלשאַפטליכע געזעצען, וועלכע זיינען געווען פערשריבען אין דעם „ספר הברית" (שמות כא־כג), וועל־כעס איז דער ערשטער קערן פון משה'ס געזעצגעבונג. מענשענ־ליעבע, מיטלייד מיט'ן שוואַכען און אָרימען, און אַ שטרענג־קייט צו די וואָס ריהרען אָן די רעכט פון אַנדערע — אָט

דאָס זיינען די הויפּט שטריכען פון די דאָזיגע געזעצען. אלע מענ־שען זיינען גלייך פאר גאָט: מאַן און פרוי, רייך און אָרעם, האר און דיענער. אָט זיינען אייניגע ביישפּיעלען: „אויב דו וועסט קויפען אַ אידישען קנעכט זאָל ער זעקס יאָהר ביי דיר דיענען און אויפ'ן זיבעטען יאָהר זאָלסטו איהם ארויסלאָזען פריי אומ־זיסט; אויב ער האָט אַ ווייב זאָלסטו זיין ווייב פריילאָזען מיט איהם". „די אלמנה און דעם יתום זאָלט איהר ניט דריקען"; „אויב דו לייהסט געלד צו אַן אָרימאַן און ער ניט דיר זיין אויס־בערשטען בגד פאר אַ משכון, זאָלסטו יעדען טאָג ווען די זון פאר־געהט איהם אומקעהרען זיין בגד, וואָרום ער דאַרף זיך מיט איהם צודעקען ביינאַכט"; „משפּט ניט אומגערעכט דעם אָרימאַן"; „נעהמט ניט קיין שוחד"; „איהר זאָלט ניט דריקען דעם גר, וויל גרים זענט איהר געווען אין דעם לאַנד מצרים".

אין קדש זיינען אויך אוועקגעלעגט געוואָרען די יסודות פון דעם אַלטען אידישען גאָטעסדיענסט. דאָס הייליגטום פון פאָלק איז געווען דער „ארון־הברית", ד. ה. דער ארון, וואו עס האָבען זיך געהיט די שטיינערנע לוחות מיט די עשרת הדברות פון סיני. אין דער צייט ווען די אידען פלעגען זיך אָבשטעלען אין זייער וואַנדערען אַן מדבר האָט זיך דער ארון געפונען אין דעם משכן. אין דער צייט פון די מלחמות אין מזרח כנען פלעגען די לויים מיט'ן ארון געהן פאָראויס פון דער מחנה, אלס צייכען אז גאָט אליין פיהרט דאָס פאָלק. דערביי פלעגען זיך הערען אויסרופען: „קומה ד', ויפוצו משנאיך!" — שטעה אויף גאָט, און זאָלען צושפּרייט ווערען די פיינד דיינע! פיהלענדיג אז דאָס הייליגטום געהט מיט זיי פלעגען די אידישע קריעגער קעמפּפען העלדיש און האָבען אָבגעהאַלטען יענע גלענצענדע נצחונות, וועלכע האָבען פאר זיי געעפענט אַ צוטריט אין דעם לאַנד כנען. דאָס זיינען גע־ווען הייליגע רעליגיעזע מלחמות, מלחמות ה', ווי עס דריקט זיך אוים דער תנ"ך.

פיערטער קאַפּיטעל

די עראָבערונג פון כנען.

(אַרום דרייצעהנטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

§34. דאָס לאַנד און זיינע איינוואוינער. דאָס לאַנד, וואָס די אידען האָבען געדאַרפט איינגעהמען נאָך משה'ס טויט האָט געטראָגען פערשיידענע נעמען. ביי די אידען האָט עס צו־ערשט געהייסען כנען, און נאָכער — ארץ ישראל. די שפּעטערע גריכען און רוימער האָבען עס גערופען פּאַלעסטינאַ, און די קריסטליכע פעלקער — דאָס הייליגע לאַנד. דאָס דאָזיגע לאַנד איז געלעגען אויפ'ן עקסטען מערב ברעג פון אַזיען, אויפ'ן וועג צווי־שען די גרויסע מלוכות אשור און בבל אין אַזיען, און מצרים אין צפון אפריקאַ. אין פאָרמע זעהט דאָס לאַנד אויס ווי א לענגלי־כער ערד־פּאַס, וואָס גרעניצט זיך אין מערב זייט מיט'ן מיט־לענדישען ים, אין מזרח און דרום — מיט'ן אראבישען מדבר, און אין צפון — מיט סיריען אָדער ארם. אויפ'ן צפון גרעניץ פון כנען הויבען זיך אויף איינע נעגען די אַנדערע צוויי גרויסע בערג־קייטען, דער לבנון און דער חרמון, וואָס זייערע שפּיצען זיינען בעדעקט מיט אייביגען שניי. די וואַסערען, וואָס פליסען אַרונ־טער פון דיזע הויכע ערטער זאַמלען זיך צונויף אין שטראָמען און בילדען דעם הויפּט טייך פון כנען — דעם ירדן. דער ירדן ציהט זיך ווי אַ גלייכע לענטע פון צפון צו דרום, געהט דורך צוויי אָזערעס, מי מרום און כנרת, און פאַלט אריין אין דרום, אין טויטען אָדער געזאַלצענעם ים (ים המלח). דער ירדן צוטיילט דאָס גאַנצע לאַנד אין צוויי טייל: דער מזרח טייל (עבר־הירדן, גלעד), און דער מערב טייל (כנען גופא). דער ערשטער טייל איז אַמאָל געוועזען בעריהמט מיט זיינע פעטע ווייד‏ען, און דער צווייטער — מיט זיין פרוכטבארען באָדען, אויף וועלכען עס זיינען געוואַקסען תבואה, וויינטרויבען, אויבס און איילבירטען. פון ביידע זייטען ירדן ציהען זיך, פון צפון צו דרום, אָבצווייגונגען פון די צוויי בארג־קייטען לבנון און חרמון. די דאָזיגע אָבצווייגונגען זיינען אין מזרח די גלעד בערג (הרי גלעד), און אין מערב — א סך בערג־

קייטען, בעוואוסט אין תנ"ך אונטער די נעמען: הרי נפתלי, הרי אפרים, און הרי יהודה. צו די הרי נפתלי שליסען זיך צו די בערג־ריהמטע בערג תבור און כרמל. צווישען זיי ליגט דער פּראכטפולער טהאָל יזרעאל. צו איהם שליסען זיך צו, פון דרום זייט, די הרי אפרים, פון וועלכע עס איז בעזונדערס בעוואוסט דער בארג גרזים נעבען דער שטאָדט שכם. צום ברעג־צו פון ים נידערט די דאָזיגע בארג־קייט אלץ מעהר און מעהר אַרונטער ביז זי געהט אריבער אין דעם טאָל שרון. נאָך ווייטער צו דרום, פון ירושלים ביז חברון, ציהען זיך די הרי יהודה מיט זייערע העכסטע שפּיצען ציון און הר־הזיתים.

די נאַטור און דער קלימאַט פון כנען זיינען זעהר פערשיידענאַרטיג. פון די הויכע בערג־שפּיצען בלאָזען פרישע ווינטען. די לופט איז דעם גרעסטען טייל פון יאָהר ריין און דורכזיכטיג, נאָר אין דער נידער הערשט אין די זומער מאָנאַטען א טראָפּישע היץ. מחמת דעם איז אויך דאָס פלאַנצענרייך פערשיידענאַרטיג: דאָ געפינט מען די פּאַלמע וואָס וואַקסט נאָר אין הייסען קלימאַט, און דעם דעמבּ וואָס קען קיין היץ ניט פערטראָגען. דאָס וואַסער פון ים כנרת איז זיס און איז רייך מיט פיש; אויף די ברעגען פון דיזען ים וואַקסען וויינטרויבען, פייגען און אַנדערע פרוכטבוימער. אָבער אין דעם טויטען ים איז דאָס וואַסער אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ און אַנדערע מינעראַלען און פיש קענען דאָ ניט לעבען. די ברעגען פון דיזען ים זיינען א וויסטער מדבר, וואָס ווערט בלויז זעלטען אונטערבראָכען פון פרוכטבאַרע אָאַזיסען (עין גדי). די פלאַכע טייכען און אָזערעס טריקענען אוים אין די הייסע צייטען פון יאָהר, אָבער אין דער רעגענדיגער צייט פילען זיי זיך אָן מיט וואַסער, געהען אריבער די ברעגען און בעפרוכפּערען דעם באָדען. עס זיינען ניטאָ קיין סך לענדער אויפ'ן ערד־קוגעל, וועלכע האָבען פעראייניגט אין זיך אַזעלכע שעהנקייטען פון דער נאַטור, אַזאַ פערשיידענאַרטיגקייט פון קלימאַט און פלאַנצען, ווי כנען אָדער ארץ־ישראל. די אלע אייגענשאַפטען האָבען געמוזט האָבען א ווירקונג אויפ'ן כאַראַקטער און אויפ'ן גייסטיגען לעבען פון די אידען. דער קלימאַט, וואָס איז מיטעל צווישען מעסיג און הייס, האָט ארויסגערופען אין די איינוואוינער א נייגונג צו פיזישער ארבייט, און די נאַטור מיט

איהרע שעהנקייטען האָט געגעבען רייכע שפּייז פאַר דעם רעלי־גיעזען און פּאָעטישען געפיהל. זי האָט ניט געמאַכט די איינוואוי־נער שוואַך און אָבגעלאָזען, אַזוי ווי אין אַנדערע לענדער פון מזרח, אָבער זי האָט זיי אויך ניט פאַרגרעבט דורך צופיעל פיזישער אַר־בייט.

אין יענע אַלטע צייטען, ווען די אידען זיינען צוגעטראָטען צו איינצונעהמען כנען, האָבען אויף איהרע גרעניצען געלעבט אַ צאָל קליינע, אָבער שטאַרקע פעלקער. די קריעגערישע חתים האָבען גע־וואוינט אויפ'ן צפון־מערב גרעניץ, צווישען די לבנון בערג און דעם מיטלענדישען ים; שפּעטער איז זייער לאַנד איבערגעגאַנגען צו דעם האַנדעלס פאָלק די פעניציער. אין צפון־מזרח זייט האָבען גע־לעבט די ארמים, וואָס זיינען געווען פערוואַנדט צו די אידען לויט זייער ראַסע און שפּראַך. אַזעלכע קרוב'ישע שבטים האָבען אויך געלעבט אין מזרח און אין דרום: עמון, מואב און אדום. אויפ'ן דרום־מערב ברעג פון כנען האָבען איינגעוואַנדערט די ווילדע עמלקים, אין העבער, ביים ברעג פון ים, האָבען זיך בעזעצט די קריעגערישע פלשתים, וועלכע זיינען שפּעטער געווען דער ערגסטער פיינד פון די אידען.

דער אינוועניגסטער טייל פון כנען, אויפ'ן מערב זייט פון ירדן, איז בעשטאַנען פון אַ סך קליינע מלוכות, אין וועלכע עס האָ־בען געלעבט פערשיידענע שבטים, בעוואוסט אונטער'ן אַלגעמיינעם נאָמען די כנענים. יעדע מלוכה איז בעשטאַנען דאָס רוב פון איין שטאָדט מיט די דערבייאיגע פעלדער און ווייַדען. צווישען די דאָ־זיגע מלוכות איז ניט געווען קיין שטענדיגער בונד אויף צו בעשי־צען דאָס לאַנד אין צייט פון אַ פיינדליכען אָנפאַל; פערקעהרט, די קליינע מלכים האָבען זיך דאָס רוב געקריעגט צווישען זיך. דערי־בער ווען עס האָט זיך פערשפּרייט די נאַכריכט, אַז דורכ'ן מדבר געהט פון מצרים דאָס צאָלרייכע אידישע פאָלק, וואָס האָט שוין בעזיעגט אויף יענער זייט ירדן די שטאַרקע מלוכות פון סיחון און עוג, האָבען זיך די איינוואוינער פון כנען שטאַרק דערשראָקען. זיי זיינען נישט געווען צוגעגרייט געגען אַזאַ מעכטיגען שונא און זיי האָבען געמוזט, נאָך לאַנגע און בלוטיגע מלחמות, אָבטרעטען אַ גרויסען טייל פון זייער לאַנד צו די פעראייניגטע קרעפטען פון די

אידען, וועלכע האבען געהאלטען דאס לאנד פאר א ירושה פון זייערע אבות.

§35. דער איבערגאנג איבער'ן ירדן; דער פאל פון יריחו. נאך משה'ס טויט האט יהושע בן־נון, דער נייער פיהרער פון אידישען פאלק, זיך געלאזט געהן צום ירדן בראש פון אלע אידישע שבטים. פאר'ן אריבערגעהן דעם ירדן האט ער געשיקט מרגלים אויף דער אנדערער זייט טייך אויסצוקוקען די שטאדט יריחו און איהר סביבה. קומענדיג צוריק האבען די מרגלים דערצעהלט, אז די איינוואוינער פון יריחו און ארום האבען שוין געהערט וועגען די נצחונות פון די אידען אויף דער זייט ירדן און געפינען זיך אין גרוים שרעק. דאן איז יהושע און דאס פאלק אריבער דעם ירדן אויף אן ארט, וואו דער טייך איז געווען ניט טיעף. פון פארנט זיינען געגאנגען די כהנים מיט דעם הייליגען ארון און נאך זיי זיינען געגאנגען אלע אידען און דאס פאלק האט אויפגעשלאגען זיין לאגער אויף דעם מערב ברעג פון ירדן, אין דער שטאדט גלגל, נעבען יריחו. דאס איז געווען אין פריהלינג, אין זעלבען מאנאט ניסן, אין וועלכען די אידען זיינען אמאל ארויס פון מצרים. דאס פאלק האט פסח געהאלטען אין גלגל.

פון דאנען האט זיך דער אידישער חיל א רוק געטהאן אויף יריחו. די שטאדט איז געווען שטארק בעפעסטיגט און עס איז שווער געווען זי צו נעהמען מיט שטורם. יעדען טאג אין פערלויף פון זעקס טעג האבען די אידישע קריעגער ארומגעקרייזט די מויערען פון שטאדט, און דערביי האט מען געפיהרט פאראוים דעם הייליגען ארון און די כהנים האבען געבלאזען אין שופרות. אויפ'ן זיבעטען טאג, ווען די אידען זיינען ארומגעגאנגען די שטאדט, די שופרות האבען הילכיג געשאלט און די זיעג־געשרייען פון די קריעגער האבען פערקלונגען די לופט, איז א טייל פון דער פעסטונג פון יריחו איינגעפאלען און דער אידישער חיל האט זיך ארייגעריסען אין שטאדט אריין. די זיעגער האבען אויסגע'הרג'עט אלע איינוואוינער פון יריחו, האבען פערברענט זייערע הייזער און פערניכטעט זייער פערמעגען. בלויז גאלד, זילבער און מעטאלענע כלים האט מען איבערגעלאזט פאר'ן משכן.

אז די איינוואוינער פון גבעון און די ארומיגע שטעדט האבען

זיך דערוואוסט, אַז די אידען גרייטען זיך צו פערטיליגען אַלע איינ־וואוינער פון כנען, האָבען זיי בעשלאָסען זיך צו בענוצען מיט אַ שווינדעל. זיי זיינען געקומען אין אידישען לאַגער אין אַלטע אָבגע־ריסענע קליידער און האָבען געזאָגט: „דאָס קומען מיר פון ווייטע לענדער, וואָרום מיר האָבען געהערט וועגען אייערע נצחונות און מיר ווילען שליסען מיט אייך אַ בונד". יהושע און די עלטסטע האָ־בען געגלויבט די געקומענע, אַז זיי זיינען ניט פון כנען, און האָ־בען געשוואָרען צו לאָזען זיי לעבען. נאָר אין גיכען האָט זיך ארויס־געשטעלט, אַז די לייט וואוינען נאָר אין נאָהנטע שטעדט און זיינען פון דעם שבט חוים. די אידען האָבען איינגענומען די שטעדט, אָבער די איינוואוינער האָבען זיי ניט אָנגעריהרט, כדי ניט צו ברעכען זייער שבועה. אָבער אַלס שטראָף פאַר זייער רמאות האָט יהושע געמאַכט די גבעונים פאַר קנעכט און זיי געצוואונגען צו זיין האָלצהעקער און וואסערטרעגער ביי די אידען.

§36. **די עראָבערונג פון דרום און צפון כנען.** ווען פינף מלכים פון דרום כנען (די מלכים פון ירושלים, חברון, ירמות, לכיש און עגלון) האָבען דערהערט, אַז גבעון האָט זיך מיט גוטען אונ־טערגעגעבען די אידען, האָבען זיי געשלאָסען צווישען זיך אַ בונד און זיינען ארויס מלחמה האַלטען געגען די גבעונים. די גבעונים האָבען זיך געווענדעט נאָך הילף צו יהושע'ן, וועלכער האָט זיך דער־מאָלט געפונען אין זיין לאַגער אין גלגל. דער אידישער קריעגס־פיהרער האָט שנעל ארויסגעפיהרט זיין חיל געגען די פעראייניגטע מלכים און נעבען גבעון איז ער זיי פּלוצלונג בעפאַלען און זיי שטאַרק צושלאָגען. די אידען האָבען לאַנג נאָכגעיאָגט דעם אַנטלויפענדען שונא. אין תנ"ך איז פערבליבען אַ ליעד וואָס דערצעהלט אַז יהושע האָט געוואָלט ענדיגען די שלאַכט איידער ס'פאַלט־צו די נאַכט, האָט ער אויסגערופען: „אָה זון, בלייב שטעהן איבער גבעון, און דו, לבנה, איבער'ן טאָל אילון!" און די זון האָט זיך אָבגע־שטעלט און ניט געאיילט צו אונטערגעהן, ביז דאָס אידישע פאָלק האָט זיך נוקם געווען אין זיינע פיינד". און ווען די כנענים האָבען גענומען לויפען אַראָב די בערג איז אַראָבגעקומען אַ גרויסער האָגעל און האָט גע'הרג'עט יענע, וואָס זיינען אַנטרונען פון דער שווערד. די מלכים אליין האָט מען גענומען געפאַנגען און אויף יהושע'ס



ווי כנען איז געווען צוטיילט צווישען די שבטים.

בעפעהל האָט מען זיי אויפגעהאנגען. זייערע לענדער, וועלכע זיי־נען געלעגען אין דעם בארגיגען טייל פון דרום כנען, האָבען די אידען צוגענומען.

די ידיעה וועגען די דאָזיגע נצחונות איז שנעל דערגאנגען צו די מלכים פון צפון כנען, פון וועלכע דער שטארקסטער איז געווען יבין מלך חצור. כדי צו בעשיצען זיין לאנד געגען דעם מורא'דיגען פיינד האָט זיך יבין פעראייניגט מיט די שכנ'ישע מלכים. די פער־אייניגטע מלכים האָבען צונויפגעזאמעלט א ריעזיגע ארמעע, מיט א סך פערד און מלחמה־וועגען און האָבען צולעגט זייער לאגער ביים טייך מי־רום. נאָר די גרויסע מחנות האָבען ניט אָבגעשראָקען דעם בראַווען אידישען קריעגספיהרער. יהושע איז ארויסגעטראָטען מיט אן אָבגעקליבענעם חיל געגען דעם שונא, האָט אויף זיי גע־בראַכט א שווערע מפלה און האָט נאָכגעיאָגט דעם אנטלויפענדען פיינד ביז'ן ברעג פון ים; די אידען האָבען דעם שונא'ס פערד איבערגעשניטען די אָדערען און די קריעגס־וועגען האָבען זיי פאר־ברענט. די זיעגער האָבען חרוב געמאכט און פארברענט יבינ'ס הויפטשטאָדט חצור, און אין די אנדערע שטעדט האָבען זיי אויס־גע'הרג'עט די איינוואוינער און גענומען א סך רויב. אויף אזא אופן האָבען די אידען, נאָך פיעל־יעהריגע מלחמות, בעזיעגט דעם גרעסטען טייל פון כנען, פון דעם בארג לבנון אין צפון ביז'ן ים המלח אין דרום. דאָך זיינען א סך בעפעסטיגטע שטעדט איני־ווענינג אין לאנד, איבערהויפט אין דרום, געבליבען ניט איינגע־נומען דורך די אידען.

§37. די חלוקה פון כנען. ווען א גרויסער טייל פון דעם לאנד איז שוין געווען איינגענומען איז געקומען די צייט צו צוטיילען עס צווישען די אידישע שבטים. דער שבט ראובן, דער שבט גד און האלב מנשה האָבען שוין געקראָגען זייערע חלקים נאָך פאר משה'ן אויפ'ן מזרח זייט פון ירדן, אין בשן און גלעד, וועלכע זיינען געווען רייך אין וויידען. עס איז דער־ריבער געבליבען גאנץ מערב כנען אויף צו צוטיילען צווישען די איבעריגע ניין און א האלב שבטים. די גרעסטע חלקים זיינען דאָ אנגעקומען די צוויי שטארקסטע שבטים, אפרים און יהודה. דער שבט אפרים, פון וועלכען עס האָט געשטאַמט

דער אידישער פיהרער יהושע, האָט פאַרנומען דעם גאַנצען מיטעלען ערד־פּאַס פון כנען, צווישען ירדן און מיטלענדישען ים, מיט דער הויפּשטאָדט שכם אין צענטער. אין צפון־מערב זייט פון שבט אפרים, ביז'ן צופוסענס פון כרמל, האָט זיך בעזעצט דער אַנדערער האַלבער שבט מנשה. די נחלה פון שבט יהודה האָט פערנומען דעם דרום־טייל פון לאַנד, אָנ־פאַנגענדיג פון ירושלים. (ירושלים גופא מיט'ן בארג ציון איז געבליבען אין די הענד פון דעם כנעני'שען שבט יבוסים ביז דער צייט פון דוד המלך). אין דער נחלה פון שבט יהודה איז אָבגעטיילט געוואָרען אַ בעזונדער חלק פאַר'ן קליינעם שבט שמעון, אַ שטייניגע שטרעקע ערד אויפ'ן דרום־מערב ברעג פון כנען, אויפ'ן גרענעץ פון מדבר, וואו די עמלקים האָבען זיך אומגעטריבען.

צווישען די נחלות פון יהודה און אפרים האָבען זיך איינ־געאָרדענט די צוויי שבטים בנימין און דן. דער שבט בנימין האָט פערנומען די געגענד, וואָס די אידען האָבען דאָס ערשטע איינגענומען גלייך ווי זיי זיינען אריבער דעם ירדן, מיט די שטעדט גליל און יריחו. און דער שבט דן האָט זיך בעזעצט צו מערב זייט פון זיי, נעהנטער צום פלשתי'שען ברעג פון מיט־לענדישען ים, וואו עס געפינט זיך די האפענשטאָדט יפו. דעם צפון־טייל פון כנען האָבען בעזעצט פיער שבטים. דער שבט יששכר, וועלכער האָט זיך בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט, האָט געקראָגען דעם פּרוכטבאַרען טאָל יזרעאל מיט די בערג גלבוע און תבור. דער שבט זבלון האָט געוואוינט נעהנטער צו די ים־ברעגען פון פעניציען און האָט איבערגענומען פון די פע־ניציער די ליעבשאַפט צו מסחר. ווייטער צו צפון פון זיי, אין דער לענג פון דעם פעניצישען ים־ברעג, האָבען זיך געצויגען די לענדערייען פון שבט אשר. דער שבט נפתלי האָט פערנומען דעם צפון־מזרח ווינקעל פון כנען, די געגענד פון די אָזערעס מירום און כנרת. בלויז דער שבט לוי, וואָס איז בעשטאַנען פון די כהנים און געלעהרטע, האָט ניט געקראָגען קיין בעזונדער לאַנד־איינגענטום. די לויים האָט מען אָבגעגעבען צום וואוינען אַכט־און־פערציג שטעדט, וועלכע זיינען געווען צעוואָרפען אי־

בער די נחלות פון די פערשיידענע שבטים. זייענדיג די דיע־נער פון גאָט און די גייסטיגע לעהרער האָבען די לויים געדאַרפט וואוינען איבער'ן גאַנצען לאַנד, צושפּרייט צווישען גאַנצען פאָלק.

ווען די ערד פון כנען איז שוין געווען צוטיילט צווישען אַלע אידישע שבטים האָט זיך דער פיהרער פון פאָלק, יהושע, בעזעצט אין דער נחלה פון זיין אייגענעם שבט אפרים. דער דאָזיגער שבט, זייענדיג דער רייכסטער אין צאָל, האָט געקראָגען די אויבערשאַפט איבער אַלע איבעריגע שבטים. אין דעם לאַנד פון דעם שבט אפרים האָט זיך אויך אויפגעהאַלטען דאָס גרעסטע פאָלקס־הייליגטום — דער משכן מיט'ן ארון הקדש, וועלכער האָט בעגלייט די אידען אין אַלע מלחמות. נאָך דער ערֺאָבערונג און צוטיילונג פון כנען איז דער משכן אריבערגעטראָגען געוואָרען אין דער שטאָדט שלה, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם לאַנד פון אפרים. דאָ איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען דער משכן מיט'ן ארון און אַ מזבח פאַר קרבנות; דאָ האָבען די כהנים און לויים געפּראַוועט גאָטעסדיענסט, און קיין שלה פלעגען זיך ציהען מתפּללים פון אַלע עקען כנען. שלה איז געווען דער שטענדיגער פּלאַץ, וואו עס האָט געוואוינט דער כהן גדול. פאַר יהושע'ן זיינען די כהנים גדולים געווען אהרנ'ס זוהן און אייניקעל, אליעזר און פּנחס.

ווען יהושע איז געוואָרען אַלט, האָט ער צונויפגערופען קיין שכם אַלע כהנים און די זקנים פון אַלע שבטים. דער אַלטער פיהרער האָט דערמאָנט די פערזאַמעלטע וועגען די גרויסע געשעהענישען פון דער פערגאַנגענהייט, וועגען די אבות, וועגען דער קנעכטשאַפט אין מצרים, וועגען יציאת מצרים און די וואַנדערונגען אין דעם מדבר. „איצט — האָט ער געזאָגט — האָט אייך גאָט געגעבען אַ לאַנד, אויף וועלכען איהר האָט ניט געהאָרעוועט, און שטעדט, וועלכע איהר האָט ניט געבויט, און איהר וואוינט אין זיי; ער האָט אייך געגעבען איילגערטנער און וויינגערטנער, וועלכע איהר האָט ניט געפלאַנצט, און איהר עסט זייער פּרוכט. דעריבער פאָרכט אייך פאַר גאָט און דיענט איהם מיט אַ ריינעם הארצען; פערלאָזט די אָבגעטער צו וועלכע עס האָבען אַמאָל גע־דיענט אייערע עלטערען אויף יענער זייט טייך (פּרת) און אין

מצרים, און דיענט צו גאָט“. אויף דער דאָזיגער צואה האָט דאָס פאָלק אויסגערופען: „מיר וועלען דיענען אונזער גאָט און היטען זיינע געבאָטען!“ יהושע האָט גענומען א גרויסען שטיין און איהם אוועקגעשטעלט אונטער א דעמב אין שכם פאר א זכר, אז אויף דעם דאָזיגען אָרט האָט דאָס פאָלק געגעבען א שבועה צו היטען די געבאָטען פון גאָט. אין גיכען איז יהושע געשטאָרבען, הונדערט און צעהן יאָהר אַלט.

§38. די וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען פון דער נייסטער צייט ווארפען א ליכט אויף דער לאַגע פון די פעלקער אין כנען אין דער עפּאָכע ווען דאָס לאַנד איז בעזיעגט געוואָרען פון די אידען. ניט לאַנג צוריק (אין יאָהר 1887) האָט מען אין די אויסגראָבונגען אין טעלל־על־אמארן, אין מצרים, געפונען א סך ליימענע טאַפלען מיט אויפשריפטען, וועלכע האָבען זיך ארויסגעשטעלט צו זיין בריעף פון די קליינע פּאַלעסטינישע מלכים צו די עגיפּטישע פרעה׳ס. פון די דאָזיגע בריעף, וועלכע געהערען צו דעם 15טען און 14טען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער ציימרעכנונג, איז צו זעהן, אז אין יענער צייט זיינען די כנענ׳ישע מלכים געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון די פרעה׳ס פון מצרים. די מלכים דריקען אויס אין די בריעף זייער טרייהייט צו די פרעה׳ס און בעטען אָפט הילף אנטקעגען די פיינדליכע שכנים אָדער די איינדרינגענדע וואנדערער. איינער פון די מלכים אבדי־כיבא, פון ירושלים, איז מודיע פרעה׳ן אז א וואנדער־שבט מיט׳ן נאָמען „האבירי“ איז אריינגעדרונגען אין כנען און סטראשעט צו בעזיעגען דאָס לאַנד, און דער מלך בעקלאָגט זיך וואָס מצרים שיקט ניט קיין הילף (ארום 1400 פ. ק.). אונטער „האבירי“, ווי עס צייגט אויס פון אַלע בעווייזען, ווערען דאָ געמיינט די אידען. אין אַן אַנדער עגיפּטישער אויפשריפט, וואָס געהערט צו א שפּעטערער צייט, רעדט זיך שוין וועגען א מלחמה פון א פרעה אַנטקעגען „ישראל“ אין פאַלעסטינא.

אין די דאָזיגע דענקמעלער הערען זיך די אָבקלאַנגען פון יענער גרויסער פעלקער־וואנדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין כנען צווישען דעם 15טען און 13טען יאָהרהונדערט פאר דער

קריסטליכער ציימרעכנונג. אין משך פון די דאָזיגע צוויי הונדערט יאָהר, איז די הערשאַפט פון מצרים אין פאַלעסטינאַ דאָס פערשטאַרקט געוואָרען, דאָס אָבגעשוואַכט געוואָרען, און ענדליך איז זי אינגאַנצען געפאַלען. אין כנען זיינען פאָרגעקומען אָהן אויפהער מלחמות צווישען די דאָרטיגע פעלקער; די גרעסערע פעלקער, ווי למשל די חתים און אמורים, וועלכע ווערען דערמאָנט אין די עגיפּטישע אויפשריפטען, האָבען געשטרעבט צו בעפעסטיגען דאָרט זייער ממשלה איבער די קלערע פעלקער. און אין יענער צייט האָבען זיך אין לאַנד אריינגעריסען די וואַנדערענדע „האָבירי" פון דער זייט פון מדבר. אין דער גרופּע פון די „האָבירי" זיינען אריין נישט נאָר די אידען, נאָר אויך זייערע קרוב'ישע שבטים פון דער העברעאישער צווייג פון דער סעמיטישער ראַסע (מואב, אדום). נאָר ביסלעכווייז טיילען זיך אויס די אידען פון דער דאָזיגער אַלגעמיינער גרופּע, און מאַכען זייערע עראָבערונגען זעלבסטשטענדיג. די אינווענינגסטע מחלוקות וואָס האָבען געהערשט צווישען די מלכים פון כנען, האָבען גרינגער געמאַכט פאַר די אידען צו בעזיעגען דאָס לאַנד. די עראָבערונג פון כנען איז פאָרגעקומען לאַנגזאַם. פון אָנפאַנג האָבען די אידען פערנומען בלויז אייניגע טיילען פון לאַנד, אין אַ סך ערטער האָבען זיי געוואוינט צוזאַמען מיט די אַלטע איינוואוינער. אזוי ווי זייערע שכנים האָבען זיך אויך די אידען געטיילט אויף בעזונדערע קליינע שבטים, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט אין אַ פאָלק ערשט אין אַ שפּעטערער צייט.

פינפטער קאַפּיטעל.

די צייט פון די שופטים.

(פון 12טען ביז'ן 11טען יאָהרהונדערט פאַר ק. צ.)

§39. היסטאָרישער איבערבליק. ווען די אידען זיינען אריינגעטראָטען אין כנען האָט זיי פעראייניגט איין אַלגעמיינער ציעל — צו איינגעהמען דאָס לאַנד. אַלע שבטים האָבען צוזאַמען

געקעמפפט אונטער דער פיהרערשאפט פון יהושע און האָבען איינגענומען איין שטיק לאַנד נאָכ'ן אַנדערען. נאָר אָט איז שוין א גרויסער טייל פון לאַנד בעזיעגט און צוטיילט צווישען די שבטים, די פאסטוכער־שבטים האָבען זיך צוריקגעצויגען אין זייערע נחלות און די איבעריגע האָבען זיך אויף פערנומען יעדער איינער מיט אויפבויען זיין נחלה. דער פיהרער יהושע איז געשטאָרבען און האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שטעלפערטרעטער, וועלכער זאָל פעראייניגען אלע אידען אונטער זיין הערשאפט. און דאָס פאָלק איז זיך צופאלען אין בעזונדערע טיילען. די נחלה פון יעדען שבט איז געווארען אזוי ווי א בעזונדערע, קליינע מלוכה פאר זיך. מיט דער דאָזיגער צוריסענקייט פון דעם אידישען פאָלק האָבען זיך בענוצט סיי די פעלקער וואָס האָבען געוואוינט ביי די גרעניצען, סיי יענע, וואָס זיינען ניט בעזיעגט געוואָרען אין יהושע'ס צייטען און זיינען געבליבען אין זייערע שטעדט צווישען די אידען. ארם, מואב און עמון האָבען איינס נאָכ'ן אַנדערען אונטערדריקט די אידען; זיי פלעגען אָנפאלען דאָס אויף איין שבט, דאָס אויף אַן אַנדערען, פלעגען זיי אונטעריאָכען און נעהמען פון זיי צינז. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ביי איין שבט אָדער אַן אַנדערען אויפשטעהן אַן עלטסטער, וועלכער פלעגט אויפקלייבען אונטער זיין פיהרערשאפט מחנות פון עטליכע שכנ'ישע שבטים, פלעגט ארויסגעהן מלחמה האַלטען מיט די פרעמדע אונטערדריקער און בעפרייען זיין פאָלק פון פרעמדען יאָך. אזעלכע העלדען־פיהרער פלעגען זיך רופען שופטים. דער שופט פלעגט אמאָל רעגירען איבער עטליכע פעראייניגטע שבטים, אָבער קיין איינציגער שופט האָט ניט בעוויזען צו פעראייניגען דאָס גאַנצע פאָלק אונטער זיין הערשאפט. נאָכ'ן טויט פון אזא שופט פלעגט זיך ווידער צושיטען דער בונד פון די שבטים וואָס ער האָט פערוואַלטעט, און די אָבגעזונדערטע טיילען פון פאָלק פלעגען ווידער אונטערפאלען אונטער'ן יאָך פון פרעמדע, ביז עס פלעגט אויפשטעהן א נייער שופט און בעפרייער.

אזוי האָט זיך געצויגען צוויי הונדערט יאָהר. וועגען דער דאָזיגער צייט ווערט געזאָגט אין דער געשיכטע: „אין יענע טעג איז ניט געווען קיין מלך אין ישראל, און יעדער האָט געטהאָן וואָס

ער האָט געוואָלט". עס איז ניט געווען ביים אידישען פאָלק קיין אחדות, ניט אין מלוכה און ניט אין אמונה. דער גלויבען אין אַן איינציגען גאָט און די מאָראַל פון תורת משה זיינען נאָך ניט אריין טיעף אין הארצען פון פאָלק; אונטער אזעלכע אומשטענדען האָבען די געצענדיענערישע שבטים, וואָס האָבען געלעבט אין נאָהנטער שכנות מיט די אידען, געמוזט האָבען אַ שלעכטע ווירקונג אויפ'ן גלויבען און די מדות פון די אידען. נישט קוקענדיג אויף דעם אַלטען פערבאָט פלעגען די אידען זיך אָפט מתחתן זיין מיט די אנדערע איינוואוינער פון כנען. דאָס דאָזיגע צוזאַמענלעבען מיט די פרעמדע פעלקער האָט געבראַכט דערצו, אַז די אידען פלעגען איבערנעהמען די היידנישע פיהרונגען און מנהגים. זיי האָבען געדיענט ניט נאָר צו זייער גאָט ה' נאָר אויך צו די כנענישע געטער — צו די בעל'ס (בעל מיינט האר, גאָט און בעשיצער פון דער געגענד) פון די פערשיידענע ערטער, פלעגען אויפשטעלען מזבחות אויף די שפּיצען פון די בערג און דאָרט ברענגען קרבנות צו די געצען. ביי זיי זיינען אויך געווען הויזליכע געצען (תרפים), וועלכע האָבען זיך גערעכענט פאַר די בעשיצער פון דער פאַמיליע. אין דעם משכן אין שלה פלעגט מען ווייניג קומען און עס פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען אהער בלויז געצעהלטע דיענער פון דעם איינציגען גאָט.

דאָס איז געווען די צייט פון דער פריהער יוגענד פון דעם אידישען פאָלק. דאָס יונגע פאָלק איז פערבלענדט געוואָרען פון יענע קינדערשע גלויבענס, וואָס זיינען געוועהנליך ביי אַלע פעלקער ווען זיי זיינען נאָך יונג. נאָר נישט קוקענדיג אויף דער דאָזיגער פערבלענדניש האָבען די אידען ניט געקענט זיך איינגאַנצען צומישען מיט די אַרומיגע פעלקער. אין דעם זכרון פון פאָלק האָבען נאָך געלעבט עראינערונגען וועגען זייער גלענצענדער פערגאַנגענהייט, וועגען די פרומע און עהרליכע אבות, וועגען דער בעפרייאונג פון דער קנעכטשאַפט פון מצרים און וועגען מעמד הר סיני. די געשיכטען פון די דאָזיגע געשעהענישען פלעגען איבערגעהן פון עלטערען צו קינדער און האָבען אונטערגעהאַלטען דעם גייסט פון פאָלק אין שווערע צייטען. די לויים און כהנים, וואָס האָבען געדיענט אין דעם משכן פון שלה, זיינען געווען די היטער

פון די אַלטע רעליגיעזע טראַדיציעס. די אמונה וואָס זיי האָבען גע'ירש'עט איז ניט פערשוואונדען, נאָר זי איז געלעגען בעהאַל־טען אונטער א צודעק פון געצענדיענסט. די דאָזיגע אמונה האָט זיך נאָך געדאַרפט ענטוויקלען אין שפּעטערע צייטען.

§40. די ערשטע שופטים. נאָך יהושע'ס טויט, האָט דאָס אידישע פאָלק, מיעד פון די פיעל־יעהריגע מלחמות, געגאַרט נאָך רוה און פריעדען. אָבער די קריעגערישע פעלקער, וואָס האָבען געלעבט אויף די גרעניצען פון כנען, האָבען ניט געלאָזט די אידען געניסען קיין רוה, ווארום זיי פלעגען מאַכען אָפטע אָנפאַלען אויף זייערע לענדערייען. צוערשט האָבען זיך קיין כנען אריינגעריסען די ארמים (סיריער) פון צפון און האָבען אונטערדריקט די אידען אכט יאָהר. דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען עתניאל, דער עלטסטער פון שבט יהודה, און בראש פון א קליינער מחנה האָט ער פער־טריבען די אַראַמעאישע גאַרניזאָנען, וואָס זיינען געשטעלט געוואָ־רען אין די אידישע שטעדט. די אידען זיינען דורכדעם שטאַרק ערמוטיגט געוואָרען און האָבען אָנגעהויבען זיך קלייבען אין גרוי־סע מאַסען אונטער דער פאָהן פון דעם העלד פון יהודה. דעמאָלט איז עתניאל אריינגעדרונגען מיט א גרויסען חיל אין סיריען, האָט צושלאָגען די אַראַמעער, האָט געטויט זייער קעניג און בעפרייט דאָס אידישע פאָלק פון דעם פרעמדען יאָך. נאָכדעם האָט א טייל פון די אידען אַנערקענט עתניאל'ן פאַר א שופט, אָדער פיה־רער.

נאָך עתניאל'ס טויט זיינען די אידען וויעדער געבליבען אָהן א פיהרער. דער צאָלרייכער שבט יהודה האָט זיך איינגעשלאָ־סען אין זיין בעשיצטער, בערגיגער נחלה, אין דרום כנען, און האָט זיך אָבגעטיילט פון די איבעריגע שבטים. ווען די ארומיגע פעל־קער האָבען געזעהן אז צווישען די אידען איז ניטאָ קיין אחדות האָבען זיי וויעדער אָנגעהויבען בעאונרוהיגען דאָס אידישע לאַנד. די מואבים זיינען אַריבער דעם ירדן, האָבען פערכאַפּט די שטאָדט די בני בנימין געטראָגען דעם יאָך פון די מואבים, און האָבען יריחו און אַנדערע טיילען פון שבט בנימין. א לאַנגע צייט האָבען געצאָלט צינז זייער גרויזאַמען קעניג עגלון. אָבער ענדליך איז אין בנימין ערשינען א מוטיגער העלד, דער שופט אהוד, וועלכער האָט

בעוויזען פאַלגענדע העלדישקייט. ער איז געקומען צו עגלון, דעם קעניג פון מואב, מיט'ן אויסרייד אַז ער האָט איהם איבערצוגעבען מתנות פון די אידען; און ווען אהוד איז געבליבען אליין מיט'ן קעניג, האָט ער איהם דערשטאָכען מיט'ן שווערד. דערנאָך האָט ער אויפגעקליבען אַ גרויסען חיל און האָט אויסגע'הרג'עט אַלע מואבים פון יריחו און האָט זיי אויך פערטריבען פון די איבעריגע טיילען פון אידישען לאַנד.

§41. דבורה הנביאה. אין דער צייט ווען די קריגערישע שבטים פון דרום (יהודה און בנימין), האָבען זיך פערזיכערט גע־גען די אָנפאַלען פון פרעמדע, האָבען די שבטים פון צפון (נפתלי, זבלון, יששכר, אשר) געמוזט פיהרען אַ קאַמפף מיט די איינוואוינער פון לאַנד. דער צפון־טייל פון כנען איז ניט בעזיעגט געוואָרען אינגאַנצען פאר יהושע'ן, און אַ סך כנענים זיינען געבליבען אין זייערע בעפעסטיגטע שטעדט צווישען די אידען. די דאָזיגע קליי־נע פעלקער האָבען געהאַסט די אידען, וועלכע האָבען צוגענומען אַ גרויסען טייל פון זייער לאַנד, און זיי האָבען אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט צו נעהמען נקמה פון זייערע בעזיעגער. דער קעניג יבין האָט זיך געשטעלט בראש פון יענע פעלקער און אין אַ משך פון פיעל יאָהרען האָט ער גרויזאַם געדריקט דעם שבט נפתלי און זבולן. זיין קריעגספיהרער סיסרא, וועלכער האָט געהאַט אַ גרוי־סען חיל און אַ סך אייזערנע רייטוועגען, האָט געהאַלטען אין דער מורא די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג. אַ סך אידען פון די צפונ־דיגע שבטים זיינען געלאָפען פון דעם שונא'ס דרוק אין דעם לאַנד פון שבט אפרים.

אין יענער צייט האָט אויפ'ן בארג אפרים געלעבט אַ קלוגע פרוי מיט'ן נאָמען דבורה. זי איז געווען אַ נביאה, דאָס הייסט אַ בעגייסטערטער מענש וואָס רעדט אין דעם נאָמען פון גאָט. צו איהר פלעגט מען קומען נאָך עצות און נאָך משפט. זי פלעגט זיצען אונטער אַ פאַלמע און לערנען און ריכטען דאָס פאָלק. ווען דבורה האָט זיך דערוואוסט דורך די אַנטלאָפענע פון צפון וועגען די ליידען, וואָס זייערע ברידער שטעהען־אויס פון סיסרא'ן, האָט זי אָנגעהויבען וועקען דאָס פאָלק צו אַ פעראייניגטען קאַמפף מיט די אונטערדריקער. דאַן האָט זי גערופען דעם קריעגער ב ר ק

פון שבט נפתלי און האט איהם געהייסען ער זאל זיך שטעלען בראש פון דער אידישער מחנה און געהן מלחמה האלטען מיט סיסרא'ן. אבער ברק האט איהר געזאגט: אויב דו וועסט געהן מיט מיר וועל איך געהן." דבורה האט געענטפערט: „גוט, איך וועל געהן מיט דיר, אבער דאס וועט דיין כבוד ניט גרעסער מא־כען, ווארום מען וועט זאגען, אז א פרוי האט געוואונען דעם זיעג אין דער מלחמה".

האט ברק צוזאמענגענומען א חיל פון צעהן טויזענד מאן פון דעם שבט נפתלי, זבולון און אנדערע, און איז אוועק צום בארג תבור. ווען סיסרא האט דערהערט אז די אידען האבען זיך בע־וואפענט האט ער צוזאמענגענומען זיין גאנצען פערד־חיל און האט זיך געלאזט צום טייך קישון, נעבען בארג כרמל. דא איז פארגע־קומען אן ענטשיידענדע שלאכט. סיסרא'ס חיל מיט זיינע שווערע קריעגסוועגען האט זיך ניט געקענט פריי בעוועגען אין דער בער־גיגער געגענד, בשעת ווען דער גרינגער אידישער פוס־חיל האט איהם דערלאנגט איין קלאפ נאכ'ן אנדערען. דער סוף איז געווען, אז דער שונא איז אינגאנצען צושלאגען געווארען. סיסרא איז אנט־לאפען צופוס און האט זיך בעהאלטען אין געצעלט פון י ע ל, די ווייב פון אן עלטסטען פון די קעניטען, וועלכע זיינען געווען פריינד־ליך צו די אידען. יעל האט אויפגענומען סיסרא'ן מיט געמאכטער פריינדליכקייט, האט איהם אנגעטרונקען מיט מילך און איהם גע־ראטען זיך לעגען אברוהען. און ווען ער איז איינגעשלאפען האט זי גענומען א שארפען פלאקען פון געצעלט און האט עס מיט א האמער אריינגעשלאגען אין קאפ דעם שלאפענדען קריעגער. סיסרא איז געבליבען טויט אויפ'ן ארט. אויף אזא אופן זיינען די אידישע שבטים פון צפון בעפרייט געווארען פון דעם שווערען יאך. אין תנ"ך איז געבליבען „דאס ליעד פון דבורה", אין וועלכעז עס ווערט געשילדערט אין העלע בילדער די שטימונג פון פאלק איז יענעם בעפרייאונגס־קריעג:

הערט אויס, איהר מלכים! פארנעהמט, איהר שרים!
איך זינג צו יהוה, צו גאט פון ישראל. עס איז קיין פיהרער ניט געווען אין ישראל, ביז וואנען איך דבורה בין געקומען, ביז וואנען איך בין אויפגעשטאנען א מוטער אין ישראל. שטעה

אויף, ברק, און פאַנג דיין פאַנג, זוהן פון אבינועם. אָט קומען די קריעגער פון אפרים, נאָך זיי פון בנימין, פון זבולן זיינען געקומען פיהרער, פון יששכר — פירשטען אינאיינעם מיט דבורה'ן. נאָר ראובן צעגערט. וואָס זשע הויערסטו, ראובן, צווישען די געמאַרקען, צו הערען די געשרייען פון די סטאַדעס? ראובן איז זיך צו לאַנג מישב. גלעד ליעגט אין עבר־הירדן, נאָר וואָס זיצט דן אין זיינע שיפען? זבולן איז אַ פאָלק, וואָס איז מקריב זיין לעבען אין שטרייט, נפתלי — אויפ'ן שלאַכטפעלד. פון הימעל האָט מען מלחמה געהאַלטען, די שטערען פון זייערע שטעגען האָבען מיט סיסרא'ן געשטריטען. געבענשט זאָל זיין צווישען פרויען יעל! וואָסער האָט ער געבעטען, מילך האָט זי געגעבען. איהר לינקע האַנד האָט זי געשטרעקט צום צוואָק, איהר רעכטע — צום האַמער. דורכ'ן פענסטערל קוקט און שמאַכט די מוטער פון סיסרא: פאַרוואָס זאַמען זיך די רייטער, וואָרום קומען ניט די רייטוועגען? און איהרע האַרינטעס ענטפער־רען איהר: זיי האָבען דאָך פיעל רויב גענומען, צווישען זיך די רויב צוטיילען, די רויב פון פאַרבענרייכע צייגען, געוואַנטען פאַר די פרויען. אַזוי זאָלען אונטערגעהן אַלע פיינד דיינע, יהוה, און דיינע פריינד זאָלען שיינען ווי די זון אין איהר מאַכט.

§42. גדעון. נאָך עטליכע צעהנדליג יאָהר פון רוה איז פאַר די אידען ווידער אָנגעשטאַנען אַ שווערע צייט. די וואַנדערנדע שבטים, וועלכע האָבען געלעבט נעבען די גרעניצען פון כנען, האָ־בען אָנגעהויבען זיך אַריינרייסען אין לאַנד און רויבען די איינ־וואוינער. די מדינים פון מזרח און די האַלב־ווילדע עמלקים פון דרום פלעגען „אָנפליהען ווי די היישעריקען" אויף די אידישע נחלאות. זיי פלעגען אַריינדרינגען אַהין אין צייט פון שניט, פלעגען וואַנדערען איבער'ן לאַנד אויף זייערע קעמלען און אויפ־שלאָגען זייערע געצעלטען אין די ערטער וואו עס האָבען געוואוינט די ערד־אַרבייטער. וואו זיי פלעגען קומען פלעגען זיי פערוויסטען די תבואות אויף די פעלדער, פערכאַפּען די פיה און אוועקפיהרען און מאַכען אַ תל פון די פריעדליכע איינוואוינער. די אידען פלעגען מוזען בעהאַלטען זייער פערמעגען אין הייהלען און אין שפּאַלטען פון די בערג. די אידען האָבען אינגאַנצען זייער מוט פערלאָרען.

אין יענער צייט האָט אין עפרה, אַ שטאָדט אין מערב פון מנשה׳ס נחלה, געלעבט אַ מאַן מיט׳ן נאָמען גדעון, אַ שטילער ערד־אַרבייטער, וועלכער האָט אָבער בעזעסען דעם מוט פון אַ קריעגסמאַן. ווען די מדינים האָבען גע׳הרג׳עט זיינע עלטערע ברידער האָט זיך אין גדעונ׳ן אָנגעצונדען אַ פערלאַנג צו נעהמען נקמה פון די רויבער און בעפרייען זיין פאָלק. איינמאָל ביי־נאַכט — דערצעהלט דער תנ״ך — ווען גדעון האָט געדראָשען ווייץ אין דער שטיל כדי צו פערבאָרגען עס פון די מדינים, האָט זיך אַ מלאך פון גאָט בעוויזען צו איהם און איהם געזאָגט: „געה און לייז אויס די אידען פון די מדינ׳ישע הענד; דיך שיקט גאָט״. גדעון האָט דערפיהלט אַ בעגייסטערונג אין זיך און די ערשטע זאַך האָט ער צושטערט דעם מזבח פון בעל, וואָס האָט געהערט צו זיין פאָטער יואש, און אויף זיין אָרט האָט ער אויסגעבויט אַ מזבח צו יהוה. די איינוואוינער פון עפרה, וועלכע האָבען געדיענט צום בעל, האָבען געזאָגט צו גדעונ׳ס פאָטער: „הרג׳ע דיין זוהן דערפאַר וואָס ער האָט צושטערט דעם מזבח פון אונזער גאָט״. נאָר יואש האָט זיי געענטפערט: „דאַרפט איהר זיך איינשטעלען פאַר בעל? וועט איהר איהם דען העלפען? אויב ער איז גאָט, דאַן זאָל ער זיך אָננעהמען פאַר זיך אַליין און בעשטראָפען יענעם, וואָס האָט צושטערט זיין מזבח״.

אין גיכען נאָכדעם האָט גדעון גענומען רופען דאָס פאָלק צו פערטיידיגען דאָס פאַטערלאַנד. אויף זיין רוף האָבען אָבגע־ענטפערט טויזענדער קריעגער פון די שבטים מנשה, זבולון, אשר און נפתלי. די מדינ׳ישע מחנות זיינען געשטאַנען מיט זייער לאַגער אין טאָל יזרעאל און האָבען פערוויסט דאָס לאַנד. גדעון האָט בעשלאָסען אָנצופאַלען אויף זיי פּלוצלונג. ער האָט געלאָזט אויס־רופען איבער זיין חיל: „ווער עס שרעקט זיך און האָט מורא, יע־נער זאָל געהן אהיים!“ אַרום גדעונ׳ן איז געבליבען אַן אָבגעקלי־בענע מחנה פון דריי הונדערט גבורים. ביינאַכט האָבען די אידי־שע גבורים גענומען טראָמפּייטען, און ברענענדיגע פאַקעלען, וועל־כע זיי האָבען בעהאַלטען אין קרוגען. דאַן האָבען זיי זיך פּלוצ־לונג אַ וואַרף געטהאָן אויפ׳ן שלאָפענדען לאַגער פון שונא, האָ־בען אַרויסגעוואָרפען די פאַקעלען און גענומען שאַלען אין די

טראָמפּייטען און שרייען: „אַ שווערד פאַר גאָט און פאַר גדעון!“ די איבערראַשטע מדינים האָבען זיך דערשראָקען פון די קולות פון די טראָמפּייטען און פון די פלאַמען פון די פאַקעלען, און האָבען זיך געלאָזט לויפען. די אידען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און זיי צו־קלאַפּט. גדעון האָט צושיקט שלוחים צו אַלע שבטים מיט אַ בע־פעהל צו פאַנגען די אַנטלויפענדע. דער שטאַרקער שבט אפרים האָט זיך אויך אָנגעשלאָסען אין דער מלחמה און האָט גענומען גע־פאַנגען די פיהרער פון די מדינים. גדעון האָט זיך ניט בענוגענט מיט פערטרייבען דעם שונא פון דעם אידישען לאַנד, נאָר איז אויך מיט זיין חיל אריבער דעם ירדן און איז אריינגעדרונגען אין מדינ׳ישע לענדער. דאָ האָט ער געפאַנגען די מדינ׳ישע הערשער (זבח און צלמון) און האָט זיי געהייסען טויטען דערפאַר וואָס זיי האָבען אַמאָל גע׳הרג׳עט זיינע ברידער.

דער דאָזיגער גלענצענדער נצחון האָט בעריהמט געמאַכט גדעונ׳ס נאָמען ביים גאַנצען פאָלק. די אידען האָבען פערשטאַנען, אַז זיי וואָלטען געווען שטאַרק, ווען זיי וואָלטען שטענדיג געהאַט אַזעלכע פיהרער און רעגיערער ווי גדעון, און די עלטסטע פון די וויכטיגסטע שבטים האָבען אַנערקענט גדעונ׳ען פאַר זייער שופט. זיי האָבען איהם פאָרגעלעגט ער זאָל זיך קרוינען פאַר׳ן אידישען קעניג. נאָר דער עניוות׳דיגער פיהרער האָט געענטפערט: „ניט איך און ניט מיינע קינדער וועלען הערשען איבער אייך; גאָט איז אייער הערשער“.

§43. אבימלך. גדעון איז געשטאָרבען אין טיעפען עלטער, און האָט געלאָזען נאָך זיך אַ סך זיהן פון זיינע פיעל ווייבער. צווישען זיי איז געווען איין זוהן, געבאָרען פון זיינער אַ דיענסט, וועלכע האָט געשטאַמט פון שכם. דער דאָזיגער זוהן, מיט׳ן נאָ־מען אבימלך, איז געווען אַ גרויסער רודף אחר כבוד און ער האָט געוואָלט קריגען יענע קעניגליכע הערשאַפט, פון וועלכער זיין פאָ־טער האָט זיך אָבגעזאָגט. האָט ער מיט דער הילף פון זיינע אָנ־הענגער גע׳הרג׳עט אַלע זיינע ברידער, אויסער איינעם, דעם איינ־סטען, יותם, וועלכער איז אַנטלאָפען. די איינוואוינער פון שכם האָבען אַנערקענט אבימלכ׳ן פאַר אַ קעניג. ווען יותם האָט זיך דערפון דערוואוסט איז ער ארויף אויפ׳ן שפּיץ פון באַרג גריזים

און פון דאָרטען האָט ער געזאָגט דעם פאָלק אַ פראַכטפולען משל, וואו ער האָט פערגליכען די איידעלקייט פון גדעונ'ען, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם קעניגליכען נאָמען, מיט דער זשעד־נעקייט פון אבימלכ'ן, וועלכער האָט דערגרייכט צו דיזען נאָמען דורך רציחות און פארברעכען. יותם האָט אַזוי געזאָגט:

געגאַנגען זיינען אַמאָל די בוימער פון וואַלד צו זאַלבען אַ קעניג איבער זיך און זיי האָבען געזאָגט צום איילבוים: קום קעניג איבער אונז! און דער איילבוים האָט זיי געענטפערט: צי דען וועל איך אויפהערען געבען מיין בוימאייל און וועל געהן זיך פאַר־נעהמען מיט די בוימער? האָבען די בוימער געזאָגט צום פייגענ־בוים: געה דו קעניג איבער אונז. און געענטפערט האָט דער פיי־גענבוים: צי דען וועל איך אויפהערען געבען מיין זיסקייט און מיין געשמאַקע זאַפט, און וועל געהן זיך פארנעהמען מיט די בוי־מער? האָבען די בוימער געזאגט צום וויינשטאָק: געה דו קעניג איבער אונז! און דער וויינשטאָק האָט זיי געענטפערט: צי וועל איך אויפהערען געבען מיין זאַפט, וואָס דערפרעהט גאָט און לייט און געהן זיך פארנעהמען מיט די בוימער? האָבען זיך די בוימער געווענדט צום דאָרן: קעניג דו איבער אונז! און דער דאָרן האָט געזאָגט צו די בוימער: אויב איהר מיינט באמת מיך צו זאַלבען פאַר אַ קעניג איבער אייך, דאַן קומט און שיצט זיך אין מיין שאָטען; און אויב ניט, וועט אַרויס אַ פייער פון דעם דאָרן און וועט פערצעהרען די צעדער פון לבנון".

נאָר ניט לאַנג האָט דער גרויזאַמער אבימלך געקעניגט. אין דריי יאָהר אַרום זיינען די איינוואוינער פון שכם געוואָרען אונ־צופרידען פון זיין שלעכטער ממשלה און האָבען מורד געווען און איהם פערטריבען פון שטאָדט. און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ בלוטיגער ברודער־קריעג. אבימלך האָט געהאַט אַ שלאַכט מיט די מורדים געבען שכם און האָט זיי מנצח געווען. ער איז אריין אין זיין אייגענער שטאָדט שכם אַזוי ווי אין אַן איינגענומענער שטאָדט, האָט זי חרב געמאַכט און אויסגע'הרג'עט די איינוואוי־נער. אַרום טויזענד מענער און פרויען האָבען זיך בעפעסטיגט אין דעם שטאָדטישען טהורם. האָט אבימלך אונטערגעצונדען דעם טהורם, און אַלע מענשען וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען זיינען

אומגעקומען אין פייער. דערנאָך האָבען אבימלכ'ס מחנות בעלאַ־גערט די שטאָדט תבץ, וואו די איינוואוינער האָבען אויך געמאַכט אַן אויפשטאַנד און זיך אויך בעפעסטיגט אין אַ טהורם. דאָ האָט אַ פרוי ארונטערגעוואָרפען פון שפּיץ אַ שטיק מיהלשטיין אבימלכ'ן אין קאָפּ און האָט איהם צושפּאָלטען דעם שאַרבען. אבימלך האָט צוגערופען זיין וואפען־טרעגער און האָט איהם געזאָגט: ענטבלויז דיין שווערד און טויט מיך, כדי מען זאָל ניט זאָגען, אַז אַ פרוי האָט מיך געטויט. דער וואַפענטרעגער האָט ערפילט זיין בעפעהל און אבימלך איז געשטאָרבען. אַזוי האָט זיך געענדיגט דער ערשטער ניט געלונגענער פּרוב איינצופיהרען אַ קעניגליכע הערשאַפט צווי־שען די פרייע אידישע שבטים, וואָס זיינען ניט געוואוינט געווען צו אַ זעלבסטהערשאַפט. *)

§44. **יפתח.** די פאַסטוכער־שבטים, וועלכע האָבען גע־לעבט אויפ'ן מזרח זייט פון ירדן האָבען געהאַט שטענדיגע צוזאַ־מענשטויסען מיט דעם שכנ'ישען פאָלק עמון. דאָס דאָזיגע פאָלק, וואָס אמאָל האָט עס בעהערשט גאַנץ גלעד, האָט געקוקט אויף די אידען ווי אויף פרעמדע זיעגער, און האָט געזוכט אָבצונעהמען צו־ריק די לענדערייען, וואָס די אידען האָבען פערנומען נאָך אין דער צייט פון דעם אמורי'שען קעניג סיחון. עס איז געקומען אַ צייט ווען די עמונים זיינען געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען ניט נאָר אונטערדריקט די אידען פון גלעד, נאָר זיי האָבען אפילו געוואַגט אריבערגעהן דעם ירדן און בעפאַלען די שבטים פון אינוועניגסטען כנען. דעמאָלט האָבען זיך די עלטסטע פון גלעד פערזאַמעלט און בעשלאָסען צו האַלטען מלחמה מיט די אונטערדריקער. פאַר זייער הויפּטמאַן האָבען זיי אויסגעקליבען דעם העלדישען יפתח.

יפתח איז געווען דער שטיפזוהן פון אַן איינוואוינער פון גלעד. זיינע שטיפברידער האָבען איהם פאַרטריבען פון זיין פאָטער'ס הויז און האָבען איהם בערויבט פון זיין ירושה. דער בעליידיגטער יפתח איז געוואָרען אויפגעבראַכט און איז אַנטלאָפען אין די דערביי־

---

*) דער נאָמען „אבימלך" האָט נאָך אַן אַנדער בעדייטונג. עס מיינט „דער פאָטער פון קעניג", ד. ה. דער גרינדער פון דער קעניגליכער הער־שאַפט.

איגע סטעפּעס און איז געוואָרען דער פיהרער פון א באנדע גזלנים. ווען די עמונים האָבען אָנגעהויבען שטארק דריקען די אידען זיינען די עלטסטע פון גלעד אוועק צו יפתח'ן און איהם געזאָגט: „קום און זיי ביי אונז א פיהרער אין דער מלחמה מיט די עמונים". און יפתח האָט זיי געענטפערט: „האָט איהר דען ניט דערלאָזט, אז מען זאָל מיך ארויסטרייבען פון מיין פאָטער'ס הויז? וואָרום זשע זייט איהר געקומען צו מיר איצט ווען איהר זייט אין א צרה?" פונדעסטוועגען ווען די עלטסטע זיינען צו איהם שטארק צוגעשטאַנען האָט ער נאָכגעגעבען און האָט אָנגענומען די פיהרערשאפט איבער דעם אידישען חיל. קודם־כל האָט ער געשיקט שלוחים צום קעניג פון עמון און געפאָדערט אז ער זאָל צוריקציהען זיינע מחנות פון גלעד. אָבער דער קעניג פון עמון האָט זיך ענטזאגט צו ערפילען יפתח'ס פאָדערונג און האָט געזאָגט, אז די דאָזיגע לענדער האָבען געהערט צו די עמונים נאָך איידער זיי זיינען פערנומען געוואָרען פון די אידען, וואָס זיינען ארויס פון מצרים. דעמאָלט איז יפתח ארויס מלחמה האלטען. מיט זיינע העלדישע מחנות איז ער בעפאַלען די עמונים און האָט אָבגעהאלטען א גרויסען נצחון איבער זיי. די עמונים זיינען פערטריבען געוואָרען פון גלעד און זיי האָבען מעהר ניט געהאַט דעם מוט צו בעאונרוהיגען די אידען. דער זיעגרייכער יפתח איז מיט טריאומף אריינגעטראָטען אין זיין געבורטסשטאָדט מצפה־גלעד און איז אנערקענט געוואָרען אלס פיהרער אָדער שופט פון זיינע לאנדסלייט.

מיט דעם דאָזיגען נצחון איז אין זכרון פון פאָלק פערבונדען געוועזען א שרעקליכע און אין דער זעלבער צייט טראַגישע לעגענדע. דער תנ"ך דערצעהלט, אז איידער יפתח איז בעפאַלען דעם שונא, האָט ער א נדר געטהאָן צו גאָט, אז אויב גאָט וועט איבערענטפערען דעם שונא אין זיינע הענד וועט ער, צוריקגעהענדיג אהיים, ברענגען צו איהם פאַר א קרבן די ערשטע זאך וואָס וועט איהם ארויסגעהן אנטקעגען פון זיין הויז. אָבער ווען יפתח האָט זיך נאָך דער געוואונענער מלחמה אומגעקעהרט אהיים, איז די ערשטע צו קומען איהם אנטקעגען געוועזען זיין איינציגע טאָכטער, א שעהנע יונגע מיידעל, וועלכע איז פרעהליך ארויס מיט א פויק אין די הענד מקבל פנים זיין איהר זיעגרייכען פאָטער. ווען יפתח האָט זי דערזעהן

האָט ער אין פערצווייפלונג אויסגעשריען: „אָה, טאָכטער מיינע, דו האָסט מיך פערדאָרבען! איך האָב אַ נדר געטהאָן צו גאָט אז איך וועל איהם ברענגען פאר אַ קרבן די ערשטע זאַך וואָס וועט ארויס־געהן פון מיין הויז מיר אַנטקעגען, און איך קען ניט עובר זיין אויף מיין וואָרט!“ און די מיידעל האָט געענטפערט: „פאָטער, אויב דו האָסט געגעבען אַ נדר צו גאָט, דאַן טהו מיט מיר ווי דו האָסט צו־געזאָגט. נאָכדעם ווי גאָט האָט דורך דיר נקמה גענומען פון זיינע פיינד, די עמונים. נאָר איין בקשה האָב איך צו דיר: לאָז מיך אָב אויף צוויי חדשים, איך וועל ארויפגעהן אויף די בערג און דאָרט וועל איך צוזאמען מיט מיינע חבר'טעם בעקלאָגען מיין מיידעלשען לעבען“. יפתח האָט געטהאָן איהר פערלאַנג און זיין טאָכטער האָט אין פערלויף פון צוויי מאָנאטען געלעבט אין די בערג און דאָרט זיך געזעגענט מיט איהר יונג לעבען. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איהר פאָטער און ער האָט מקיים געווען דעם נדר וואָס ער האָט געגעבען. פון דעמאָלט אָן איז געוואָרען אַ מנהג, אז די יונגע אי־דישע מיידלעך פלעגען יעדען יאָהר געהן אין די בערג אויף פיער טעג צו בעקלאָגען יפתח'ס טאָכטער.

§45. שמשון הגבור. נאָכדעם האָט אַ נייער שרעקליכער פיינד אָנגעהויבען דריקען די אידען. דאָס זיינען געווען די פלשתים, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אויפ'ן דרום־מערב גרעניץ פון כנען אין די שטעדט עזה, אשקלון און אנדערע, וואָס זיינען געלעגען נאָהנט צום ים. דער שבט דן, וואָס האָט געלעבט אין שכנות מיט די פלשתים, האָט אַ סך געליטען פון די אָנפאַלען פון דעם דאָזיגען קריעגערישען פאָלק, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין כח מיט איהם מלחמה צו האַלטען. עס זיינען נאָר געבליבען די לעגענדען פון איין אידישען גבור, וועלכער האָט זיך איינער אַליין נוקם געווען אָן די שונאים פאר זיין אונטערדריקטען פאָלק. דאָס איז געווען שמשון פון שבט דן. זיינע פרומע עלטערען האָבען איהם אין דער קינדהייט געהיי־ליגט פאר אַ נזיר צו גאָט, און אַלס צייכען דערפון האָט ער זיך ניט געשאָרען די האָר. נאָך אין זיינע קינדערשע יאָהרען האָט ער ארויס־געוויזען אַן אויסערגעוועהנליכע קראַפט. שמשון האָט זיך אויסגע־קליבען אַ כלה פון צווישען די פלשתים, און איז איינמאָל געגאַנגען אין דער שטאָדט וואו זי האָט געוואוינט. אויפ'ן וועג האָט איהם

בעגעגענט א יונגער לייב, וועלכער האָט זיך געוואָלט ארויפוואַרפען אויף איהם, נאָר שמשון האָט א כאַפּ געטהאָן דעם לייב און איהם צוריסען מיט די הענט ווי א ציגעלע. אין גיכען האָט ער זיין גרויסען כח געלאָזט דערפיהלען די שונאים פון זיין פאָלק. אין אשקלון האָט שמשון איינמאָל געכאַפּט דריי הונדערט פוקסען, האָט צוגעבונדען ברענענדיגע פאַקעלען צו זייערע ווידלען, און האָט אָבגעלאָזען די פוקסען אויף די פלשתי׳שע פעלדער אין דער צייט פון שניט. די גאַנצע תבואה אויף די פעלדער איז פערברענט געוואָרען. שמשון האָט זיך בעהאַלטען אין די בערג. די צורייצטע פלשתים זיינען בע־פאַלען דעם שכני׳שען שבט יהודה און געפאָדערט מען זאָל זיי ארויס־געבען שמשון׳ען. די בני יהודה האָבען זיך דערשראָקען און געזאָגט צו שמשון׳ען: „וואָס האָסטו אונז געטהאָן? ווייסטו דען ניט, אז די פלשתים הערשען איבער אונז? מיר וועלען דיך בינדען און איי־בערגעבען אין זייערע הענד“. און מען האָט שמשון׳ען געבונדען די הענד מיט שטאַרקע שטריק און ארויסגעפיהרט פון דעם פעלזען־שפאַלט, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטען. נאָר ווען די פלשתים זיי־נען צוגעגאַנגען איהם נעהמען האָט ער אָנגעשטרענגט זיינע כחות, האָט צוריסען די שטריק און איז אַנטלאָפען. ניט האָבענדיג ביי זיך קיין געוועהר, האָט ער אויפ׳ן וועג אויפגעהויבען א קינבאַק פון א טויטען עזעל און דערמיט דערשלאָגען יעדען פלשתי וואָס ער האָט בעגעגענט. אין קורצען נאָך דעם האָט שמשון גענעכטיגט אין דער פלשתי׳שער שטאָדט עזה. ווען די איינוואוינער פון שטאָדט זיינען דערפון געוואָהר געוואָרען, האָבען זיי פערשפּאַרט די טויערען פון שטאָדט, און בעשלאָסען אויף מאָרגען אין דערפריה פאַנגען דעם גבור. נאָר שמשון האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטען נאַכט, און דער־זעהענדיג אז אלע וועגען זיינען פערשפּאַרט, האָט ער אויסגעריסען די טויערען צוזאַמען מיט די זיילען און שלעסער און האָט זיי אויף די פלייצעס אוועקגעטראָגען אויפ׳ן שפּיץ באַרג.

שמשון׳ס גבורות האָבען איהם בעריהמט געמאַכט צווישען אלע אידען. איינינע שבטים האָבען איהם אויסגעקליבען פאַר זייער שופט. אָבער די פלשתים האָבען געזוכט א געלעגענהייט איהם אומ־צוברענגען. זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז שמשון האָט ליעב א פלשתי׳שע פרוי מיט׳ן נאָמען דלילה. זיינען די פלשתי׳שע הארען

געקומען צו דער דאָזיגער פרוי און איהר געזאָגט: „דערגעה ביי שמשונ׳ען אין וואָס בעשטעהט דער גרויסער כח זיינער און מיט וואָס מען קען איהם בייקומען, און מיר וועלען דיר דערפאַר געבען צו טויזענד און הונדערט זילבערנע שקלים. דלילה איז צוגעשטאַנען צו שמשונ׳ען ער זאָל איהר ענטדעקען דעם סוד פון זיין קראַפט. נאָך פיעל בקשות האָט איהר שמשון דערצעהלט, אז פון קליינווייז אויף האָט ער ניט געשאָרען זיינע האָר, און ווען מען זאָל אָבשערען זיינע לאַנגע האָר וועט ער פאַרלירען זיין קראַפט. דלילה האָט דאָס איבערגעגעבען צו די פלשתי׳שע פירשטען און אליין האָט זי פאַר־שלעפערט שמשונ׳ען און איהם אָבגעשאָרען זיינע לאַנגע האָר. דאַן האָט שמשונ׳ס העלדישע קראַפט איהם פאַרלאָזען. די פלשתים האָ־בען געכאַפט שמשונ׳ען, האָבען איהם אויסגעשטאָכען די אויגען און א געשמיעדטען אין קייטען האָבען זיי איהם אריינגעזעצט אין תפיסה אין דער שטאָדט עזה, וואו זיי האָבען איהם געצוואונגען צו מאָהלען תבואה אויף מיהלשטיינער.

לאַנג איז דער אידישער העלד געזעסען אין געפענגניס. נאָר מיט דער צייט זיינען איהם די האָר אָבגעוואַקסען און זיין קראַפט האָט זיך אָנגעפאַנגען אומצוקעהרען צו איהם. איינמאָל האָבען די פלשתי׳שע הארען געמאַכט א גרויסען יום־טוב אין דעם טעמפעל פון זייער שטאַם־גאָט דגון. זיי האָבען געהייסען ברענגען דעם בליג־דען שמשונ׳ען ער זאָל משמח זיין זיי און דעם פערזאַמעלטען פאָלק. מען האָט שמשונ׳ען געבראַכט אין דגונ׳ס טעמפעל, וועלכער איז געווען אָנגעפילט מיט מענשען. פיהלענדיג ווי דער המון מאַכט זיך לוסטיג איבער איהם האָט דער בלינדער שטיל געבעטען צו גאָט: „דערמאָן זיך, גאָט, אַז מיר און גיב מיר קראַפט כאָטש דעם לעצ־טען מאָל, איך זאָל זיך קענען נוקם זיין אין מיינע שונאים!“ און די גאַנצע פריהערדיגע קראַפט האָט זיך אומגעקעהרט צום אידישען גבור. ער האָט זיך איינגעשפאַרט מיט זיינע מעכטיגע הענד אין די צוויי מיטעלסטע זיילען וואָס האָבען אונטערגעהאַלטען דעם דאַך פון טעמפעל און האָט אויסגעשריען: „תמות נפשי עם פלשתים! לאָמיר שטאַרבען צוזאַמען מיט די פלשתים!“ די זיילען האָבען זיך א וויעג געטהאָן און דער גאַנצער בנין איז איינגעפאַלען, דערדריי־קענדיג אויף טויט טויזענדער פלשתים און אויך שמשונ׳ען אליין.

זיין קערפּער האָבען צוגענומען זיינע פריינד און איהם בעגראָבען אין די קברים פון זיין פאַמיליע אין דעם לאַנד פון שבט דן.

§46. דער לעבענספיהר און די זיטען פון די אידען אין דער צייט פון די שופטים האָט זיך ווינציג אונטערשיידט פון די זיטען און מנהגים פון די איבעריגע כנענ'ישע פעלקער. א טייל פון אידישען פאָלק האָט זיך פאַרנומען מיט ערד־ארבייט, און א טייל מיט פיהצוכט. מלאכות און האַנדעל זיינען נאָך ניט געווען פאַר־שפּרייט. איבעראַל זיינען די אידען געקומען אין בעריהרונג מיט אנ־דערע פעלקער, וועלכע האָבען געוואוינט סיי אין כנען גופא, סיי אויף די גרעניצען, און זיי האָבען איבערגענומען זייערע געוועהנ־הייטען און אפילו זייערע פאָרמען פון גאָטעסדיענסט. דער פּראָס־טער המון פון אידישען פאָלק האָט זיך ניט געקענט צוגעוועהנען צו דיענען א גאָט וואָס מען זעהט ניט און האָט זיך אָפט געבוקט צו בילדער, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען כלומרשט פאַרצושטע־לען דעם אידישען גאָט. אפילו דער שופט גדעון, וועלכער האָט צו־שטערט דעם מזבח פון בעל, האָט אויסגעגאָסען פון גאָלד א גע־שטאַלט פון יהוה (אפור), האָט איהם אנידערגעשטעלט ביי זיך אין הויז, און דאָס פאָלק פלעגט געהן זיך בוקען צו דעם דאָזיגען געץ.

עס פלעגט פּאַסירען, אז אפילו די לויים, די דיענער פון דעם אידישען גאָט, פלעגען דיענען פאַר די געצען. איינער פון דעם שבט אפרים, מיכה, האָט אויסגעבויט פאַר זיך א טעמפּעל, וואו ער האָט אוועקגעשטעלט א גרויסען זילבערנעם געץ און קליינע הויזליכע געצקעס (תרפים) און ער האָט דאָ געשטעלט א יונגען לוי צו דיע־נען ארום די אָבגעטער. די לייכטגלויביגע מענשען פלעגען געהן אהין, און דער פאַלשער כהן פלעגט זיי פאָראויסזאָגען זייער מזל אין דעם נאָמען פון דעם געץ (אָראַקעל). אין יענער צייט איז א טייל פון דעם שבט דן, וואָס איז געווען אונטערדריקט פון די פלשתים, נעגאַנגען זוכען נייע לאַנד זיך צו בעזעצען. די בני דן האָ־בען געשיקט פאָראויס מרגלים אויסצוקוקען א געוויסע געגענד אין צפון. אויפ'ן וועג זיינען די מרגלים פאַרגאַנגען אין מיכה'ס טעמפּעל צו פרעגען אויב זייער שליחות וועט מצליח זיין. דער אָראַקעל האָט זיי פאָראויסגעזאָגט אז זיי וועלען מצליח זיין. און אזוי איז גראָד געשעהן: די בני דן האָבען איינגענומען די שטאָדט ליש, נעבען דעם

צפון גרעניץ פון פעניציען. דעמאָלט זיינען די בני דן געקומען און האָבען אוועקגערויבט מיכה'ס געץ און איהם אוועקגעפיהרט אלס היילינגטום, צוזאַמען מיט דעם כהן, אין זייער נייער נחלה, וואו זיי האָבען אויסגעבויט פאַר איהם א בעזונדער טעמפעל. אזעלכע געצען־טעמפּלען האָבען זיך געפונען אויך ביי עטליכע אַנדערע אידישע שבטים. דעם משכן אין שלה פלעגען בעזוכען בלויז ווענינגע געטרייע דיענער פון אידישען גאָט. מחמת דעם איז קיין אחדות ניט געווען אין פאָלק. דער צוזאַמענבונד צווישען די שבטים איז אָבגעשוואַכט געוואָרען און ניט זעלטען פלעגען אפילו פאָרקומען צווישען זיי אומגליקליכע מחלוקות.

איינמאָל איז צווישען זיי פאָרגעקומען אזא שרעקליכער ברודער־קריעג דורך וועלכען עס איז שיער ניט אומגעקומען א גאַנצער אידישער שבט, דער שבט בנימין. אין דער שטאָדט גבעה האָט זיך אָבגעשטעלט אויף נאַכטלעגער א דורכרייזענדער לוי מיט זיין פרוי. איינינגע פון די דאָרטיגע איינוואוינער, אויסגעלאַסענע מענשען, האָבען ארומגערינגעלט דאָס הויז, וואו דער לוי האָט זיך אָבגעשטעלט, האָבען מיט גוואַלד אוועקגעפיהרט זיין פרוי און זי שענדליך בעהאַנדעלט. אויף מאָרגען האָט דער לוי געפונען זיין פרוי א טויטע נעבען דער טיהר פון זיין הויז. האָט ער גענומען א מעסער און צושניטען דעם קערפּער אויף צוועלף שטיק, און צושיקט איבער די שטעדט פון די צוועלף אידישע שבטים, כדי אַלע זאָלען וויסען וואָס פאַר א רציחה די איינוואוינער פון גבעה האָבען אָבגעטהאָן. די אידען זיינען אריין אין גרויס צאָרן און האָבען בעשלאָסען צו בעשטראָפען די שולדיגע. מחנות פון אַלע שבטים, בעזונדערס פון אפרים, זיינען אריינגעטראָטען אין דער נחלה פון שבט בנימין און האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי ארויסגעבען די רוצחים פון גבעה, כדי זיי צו בעשטראָפען. אָבער די בני בנימין האָבען דערויף ניט מסכים געווען. דעמאָלט האָבען די אידען זיך געגעבען א שבועה ניט צו געבען זייערע טעכטער פאַר ווייבער צו די זיהן פון שבט בנימין און אויף אזא אופן נעהמען נקמה פאַר דעם פערגאַסענעם בלוט. און עס האָט אויסגעבראָכען א שוידערליכער ברודער־קריעג. זייענדיג געשיקטע שיסער האָבען פון אָנפאַנג די בני בנימין מנצח געווען, נאָר סוף כל סוף האָבען זיי ניט געקענט ביישטעהן דעם צאָלרייכען

פעראייניגטען חיל פון די אידען. טויזענדער מענשען פון שבט בנימין זיינען גע׳הרג׳עט געווארען און זייערע שטעדט זיינען פערניכטעט געווארען דורך פייער.

נאך דער מלחמה האבען זיך די אידען פערזאמעלט אין בית־אל. און עס האט זיי אנגעהויבען באנג טהאן וואס אזוי פיעל פון זייערע ברידער פון שבט בנימין זיינען אומגעבראכט געווארען. „צי דען — האבען זיי געזאגט — זאל געמינערט ווערען א גאנצער שבט פון ישראל?“ און זיי האבען גענומען טראכטען מיטלען ווי אזוי צוריק אויפריכטען די לעבענגעבליבענע פון שבט בנימין. א סך יונגע לייט פון בנימין האבען ניט געקענט חתונה האבען, מחמת א גרויסע צאל מיידלעך פון דעם אומגליקליכען שבט זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה, און די איבעריגע אידען האבען ניט געקענט ברעכען זייער שבועה וואס זיי האבען געשווארען ניט אויסצוגעבען זייערע טעכטער פאר די זיהן פון דעם פערזינדיגטען שבט. דעמאלט האבען די עלטסטע פון פאלק געזאגט צו די בחורים פון שבט בנימין: „יעדען יאהר קומט פאר א יום־טוב אין שלה; געהט אהין, באהאלט זיך אין די וויינגערטנער, און ווען איהר וועט דער־זעהן ווי די שטאדטישע מיידלעך געהען ארויס טאנצען אין קארא־האד זאלט איהר ארויסלויפען פון אייערע בעהעלטעניש און יע־דער איינער פון אייך זאל זיך כאפען איינע פון זיי, און געהן אין זיין לאנד“. די בני בנימין האבען אזוי געטהאן. זיי האבען געפאנ־גען מיידלעך אין שלה און האבען מיט זיי חתונה געהאט און הא־בען זיך וויעדער בעזעצט אין פאמיליעס אין זייער נחלה. עס איז אויסגעקומען אזוי, אז אי דער שבט בנימין איז גאנץ געבליבען, אי די אידען האבען געהאלטען זייער שבועה, ווארום דאס פאלק האט ניט געגעבען זיינע טעכטער, נאר די בני בנימין האבען זיי אליין גענומען.

§47. עלי הכהן. די בעסערע מענשען פון אידישען פאלק האבען געשטרעבט צו פערשטארקען אין איהם דעם ריינעם גלויבען און גוטע מדות און איהם פארהיטען פון אויסמישען זיך מיט די געצענדיענער. איינער פון די איז געווען עלי, פון דער משפחה פון די כהנים, וועלכער איז געווען כהן גדול אין דעם משכן אין שלה. אין פערלויף פון פערציג יאהר האט ער פערוואלטעט די אידען פון

מיטעלען כנען, צווישען וועלכע דער שבט אפרים האָט פערנומען דעם ערשטען אָרט. זייענדיג דער עלטסטער פון דעם משכן אין שלה האָט עלי געהאַט די מעגליכקייט צו ווירקען אויף די מתפללים, וואָס פלעגען קומען אהין פון פערשיידענע ערטער. ער האָט אין זיי גע־וועקט דעם גלויבען אין אַן איינציגען גאָט און אַ פעראַכטונג צום געצענדיענסט, און אָפטמאָל פלעגט ער זיי אויפמונטערען און בענ־שען צום קאַמפף מיט די פרעמדע אונטערדריקער. איבערהויפּט די פלשתים. אַ לאַנגע צייט האָט זיך דער דאָזיגער קאַמפף געפיהרט מיט ערפאָלג פאַר די אידען און די פלשתים האָבען ניט געקענט אָב־נעהמען קיין נייע לענדער ביי זיי. נאָר ווען עלי איז געוואָרען אַלט און שוואַך און האָט געדאַרפט איבערגעבען די פיהרערשאַפט אין די הענד פון זיינע זיהן האָט די לאַגע אָנגעהויבען ווערען ערגער. די זיהן פון דעם אַלטען כהן, חפני און פנחס, האָבען ניט געהאַט די מעלות פון זייער פאָטער. זיי האָבען ניט געטהאָן זייער פליכט אַלס כהנים צום פאָלק, זיי האָבען נאָר געזוכט צו נעהמען וואָס מעהר מתנות פון די מתפללים, האָבען זיך אריינגעלאָזט אין פערגעניגענס און מיט זייער לעבען האָבען זיי געגעבען אַ שלעכטען ביישפּיעל צום פּראָסטען פאָלק.

אין יענער צייט האָט זיך אויף די אידען אָנגערוקט אַ גרויס אומגליק. די פלשתים האָבען אַלץ מעהר און מעהר גענומען אָנפאַ־לען אויף די לענדער פון אפרים. די פעראייניגטע חילות פון עט־ליכע אידישע שבטים זיינען ארויסגעטראָטען נעגען דעם שונא, וואָס זיין הויפּט־לאַגער האָט זיך געפונען אין אפקה. די עלטסטע פון פאָלק האָבען געראָטען צו נעהמען דעם ארון־קדש פון דעם משכן אין שלה און טראָגען איהם פאָראויס פון די אידישע קריעגער, כדי צו אונטערגעבען זיי מוט. ווען מען האָט געבראַכט דעם ארון אין דעם אידישען לאַגער האָבען זיך די פלשתים דערשראָקען: זיי האָבען מורא געהאַט, אז דאָס הייליגטום פון אידישען גאָט וועט ברענגען אויף זיי אַ מפּלה. זיי האָבען דעריבער צונויפגענומען אַלע זייערע כחות און געקעמפפט מיט גרויס פערצווייפלונג. און דאָס אידישע חיל איז געשלאָגען געוואָרען פאַר'ן שונא און האָט פערלאָרען אויפ'ן שלאַכטפעלד דרייסיג טויזענד מאַן. צווישען די גע'הרג'עטע זיינען אויך געוועזען עלי'ס צוויי זיהן, חפני און פנחס. איבערהויפּט האָט

געמאַכט זעהר אַ שווערען איינדרוק אויפ'ן פאָלק דאָס וואָס די פלשתים האָבען גענומען געפאַנגען דעם הייליגען ארון. איין אידי־שער קריעגער איז געקומען צולויפען פון שלאַכטפעלד קיין שלה; זיינע קליידער זיינען געווען אויף איהם צוריסען און ער איז געווען אינגאַנצען בערעקט מיט שטויב. עלי הכהן איז געזעסען ביי די טויערען פון שטאָדט און האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף ידיעות פון דעם שלאַכטפעלד. דער קריעגער איז שנעל צוגעלאָפען צו איהם און געזאָגט: „די אידען זיינען אַנטלאָפען, און אַ גרויסע אויסשלאַכ־טונג איז געווען אין פאָלק, און דיינע צוויי זיהן זיינען געשטאָרבען, און דער הייליגער ארון פון גאָט איז גענומען געוואָרען געפאַנגען". געטראָפען פון דער שרעקליכער נאַכריכט איז דער זקן אַרונטערגע־פאַלען פון שטוהל און האָט זיך צובראָכען דעם געניק און איז אויפ'ן אָרט געשטאָרבען.

דערווייל האָבען די פלשתים, זייענדיג ערמוטיגט פון זייער נצחון, זיך גענומען רוקען טיעפער אין לאַנד אריין און האָבען זיך אריינגעריסען אין דער הייליגער שטאָדט שלה. זיי האָבען צושטערט די שטאָדט און איהר הייליגען משכן, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פון יהושע'ס צייטען. פון דעמאָלט אָן האָט די אפרים'שע שטאָדט שלה אויפגעהערט צו זיין דער רעליגיעזער צענטער פון אידישען פאָלק און דער שבט אפרים האָט פערלאָרען זיין פריהערינע אויבער־שאַפט צווישען די אידישע שבטים. די לאַגע פון די אידען איז גע־ווען זעהר אַ שווערע. די פלשתים האָבען זיי געדריקט, האָבען אוועק־געשטעלט גאַרניזאָנען אין זייערע שטעדט און ניט ערלויבט די איינ־וואוינער צו האָבען ביי זיך כלי־זין. אין דער דאָזיגער טרויעריגער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט אויסגעזעהן אינגאַנצען הילפ־לאָז, איז אויפגעשטאַנען אַ בעגייסטערטער מענש, וועלכער האָט אויפגעמונטערט זיינע דערשלאָגענע ברידער און זיי געוועקט צום העלדישען קאַמפף צו בעפרייען דאָס פאָטערלאַנד.

§48. שמואל. נאָך אין יענע טעג ווען עלי האָט זיך גע־פונען ביים משכן אין שלה, איז איינמאָל אהין געקומען אַ יונגע פרוי און האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקעלע און האָט שטיל און הייס מתפלל געווען צו גאָט. די דאָזיגע פרוי האָט געהייסען חנה און געווען איז זי די ווייב פון אַ לוי מיט'ן נאָמען אלקנה פון

דער שטאָדט רמה. חנה איז געווען אַן עקרה און איהר געבעט איז געווען אז גאָט זאָל איהר שענקען אַ זוהן; און זי האָט אַ נדר גע־טהאָן צו אָבגעבען איהר צוקונפטיגען זוהן אין משכן ער זאָל דאָרט זיין גאַנץ לעבען דיענען פאַר גאָט. אין גיכען האָט חנה געבאָרען אַ זוהן און זי האָט איהם אַ נאָמען געגעבען שמואל. ווען דאָס קינד איז אַנטוועהנט געוואָרען האָט איהם די מוטער אַוועקגעפיהרט אין דעם משכן אין שלה און האָט איהם אָבגעגעבען אונטער דער השגחה פון עלי הכהן. זיינע יונגע יאָהרען האָט שמואל פערבראַכט אין שלה און האָט געדיענט אין דעם משכן און געטהאָן אַלע ארבייטען וואָס די לויים. נאָר מיט זיינע גייסטיגע מעלות איז ער געשטאַנען פיעל העכער פון זיינע חברים. ער האָט גוט געקענט אַלע הייליגע זאַגען פון פאָלק און משה'ס תורה, און האָט געטרוימט וועגען דעם, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל דורכגענומען ווערען מיט דער דאָזיגער הויכער לעהרע. און שמואל'ן האָט זיך געדוכט אַז ער איז עס טאַקע בערופען געוואָרען אַרויפצופיהרען זיינע בלאָנדזשענדיגע פאָלקס־ברידער אויפ'ן וועג פון אמת'ן גלויבען. ער האָט געפיהלט אין זיך דעם גייסט פון אַ נביא. ניט איינמאָל האָט זיך איהם אין דער שטיל־קייט פון דער נאַכט געדוכט, אַז ער זעהט וואונדערליכע זעהונגען; פון די אינווענייגסטע חדרים פון דעם משכן האָט זיך צו איהם דער־טראָגען די שטימע פון גאָט, וואָס האָט איהם אָנגעזאָגט אַז עס דאַר־פען קומען שווערע ליידען אויפ'ן פאָלק. און שמואל האָט נאָך מיט זיינע אויגען געזעהן די דאָזיגע ליידען פון זיין פאָלק. ער האָט גע־זעהן די מפלה פון די אידען אין דער מלחמה מיט די פלשתים ביי אפקה, ער האָט געזעהן ווי דער ארון איז געפאַנגען געוואָרען, ער האָט געזעהן דעם טויט פון עלי הכהן און די צושטערונג פון שלה. ווען דער משכן פון שלה איז צושטערט געוואָרען האָט זיך געענדיגט די לויי'שע דיענסט פון שמואל'ן, נאָר דעמאָלט האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען זיין פיעל ברייטערע ארבייט אַלס לעהרער און נביא. ער איז געגאַנגען איבער'ן לאַנד און מיט זיינע דרשות האָט ער גערו־פען דאָס פאָלק צו פעראייניגונג. „קעהרט זיך אום מיט'ן גאַנצען הארצען צו גאָט — האָט ער געזאָגט — דערווייטערט פון זיך די פרעמדע געצען, דיענט נאָר צו אונזער גאָט און דעמאָלט וועט ער

איך רעטען פון די הענד פון די פלשתים". דאס פאלק האט זיך שטארק צוגעהערט צו די רייד פון שמואל'ן.

נאך עלי'ס טויט איז שמואל געווארען דער שופט איבער די וויכטיגסטע אידישע שבטים. אזוי ווי דער משכן פון שלה איז געווען חרב פלעגט שמואל צונויפקלייבען דאס פאלק צו דיענען גאט אין דער שטאדט מצפה פון שבט בנימין. ווען די פלשתי'שע מלכים האבען דערהערט, אז די אידען פערזאמלען זיך אין מצפה זיינען זיי אוועק אהין מיט א גרויס חיל. די אידען האבען זיך דערשראקען, אבער שמואל האט זיי מיט זיינע רייד געוועקט צום קאמפף מיט די שונאים און האט זיי אריינגעגעבען בטחון אין גאט. בעגייסטערט פון שמואל'ס ווערטער זיינען די אידען ארויסגעטראטען פון מצפה און זיינען מוטיג בעפאלען דעם פיינדליכען חיל און האבען איהם צושלאגען. דעמאלט האבען די פלשתים געמאכט שלום מיט די אידען און האבען זיי אומגעקעהרט די פערכאפטע שטעדט. דעם געפאנגענעם ארון האבען זיי נאך פריהער צוריקגעקעהרט, ווארום ווי דער תנ"ך דערצעהלט זיינען זיי אויסגעשטאנען פון איהם א סך צרות: אזוי שנעל ווי דער ארון איז געבראכט געווארען אין לאנד פון די פלשתים האבען זיך דארט פערשפרייט קראנקהייטען, און די איינוואוינער האבען געפאדערט מען זאל וואס שנעלער צונעהמען דאס הייליגטום פון דעם אידישען גאט און דערמיט שטילען זיין צארן. אויף אזא אופן האבען די אונרוהען און די מלחמות אויפגעהערט אויף א צייט און דאס פאלק האט, אונטער דער פיהרערשאפט פון שמואל'ן, אנגעהויבען לעבען רוהיגער.

שמואל האט געלעבט אין זיין געבורטסשטאדט רמה, נאר ער פלעגט אויך ארומרייזען איבער אנדערע שטעדט, וואוהין דאס פאלק פלעגט זיך פערזאמלען צו דיענען גאט. נאך דער צושטערונג פון שלה האבען די אידען ניט געהאט קיין אלגעמיינעם טעמפעל. די כהנים און די לויים האבען זיך צושפרייט איבער'ן גאנצען לאנד. עלי'ס אייניקעל, אחיטוב, האט גערעטעט א טייל כלים פון דעם משכן פון שלה און איז דערמיט אנטלאפען אין דער שטאדט נב און האט דארט אויסגעבויט א קליינעם צייטווייליגען טעמפעל. דער הייליגער ארון, וואס די פלשתים האבען אומגעקעהרט, איז געשטאנען אין א טעמפעל אין קרית־יערים. עס זיינען נאך געווען מזבחות

אין בית־אל, מצפה און גלגל. די דאָזיגע אַלע ערטער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין דער נחלה פון דעם שבט בנימין אָדער ארום זיינע גרעניצען, פלעגט שמואל בעזוכען יעדען יאָהר; ער פלעגט לערנען דעם פערזאמעלטען פאָלק, פלעגט משפט'ן צווישען זיי, פלעגט פראוווען גאָטעסדיענסט און ברענגען קרבנות אויף די מזבחות צוזאמען מיט די לויים. אויסער דעם פלעגט שמואל צוגרייטען יונגע לייט פאַר לעהרער צו ערציהען דאָס פאָלק אין דעם ריינעם גלויבען. די דאָזיגע לעהרער האָבען זיך גערופען בני־נביאים. אין זייערע דרשות פלעגען זיי מיט בעגייסטערונג רופען דאָס פאָלק צו אינווענינסטער אויפלעבונג. דורך דער דאָזיגער ברייטער ארבייט פון די געטרייע לעהרער פון פאָלק האָבען זיך די אָבגעזונדערטע אידישע שבטים ביסלעכווייז אָנגעהויבען צונויפגיסען אינאיינעם; זיי האָבען זיך דערפיהלט אַלס טיילען פון איין פאָלק.

§49. די ערוועהלונג פון אַ מלך. ווען שמואל איז אַלט געוואָרען האָבען די דרויסענדיגע שונאים אויף דאָס ניי אָנגעהויבען שרעקען די אידען. די פלשתים האָבען בענייט זייערע אָנפאַלען אויף די מערב געגענדען; די עמונים האָבען גענומען בעאונרוהיגען די אידען אויפ'ן מזרח־זייט פון ירדן. דעמאָלט איז ביי די אידען צייטיג געוואָרען דער געדאנק, אז עס איז ניט גוט צו זיין אָהן אַ פיהרער און אז עס איז נויטיג אויסצוקלייבען אַ מלך, וועלכער זאָל פיהרען דאָס פאָלק אין די מלחמות מיט זיינע פיינד.

און די עלטסטע פון די אידען זיינען געקומען צו שמואל'ן אין רמה און האָבען צו איהם געזאגט: „אַט ביזטו שוין אַלט געוואָרען און דיינע זיהן זיינען ניט פעהיג צו פערוואלטען איבער'ן פאָלק; דעריבער מאַך איבער אונז אַ קעניג, וועלכער זאָל הערשען איבער אונז, אזוי ווי עס פיהרט זיך ביי אַנדערע פעלקער". דער גרייזגרויער נביא האָט זיך לכתחלה פערוואונדערט פון אזא בקשה. ער איז געוועהנט געוואָרען מיט דעם געדאנק, אז אידען זיינען אַ פאָלק וואָס איז אויסדערוועהלט פון גאָט, אז גאָט איז זייער קעניג און אז זיי דארפען זיך אין אַלץ אונטערשיידען פון אַנדערע פעלקער; און דאָ קומען זיי פלוצלינג און פערלאַנגען אַ קעניג און ווילען דווקא זיין מיט אַנדערע פעלקער גלייך. „ווייסט איהר — האָט שמואל געזאָגט צו די עלטסטע — וואָס עס וועט זיין ווען איהר וועט מאַכען

א קעניג איבער זיך? ער וועט נעהמען אייערע זיהן פאר קריעגער, און וועט זיי מאכען פאר זיינע רייטער, און וועט זיי צווינגען צו מאכען פאר איהם געוועהר און קריעגסוועגען. דער מלך וועט צו־נעהמען אייערע טעכטער, זיי זאלען פאר איהם קאכען, בראטען און באקען זיינע שפייזען. ער וועט פערנעהמען אייערע בעסטע פעל־דער, וויינגערטנער און סעדער און וועט זיי צוטיילען צווישען זיינע דיענער. ער וועט נעהמען מעשר פון אייערע שאף און איהר אליין וועט זיין קנעכט צו איהם. דעמאלט וועט איהר וויינען אויף אייער קעניג, וועלכען איהר האט אליין אויסגעקליבען; אבער גאט וועט ניט ענטפערען אויף אייער געוויין!" אבער אלע שמואל'ס טענות האבען ניט געהאלפען; די עלטסטע זיינען בעשטאנען אויף זייערס, אז אצינד איז נויטיג א קעניג, וועלכער זאל פיהרען די אידען אין די מלחמות און בערוהיגען דאס לאנד. און דער נביא האט זיך אונ־טערגעגעבען דעם ווילען פון פאלק. ער האט גענומען זוכען א מענ־שען, וועלכער זאל קענען ווערען דער פיהרער פון פאלק אין יענער שווערער צייט. און אין גיכען האט זיך אזא מענש געפונען.

אין יענער צייט האט אין דער שטאדט גבעה, אין שבט בנימין, געלעבט אן ערד־ארבייטער מיט זיין פאמיליע, מיט'ן נאמען קיש. קיש האט געהאט א זוהן, וועלכער האט געהייסען שאול און וועל־כער איז געווען א שטארקער און העלדישער מאן, און איז געווען דורכגעדרונגען מיט א פלאמענדיגער ליעבע צו זיין פאלק. צוגלייך מיט די אנדערע מיטגליעדער פון דער פאמיליע, האט שאול געא־קערט די ערד און געפאשעט פיה. איינמאל זיינען ביי קיש'ן פער־פאלען געווארען זיינע עזלען, און שאול האט זיך אוועקגעלאזט זיי זוכען. אונטערוועגס איז ער פערגאנגען צו שמואל הנביא צו פרע־גען ביי איהם אויב זיין וועג וועט בעגליקען. אין דער צייט פון זיין שמועס מיט שמואל'ן, האט דעם נביא אויפגעשיינט א געדאנק אז אט דער ערד־ארבייטער, וועלכער איז שטארק אין קערפער און אין גייסט, איז פאסיג צו זיין דער קעניג פון די אידען. „טראכט ניט מעהר וועגען די פערפאלענע עזלען, — האט שמואל צו איהם גע־זאגט, — דיך ערוואַרט אן אנדער מערכה צווישען דעם אידישען פאלק". און דער נביא האט געזאלבט שאול'ן פאר א קעניג איבער די אידען און האט איהם אבגעלאזט אהיים. ווען שאול האט זיך

אומגעקעהרט אין גבעה, האָט ער אָנגעטראָפען א גרופּע בעגייסטער־טע יונגע נביאים, און צווישען זיי „איז ער געוואָרען אַן אנדער מענש און האָט אליין אָנגעהויבען נביאות זאָגען“, אַז עס איז גע־קומען די צייט צו בעפרייען דאָס פאָלק פון דעם פרעמדען יאָך.

אין גיכען האָט שמואל פעררופען א פאָלקס־פערזאַמלונג אין מצפה צו אויסקלייבען א מלך. די וואהל איז געפאלען על־פי גורל אויף שאול׳ן, דעם זוהן פון קיש. מען האָט גענומען זוכען דעם נייערוועהלטען מלך און מען האָט איהם געפונען זיך בעהאַלטענדיג צווישען די כלים. מען האָט שאול׳ן ארויסגעפיהרט פון זיין בעהעלטעניש, און מען האָט דערזעהן אַז ער איז מיט א קאָפּ העכער פון גאַנצען פאָלק. ווען ער האָט זיך בעוויזען, האָבען אויס־געבראָכען הילכיגע געשרייען: יחי המלך! (לעבען זאָל דער קעניג!) נאָר א טייל איז ניט געווען צופריעדען מיט שאול׳ן און האָט גע־זאָגט: „צי וועט אַזאַ מענש אונז רעטען?“ כדי ער זאָל געווינען דעם צוטרוי פון גאַנצען פאָלק איז נויטיג געווען אַז שאול זאָל פריהער בעווייזען עפּיס א העלדישע טהאַט לטובת דעם פאָטער־לאַנד. און שאול איז אוועק מיט א מחנה חיל אין זיין אייגענער שטאָדט גבעה, און האָט זיך גענומען גרייטען צו א מלחמה מיט די פרעמדע פיינד, וועלכע האָבען געדריקט די אידען פון אַלע זייטען.

§50. דער ערשטער נצחון. אין יענער צייט האָבען די עמונים שטאַרק געדריקט די אידען אין מזרח־זייט פון ירדן. נחש, דער קעניג פון עמון, האָט בעלאַגערט די שטאָדט יבש און גלעד. די אידען וואָס האָבען דאָרט געוואוינט זיינען שוין געווען גרייט זיך אונטערצוגעבען צו נחש׳ן און האָבען געבעטען ער זאָל שליסען מיט זיי א בונד און זיי ניט טשעפּען, נאָר דער עמונ׳ישער קעניג האָט זיי מיט פעראַכטונג געענטפערט: „איך וועל מיט אייך שליסען אַזאַ מין בונד: איך וועל אויסשטעכען ביי יעדען איינעם פון אייך דאָס רעכטע אויג, און איך וועל דערמיט מאַכען צו שאַנד דאָס אי־דישע פאָלק“. די דערשראָקענע איינוואוינער פון גלעד האָבען גע־שיקט שלוחים צו זייערע ברידער אויף יענער זייט ירדן און געבעטען הילף. דאָס פאָלק האָט געהערט די רייד פון די שלוחים און האָט געוויינט אויפ׳ן קול. ווען שאול איז געקומען אהיים פון פעלד און האָט דערהערט דעם געוויין האָט ער געפרעגט וואָס דאָס בעטייט.

ווען מען האָט איהם דערצעהלט וועגען דער לאַגע פון די אומגליק־ליכע איינוואוינער פון גלעד האָט ער בעשלאָסען גלייך צו געהן זיי צו הילף. ער האָט גענומען א פּאָר קעלבער, האָט זיי צושניטען אויף שטיקער און די שטיקער האָט ער צושיקט איבער'ן גאנצען לאנד און האָט געלאָזט אויסרופען: „אזוי וועט געטהאָן ווערען מיט די פיה פון יעדען איינעם, וואָס וועט ניט געהן אין מלחמה נאָך שאול'ן און שמואל'ן". דאָס פאָלק איז אויפעגרודערט געוואָרען און אין א קורצער צייט האָט זיך ארום שאול'ן צונויפגעקליבען א גרויסער חיל. מיט דעם דאָזיגען חיל איז שאול פלוצלינג בעפאלען די עמונים; האָט זיי צושלאָגען און בעפרייט די בעלאגערטע איינוואוינער פון יבש.

נאָך דעם דאָזיגען נצחון האָבען אלע אידען מיט שמחה אנ־ערקענט שאול'ן פאר'ן מלך און האָבען געמאכט א גרויסען יום טוב אין גלגל לכבוד זיין ארויפטרעטען אויפ'ן טראָהן. דאָ האָט זיך שמואל הארציג געזעגענט מיט'ן פאָלק, וועלכען ער האָט אזוי לאנג פערוואלטעט. „זאָגט עדות פאר גאָט און פאר זיין געזאלבטען קעניג — האָט דער אלטער נביא גערעדט צום פאָלק — וועמעס אָקס האָב איך גענומען, און וועמעס עזעל האָב איך גענומען און וועמען האָב איך בערויבט און וועמען האָב איך אונטערדריקט, און ביי וועמען האָב איך גענומען שחד?" און דאָס פאָלק האָט אין איין קול אויס־גערופען: „ניין, דו האָסט אונז קיינמאָל ניט בערויבט און קיינ־מאָל ניט אונטערדריקט!" דערנאָך האָט שאול געהאלטען א רעדע אין וועלכער ער האָט אָנגעזאָגט דעם מלך און דאָס פאָלק זיי זאָלען אָבהיטען די געזעצען פון גאָט. דער אלטער נביא האָט מבטיח גע־ווען אז ער וועט אויך אין דער צוקונפט גאָט בעטען פאר'ן פאָלק און וועט אויך ווייטער בלייבען זיין גייסטיגער פיהרער.

זעקסטער קאַפּיטעל.

שאול'ס קעניגען.

(1067—1055 פאַר קריסטל. צייטר.)

§51. די מלחמה מיט די פלשתים. די ערשטע צוויי יאָהר פון שאול'ס קעניגען זיינען אוועק אויף צונויפשטעלען א גוטען און בעשטענדיגען חיל. ער האָט געגרינדעט א שטענדיגע מחנה פון דריי טויזענד געקליבענע קריעגער און אין צייט פון מלחמה האָבען זיך צו דיזער מחנה אַנגעשלאָסען דאָס גאַנצע חיל פון פאָלק. דער פיהרער פון'ם גאַנצען חיל איז געווען דער קעניג אַליין, און מיט דער אָבגעקליבענער מחנה האָט קאָמאַנדירט דעם קעניג'ס עלטסטער זוהן יונתן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אונגעוועהנליכער מוטיגקייט. יונתן האָט דער ערשטער געבראַכט צו אַן ענטשיידענ־דער מלחמה מיט די פלשתים, וועלכע האָבען נאָך אַלץ אונטער־יאָכט די אידען. די פלשתים האָבען געהאַלטען זייערע גאַרניזאָנען אין די בנימין'שע שטעדט, האָבען געדריקט די איינוואוינער און גענומען פון זיי צינז. אין דעם יונגען יונתן האָט געברענט דער פערלאַנג צו בעפרייען זיין פאָלק פון דעם שווערען יאָך. איינמאָל האָט ער זיך מיט זיינע קריעגער אריינגעריסען אין גבעה און דאָר־טען גע'הרג'עט דעם עלטסטען פון דעם פלשתי'שען גאַרניזאָן. ווען די פלשתי'שע מלכים האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי צוזאַ־מענגענומען א גרויסען חיל, פיעל רייטער און קריעגסוועגען און זיינען אוועק מלחמה האַלטען מיט די אידען.

די פלשתים האָבען זיך אָבגעשטעלט מיט זייער לאַגער אין מכמש און די אידען האָבען זייער לאַגער געמאַכט אַנטקעגען זיי אין גלגל. שאול האָט געהאַט זעהר א קליינעם חיל. א סך אידען, דערהערענדיג אז עס קומען די פלשתי'טע חילות, זיינען זיך צולאָפען און האָבען זיך בעהאַלטען אין הייהלען און אין שפאַלטען פון פעלזען. די אידען האָבען ניט געהאַט קיין שטאַרקען פערד־חיל, ניט קיין קריעגס־וועגען, און אפילו ניט גענוג כלי־זין, ווארום די פלשתים האָבען פארטריבען פון די אידישע שטעדט אלע שמיעדען און ס'איז ניט געווען וואו אויסצושמיעדען אָדער אַנשאַרפען א שווערד און א שפּיז.

שאול האָט זיך ניט געקענט ענטשליסען אָנצופאלען אויף דעם פיעל שטארקערען שונא, אָבער יונתן מיט זיין העלדישקייט האָט שנעל געבראכט צו דער ענטשיידענדער שלאכט. דער לאגער פון די פלשתים האָט זיך געפונען אויף א הויכען בארג, ארומגערינגעלט מיט טיעפע גראָבענס. איינמאָל איז יונתן און זיין וואפענטרעגער שטילערהייט ארויפגעקלעטערט אויף דעם דאָזיגען הויכען פעלז, און האָבען פלוצלינג גענומען שיסען פון זייערע בויגענס. דאָס האָט אָנגעמאכט א מהומה אין דעם פלשתי'שען לאגער. די פלשתים האָבען



מחצית השקל

שקל הקדש

אידישע מטבעות.



כלי נשק של העברים הקדמונים

פארצייטיגע אידישע געוועהר.

געמיינט אז הינטער די דאָזיגע מוטיגע שיסער געהט א גרויסער חיל, און זיי האָבען גענומען אנטלויפען. דעמאָלט האָט זיך שאול מיט זיינע קריעגער אויך א וואָרף געטהאָן נאָך די אנטלויפענדע פלשתים און זיי געיאָגט ווייטער. די אידען וועלכע זיינען געלעגען פערבאָרגען אין די בערג זיינען ארויס פון זייערע בעהעלטענישען, און בעוואפענענדיג זיך מיט שטעקענס און פלעקער פלעגען זיי בעפאלען קליינע גרופען פון די פלשתים איינציגווייז און זיי פערניכטען. אויף אזא אופן האָבען זיך די אידען אויף א צייט בעפרייט פון

זייער ביטערסטען שונא און אונטערדריקער. דאָס לאַנד איז געווען פריי און דאָס פאָלק האָט שטאַרק געלויבט דעם נאָמען פון זיין זיעגרייכען קעניג.

דער ערפאָלג וואָס שאול האָט געהאַט קעמפפענדיג מיט די שונאים פון אידישען פאָלק האָט פערשטאַרקט זיין קעניגליכע מאכט. ווען שאול האָט זיך בעפעסטיגט אויפ'ן טראָהן האָט ער געמאַכט זיין געבורטס־שטאָדט גבעה, אין בנימין, פאַר זיין הויפטשטאָדט וועלכע האָט דעריבער בעקומען דעם נאָמען גבעת־שאול. דער קע־ניגליכער הויף אין גבעה איז געווען איינגעאָרדענט זעהר פשוט. יום־טוב און ראש חדש פלעגט מען ביים הויף ברענגען קרבנות און די קרובים למלכות, מעהסטענס שאול'ס אייגענע פון שבט בנימין, פלעגען עסען ביים קעניגליכען טיש. בעזונדערס נאָהנט צום קעניג איז געווען זיין שוועסטערקינד אבנר, וועלכער איז געווען זעהר א פעהיגער קריעגסמאַן, און שאול האָט איהם בעשטימט פאַר'ן הויפט־פיהרער פון דעם גאַנצען אידישען חיל. שאול האָט זיך אָבגעגעבען צו איינפיהרען די געזעצען פון דער אידישער רעליגיאָן און אכטונג געבען אז זיי זאָלען שטרענג אָבגעהיט ווערען. וועלענדיג אויסוואָרצ־לען דעם געצענדיענסט פון אידישען פאָלק האָט ער פערטריבען פון לאַנד אלע צויבערער און מכשפות, אָבער אין גיכען האָט א נייע מלחמה אָבגעצויגען דעם קעניג פון די אינווענינסטע ענינים פון דער מלוכה.

§52. **די מלחמה מיט די עמלקים.** שמואל הנביא איז גע־קומען צו שאול'ן און האָט איהם געהייסען אין גאָט'ס נאָמען צו געהן מלחמה האַלטען געגען דעם ווילדען שבט פון די עמלקים, וועלכער האָט אומגעוואַנדערט אין דער וויסטעניש, נעבען די דרום־גרעני־צען פון כנען, און האָט זיך פערנומען מיט רויבערייען. נאָך פון משה'ס צייטען אָן האָבען די אידען געטראָגען א האַס אויף דיזען פאָלק, וועלכער האָט זיי בעפאַלען אין דער מדבר בשעת זיי זיינען ארויס פון מצרים. „געה און שלאָג די עמלקים — האָט שמואל גע־זאָגט צום קעניג — און פערטיליג אלץ וואָס זיי האָבען; זאָלסט ניט שוינען קיין מאַן, קיין פרוי, קיין אָקס, קיין שאָף, קיין קעמעל און קיין עזעל." האָט שאול צונויפגענומען א חיל און זיך געלאָזט געהן צום דרום־גרעניץ. די אידישע מחנות האָבען זיך אריינגעריסען אין לאַנד פון די עמלקים, האָבען אויסגע'הרג'עט אלע איינוואוינער,

און פערניכטעט זייערע סטאדעס און זייער גאנצען אייגענטום. בלויז דעם קעניג פון די עמלקים, אגג, האט שאול גענומען געפאנגען א לעבעדיגען, און אויך א טייל פון דעם שונא'ס בעסערע פיה איז גאנץ געבליבען. שאול האט רחמנות געהאט אויף אגג'ן און האט איהם ניט געוואלט טויטען; עס איז איהם אויך א שאד געווען די פערבליבענע פיה און ער האט בעשלאסען עס צו לאזען אלס רויב, ניט קוקענדיג אויפ'ן פארזאג פון דעם נביא.

ווען שמואל איז געקומען אין לאגער האט איהם שאול געזאגט אז גאט'ס בעפעהל איז דערפילט געווארען און אז דער שונא איז פערניכטעט. און דער נביא האט שטרענג א פרעג געטהאן: „פון וואנען זשע דערטראגט זיך עס צו מיר דאס בלעקען פון די שאף און דאס ברילען פון די אקסען?“ און דער קעניג האט געענטפערט, אז ער האט געלאזט לעבען בלויז אגג'ן און אז דאס פאלק האט געשוינט א טייל פון די פיה, וואס זיי האבען צוגענומען ביי די עמלקים, נאר זיי זיינען אלע גרייט צו ברענגען די פיה פאר א קרבן צו גאט. נאר שמואל האט אויסגערופען: „ליעבער איז פאר גאט ווען מען פאלגט זיין בעפעהל איידער מען ברענגט איהם קרבנות. דו האסט פערשטויסען גאט'ס ווארט און גאט האט דיך פערשטויסען און דו וועסט מעהר ניט זיין קיין קעניג.“ ביי די ווערטער האט זיך דער נביא אבגעקעהרט פון דעם קעניג. שאול'ן איז שווער געווען צו הערען ווי דער נביא מוסר'ט און סטראשעט איהם פאר די אויגען פון פאלק, און ער האט געזאגט צו שמואל'ן: „איך האב געזינדיגט, נאר טהו מיר אן דעם כבוד פאר די אויגען פון פאלק און קעהר זיך אום מיט מיר און איך וועל זיך בוקען פאר גאט.“ שמואל האט זיך אומגע־קעהרט און האט געהייסען ברענגען דעם ווילדען עמלק'שען קעניג אגג און האט צו איהם געזאגט: „אזוי ווי דיין שווערד האט אוועק־גערויבט ביי מוטערס זייערע קינדער, אזוי זאל אויך דיין מוטער בערויבט ווערען פון איהר זוהן.“ און מען האט אגג'ן אבגעהאקט דעם קאפ. נאכדעם איז שמואל אוועק אין זיין שטאדט רמה, און שאול האט זיך אומגעקעהרט קיין גבעה. צווישען דעם מלך און דעם נביא איז פארגעקומען א ריס, און זיי האבען זיך פון דעמאלט אן מעהר ניט געזעהן. שמואל האט בעשלאסען אז שאול איז ניט פעהיג צו רעגיערען איבער'ן פאלק, און האט אנגעהויבען צו זוכען א מענשען

וועלכער זאָל זיין מעהר ראוי צו פערנעהמען דעם קעניגליכען טראָהן.

§53. דוד ביי שאול'ן אין הויף. אין דער נחלה פון דעם שבט יהודה, אין דער שטאָדט בית־לחם, האָט געלעבט אן אנגעזע־הענער אלטער מאן מיט'ן נאָמען ישי, וועלכער האָט געהאט אכט זיהן. דער קלענסטער פון זיי, דוד, איז געווען א שעהנער, קלוגער און מוטיגער יונג. זיינע קינדערשע יאָהרען האָט דוד פערבראַכט אויף די ווייִדען וואָס האָבען ארומגערינגעלט בית־לחם, וואו ער האָט געפיטערט זיין פאָטער'ס הערדען; דאָ האָט ער ליעב געהאט צו זינגען פאסטוכער־ליעדער און שפּיעלען אויף דער הארף. דער תנ"ך דערצעהלט, אז ווען שמואל האָט איהם דערזעהן, האָט ער מיט זיין נביא'ישען גייסט פאָראויסגעזעהן אז דער דאָזיגער אינגעל וועט נאָך אמאָל זיין דער קעניג פון די אידען. איז דער נביא איינמאָל געקומען קיין בית־לחם און האָט אנטפלעקט פאר דוד'ן דעם סוד און דערביי האָט ער איהם געזאלבט מיט דעם הייליגען בוימאייל, ווי עס פלעגט זיך פיהרען ווען מען פלעגט בעשטימען א נייעם קעניג. דאָס איז פאָרגעקומען בסוד, און אויסער ישי'ס פאמיליע האָט קיינער ניט געוואוסט וועגען שמואל'ס נביאות.

דערווייל איז דער קעניג שאול, נאָך דער מלחמה מיט די עמלקים, אריינגעפאלען אין א מרה־שחורה. ער האָט געדענקט דאָס צאָרניגע וואָרט, וואָס דער נביא האָט איהם געזאָגט נאָך דעם זיעג איבער די עמלקים, און ער האָט זיך געשראָקען, אז באלד וועט קומען א סוף צו זיין קעניגען. ווען די קרובים למלכות האָבען דערזעהן, אז דער קעניג ליידט פון א שווערער מרה־שחורה האָבען זיי געזאָגט צום איהם: „נעהם דיר א מענשען, וואָס קען שפּיעלען אויף דער הארף, און ווען דיר וועט ווערען אומעטיג, וועט ער דיך צושטרייען מיט זיין שפּיעלען". דער קעניג האָט גענומען זוכען א גוטען שפּיעלער און ער האָט זיך דערוואוסט, אז דוד פון בית־לחם איז א מייסטער אויף דער הארף. און מען האָט דוד'ן באלד געבראַכט קיין גבעה, אין קעניגליכען הויז. דער יונגלינג איז שאול'ן שטארק געפעלען געוואָרען, און ער האָט איהם געמאַכט פאר זיין וואָפענטרעגער. יעדען מאָל וואָס שאול'ן פלעגט בעפאלען אן אומעט, פלעגט דוד נעהמען זיין הארף און שפּיעלען אזוי לאַנג ביז דער קעניג פלעגט ווערען וויעדער פרעהליך.

אין א קורצער צייט ארום איז דוד בעריהמט געוואָרען איבער'ן גאנצען לאַנד דורך איין גרויסער העלדענטהאַט. די פלשתים האָבען צונויפגעקליבען זייער חיל און האָבען זיך ווידער גענומען גרייטען צו א מלחמה מיט די אידען. פערציג טעג זיינעןביידע מחנות, די פלשתי'שע און די אידישע, געשטאנען נעבען בית־לחם איינע געגען דער אנדערער און האָבען ניט אָנגעפאנגען קיין שלאַכט. דאַן איז פון דעם פלשתי'שען לאַגער ארויסגעטראָטען אַ קריעגער, אַ מאַן פון ריעזיגען וואוקס, מיט'ן נאָמען גלית, און ווענדענדיג זיך צו דער אידישער מחנה, האָט ער אויסגערופען: „קלייבט אויס פון צווישען אייך אַ קריעגער, וועלכער זאָל זיך פערמעסטען מיט מיר; אויב איך וועל איהם גובר זיין, וועט איהר זיין אונזערע קנעכט, און אויב ער וועט מיך גובר זיין, וועלען מיר זיין אייערע קנעכט". ווען דער קעניג האָט עס דערהערט האָט ער געלאָזט אויסרופען איבער'ן לאַנד: „ווער פון די אידען עס וועט בייקומען דעם פלשתי'שען גבור וועט קריגען דעם קעניג'ס טאָכטער פאַר א ווייב און נאָך א סך רייכטום דערצו". נאָר דאס אויסזעהן פון דעם פלשתי'שען העלד, וועלכער איז געוועזען בעוואַפענט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ארויפגעיאָגט אויף אַלעמען אזאַ שרעק, אַז קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אריינצוטרעטען מיט איהם אין קאַמפף. אין יענער צייט איז דוד געגאַנגען פון די פעלדער פון בית־לחם אין דעם אידישען לאַגער צו געוואָהר ווערען זיינע ברידער. דערהערענדיג די חוצפה'דיגע ווערטער פון גלית'ן, האָט דוד בעשלאָסען אליין ארויסצוטרעטען אין קאַמפף מיט דעם האָזיגען ריעז. אלע האָבען געלאכט פון דוד'ס געוואַגטען בעשלוס, און שאול האָט איהם געזאָגט: „ווי אזוי וועסטו, אַ אינגעל, געהן געגען א העלד, וואס איז פון קינדווייז־אויף געוועהנט צו מלחמה"? אָבער דוד האָט געענטפערט, אז ער וויל פערטיידיגען דעם כבוד פון זיין פאָלק, און אז ער פערלאזט זיך אויף גאָט'ס הילף. דעמאָלט האָט איהם שאול געגעבען זיין קעניגליכע געוועהר. ער האָט איהם אָנגעטהאָן זיין שילד אויפ'ן ברוסט, א קופערנעם קיווער אויפ'ן קאָפּ, און האָט איהם אויפגעהאנגען אויפ'ן גארטעל זיין שווערד. אָבער דוד איז דערצו ניט געוועהנט געוועזען און האָט זיך ניט גע־קענט ריהרען אין די דאָזיגע שווערע כלי־זין. האָט ער ארונטער־

גענומען פון זיך די קעניגליכע וואפען, האט גענומען אין האנד א פראסטען שטעקען און א שטיינשליידער, האט אריינגעלעגט פינף שארפע שטיינדלעך אין זיין פאסטוכער־טאָרבע און איז אוועק געגען דעם פלשתי׳שען גבור.

אז גלית האט דערזעהן דעם אידישען קעמפפער איז ער אין כעס געוואָרען און האט געזאָגט: „וואָס בין איך, א הונט, וואָס דו געהסט אויף מיר מיט א שטעקען?“ נאָר דוד האט זיך ניט דער־שראָקען און איז שנעל געגאנגען פאָראויס. אויף א געוויסער שטרעקע פון גלית׳ן איז ער געבליבען שטעהן, האט ארויסגענומען פון טאָרבע א קליינעם שטיינדעל, און האט איהם אזוי געשיקט א וואָרף געטהאָן, אז ער האט געטראָפען דעם ריעז גלייך אין שטערן אריין. גלית איז אין זיין שווערען כלי־זין געפאלען צו דער ערד און האט זיך ניט געקענט אויפהויבען. דאן איז דוד צוגע־לאָפען צו דעם געפאלענעם, האט אראָבגעריסען פון איהם זיין שווערד און האט איהם מיט זיין אייגענעם שווערד אָפגעהאַקט דעם קאָפּ. ווען די פלשתים האבען דערזעהן, אז זייער העלד איז טויט, זיינען זיי זיך אין שרעק צולאָפען. די אידען האבען זיי נאָכגעיאָגט און זיי צושלאָגען. שאול האט געהאלטען זיין וואָרט און האט גע־געבען זיין איינגערע טאָכטער מיכל צו דוד׳ן פאר א ווייב.

§54. דער קאַמפּף צווישען שאול און דוד׳ן. דער זיעג איבער גלית׳ן האט דוד׳ן שטארק בעריהמט געמאכט. ווען שאול און דוד האבען זיך מיט׳ן חיל אומגעקעהרט פון דער מלחמה, זיינען די אידישע פרויען זיי ארויס אנטקעגען מיט געזאנג און טענץ און האבען אויסגערופען: „שאול האט געשלאָגען טויזענדער פלשתים, אבער דוד צעהנדליגע טויזענד!“ שאול׳ן האט גע־קרענקט וואָס דעם יונגען וואפענטרעגער פון דעם קעניג שטעלט מען העכער ווי דעם קעניג אליין. האט ער מורא געקראָגען, אז דוד וועט ווערען דער ליעבלינג פון פאלק און וועט נאָך ביי איהם צונעהמען דעם טראָהן. פון דעמאָלט אָן האט שאול פערהאסט דוד׳ן. איינמאָל איז דער מלך געוועזן זעהר אומעטיג און דוד האט פאר איהם געשפיעלט אויף דער הארף, כדי צו פערטרייבען זיין טרויער. פלוצלינג האט דער קעניג, אין אן אנפאל פון צאָרן, א וואָרף געטהאָן זיין שפיז אויף דוד׳ן און האט איהם שיער ניט דער׳הרג׳עט.

אבער דוד איז פלינק אבגעשפרונגען און א זייט און האט זיך גע־ראטעוועט פון טויט. נאכדעם האט דוד פערלאזען דעם קעניגליכען הויף. שאול האט געשטעלט דוד'ן איבער א מחנה פון טויזענד מאן און איהם געשיקט אין די געפעהרליכסטע שלאכטען.

בשעת דער מלך האט דוד'ן געהאסט, האט זיך זיין איידלער זוהן יונתן שטארק צוגעבונדען צום יונגען העלד און איהם ליעב געקראגען ווי אן אייגענעם ברודער. יונתן האט געפרובט מאכען שלום צווישען זיין פאטער און דוד'ן, נאר שאול האט צארניג גע־שריען צום זוהן: „זיי וויסען, אז כל זמן דוד לעבט איז דיין קעניגליכע הערשאפט ניט זיכער". איינמאל האט דער קעניג געהייסען זיינע דיענער צו טויטען דוד'ן פארטאג ביי איהם אין הויז. ווען מיכל, דוד'ס ווייב, האט זיך דערפון דערוואוסט, האט זי ביי־נאכט ארויסגעלאזט איהר מאן דורכ'ן פענסטער. און ווען די מערדער זיינען געקומען פארטאג האבען זיי שוין דוד'ן ניט געפונען. ער איז אנטלאפען קיין רמה, וואו עס האט געלעבט דער גרייז־גרויער נביא שמואל. אהער איז צו דוד'ן בשתיקה געקומען זיין חבר יונתן און האט איהם געראטען צו לויפען ווייטער, כדי ער זאל ניט ארייןפאלען אין די הענד פון דעם צורייצטען שאול. ביים געזעגנען האבען זיך די חברים ארומגענומען, האבען זיך געקושט און האבען לאנג געוויינט.

דוד איז אנטלאפען קיין נב, די „שטאדט פון כהנים", וואו עס האט זיך געפונען דער אהל מועד. דער כהן גדול אחימלך (עלי'ס אייניקעל) האט דוד'ן שעהן אויפגענומען און האט איהם געגעבען די שווערד, וועלכע דוד האט אמאל אבגענומען ביי גלית'ן און וועלכע איז געלעגען באהאלטען אין אהל מועד. פון הארט איז דוד געלאפען ווייטער, צום פלשתי'שען גרעניץ, און האט זיך בעזעצט אין א הייהל נעבען עדולם. דא האבען זיך אנגעהויבען קלייבען צו איהם אלערליי אונצופריעדענע מענשען, מיט פארביטערטע געמיטער, הפקר־יונגען און אוואנטוריסטען און האבען איהם גע־מאכט פאר זייער פיהרער. דערווייל האט זיך שאול דערוואוסט, אז דוד איז געוועזען אין נב און אז די כהנים האבען איהם געגעבען א פריינדליכען קבלת־פנים. האט ער געהייסען ברענגען צו זיך קיין גבעה אחימלכ'ן און די אנדער'ע כהנים פון נב און האט זיי מיט

צאָרן געפרעגט: „וואָרום האָט איהר געגעבען מיין שונא, דוד'ן, שפייז און א שווערד? וואָרום האָט איהר געבענשט א מענשען, וואָס האָט מורד געווען געגען מיר?" אחימלך האָט געענטפערט, אז די כהנים האָבען אויפגענומען דוד'ן מיט פריינדליכקייט, ווייל ער איז דעם קעניג'ס איידים און זיי האָבען גאָרניט געוואוסט וועגען דער סבה פון זיין אנטלויפען. אָבער שאול האָט ניט געוואָלט הערען פון קיינע תרוצים. ער האָט בעפעהלען זיינע לייבוועכטער זיי זאָלען הרג'ענען אחימלכ'ן און זיין פאמיליע, און נאָך אכט־און־פופציג כהנים. געראַטעוועט האָט זיך נאָר אביתר, אחימלכ'ס זוהן, וועלכער איז אנטלאָפען צו דוד'ן.

און דוד האָט מיט א בעוואפענטער באנדע אומגעוואנדערט פון אָרט צו אָרט. צו דער האָזיגער חברה זיינען צוגעשטאנען דוד'ס קרובים פון בית לחם. צווישען זיי איז געווען זיין שוועסטער'ס זוהן יואב, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט בעזונדערער העלדישקייט און איז שפּעטער געוואָרען א קריעגספיהרער. צווי־שען די קריעגסלייט, וואָס האָבען זיך ארומגעקליבען ארום דוד'ן, זיינען אויך געווען פלשתים און חתים. דוד מיט זיינע מענשען האָבען לאַנג ניט געקענט בלייבען אויף איין אָרט, ווארום א מחנה פון שאול'ן האָט איהם נאָכגעיאָגט פוס־טריט. איינמאָל איז שאול מיט זיין מחנה צוגעקומען נאָהנט צום אָרט, וואו דוד האָט זיך געפונען און זיי האָבען עס ניט געוואוסט און שאול איז אליין אריין אין דער פינסטערער הייהל, וואו דוד און זיינע מענשען זיינען געלעגען בעהאלטען. אין דער פינסטער האָט זיי דער קעניג ניט בעמערקט. און דוד'ס מענשען האָבען שטיל געזאָגט צו דוד'ן: „אַט האָט גאָט איבערגעגעבען דיין שונא אין דיינע הענד; טהו מיט איהם וואָס דו ווילסט". אָבער דוד האָט געזאָגט: „איך קען ניט אויפהויבען מיין האנד אויפ'ן מלך, וואָס איז פון גאָט גע־זאַלבט". ער האָט זיך נאָר הינטען־ארום צוגע'גנב'עט צו שאול'ן און האָט אָבגעשניטען א פּאָלע פון זיין מאַנטעל, און שאול האָט עס גאָרניט געשפּירט. ווען דער קעניג איז ארויס פון דער הייהל איז איהם דוד נאָכגעגאנגען, און צייגענדיג איהם פון וויטען די אָבגעשניטענע פּאָלע פון זיין בגד, האָט ער אויסגערופען: „אדוני קעניג! דו האלטסט מיך פאר דיין שונא, נאָר אַט ביסטו ערשט



שאול׳ם חרטה.

געוועזן אין מיינע הענד און פונדעסטוועגן האָב איך דיר קיין שלעכטס ניט געטהאָן. גאָט זעהט מיין גערעכטיגקייט, זאָל ער משפּט'ן צווישען אונז". שאול איז געריהרט געוואָרען פון דוד'ס גרויסמוטיגקייט און האָט זיך צעוויינט און געזאָגט: „איז עס דיין קול, דוד, מיין קינד? דו ביסט גערעכטער פון מיר, ווייל דו האָסט מיר געטהאָן גוטס און איך בעצאָל דיר מיט שלעכטס. איך וויים, אז דו וועסט קעניגען איבער די אידען; נאָר שווער מיר, אז דו וועסט ניט פארשניידען מיין דור נאָך מיין טויט". דוד האָט איהם געשוואָרען און זיי זיינען זיך צוגאנגען. אין גיכען אָבער האָט שאול פארגעסען וועגען דער דאָזיגער בעגעגעניש און האָט ווידער אָנגעהויבען רודפ'ן דוד'ן.

55 §. שאול'ס אונטערגאַנג. ארום יענער צייט איז דער אַלטער נביא שמואל, דוד'ס בעשיצער, געשטאָרבען. דוד האָט מורא געהאט בלייבען אין זיין אייגען לאַנד יהודה, וואו עס האָבען איהם נאָכגעיאָגט שאול'ס מענשען און ער איז אריבערגעגאנגען מיט זיין מחנה פון זעקס הונדערט מאַן אין דעם לאַנד פון די פלשתים. דער פלשתי'שער קעניג אָכיש האָט דוד'ן פריינדליך אויפגענומען, ווייל ער האָט גערעכנט, אז אלס שונא פון שאול'ן וועט ער העלפען די פלשתים מלחמה האלטען געגען די אידען. אויף דוד'ס בקשה האָט אָכיש אָבגעלאָזט פאר איהם מיט זיינע לייט א בעזונדער שטאָדט צום וואוינען, מיט'ן נאָמען צקלג. פון דאנען האָט דוד מיט זיין מחנה געמאכט אָנפאלען אויף די עמלקים און אַנדערעווילדע שבטים אין דרום זייט פון כנען און האָט ביי זיי פארנומען א סך רויב. אָבער אָכיש'ן פלעגט ער זאָגען, אז דאָס מאכט ער אָנפאלען אויף די אידישע לענדער. אזוי האָט זיך גע־צויגען איבער א יאָהר. דעמאָלט האָט דער פלשתי'שער קעניג צונויפגענומען זיין חיל און איז ארוים מלחמה האלטען מיט די אידען. אין די הינטערשטע רייהען פון זיין חיל האָט אָכיש אוועק־געשטעלט דוד'ן מיט זיין מחנה. נאָר ווען די פלשתי'שע מלכים און הארען האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי געזאָגט צו אָכיש'ן: „וואָס טהוען דאָ די אידען? דאָס איז דאָך דערזעלבער דוד וועגען וועלכען מען זינגט אין קאראהאָדען, אז ער האָט צושלאָגען

צעהנדליגע טויזענד פלשתים. מיט וואס וועט ער זיך פארגי־טיגען ביי זיין האר שאול'ן אויב ניט מיט אונזערע קעפ?" אכיש האט געמוזט אבשיקען דוד'ן מיט זיין מחנה צוריק קיין צקלג, און דוד איז דערפון זעהר צופריעדען געווען.

ווען שאול האט דערהערט, אז די פלשתים זיינען ארויס מלחמה האלטען, האט ער צונויפגענומען זיין חיל אין טאל יזרעאל, נעבען דער שטאדט גלבע. מיט שרעק האט ער געווארט אויפ'ן אנקומען פון דעם שונא. א פינסטערער פארגעפיהל האט דעם קעניג ניט געלאזט רוהען. אונטער דער ווירקונג פון זיין מרה־שחורה איז שאול געווארען אבערגלויביש. ער האט געוואלט טרעפען זיין צוקונפט און ער האט זיך געווענדט צו א מכשפה, וועלכע האט געלעבט אין עין־דור. איינמאל ביינאכט האט זיך דער קעניג איבערגעטהאן, כדי מען זאל איהם ניט דערקענען, און איז אוועק אין דעם הויז פון דער כשוף־מאכערין און זי געבעטען, זי זאל ארויסרופען פון קבר דעם שאטען פון דעם פערשטארבענעם נביא שמואל. באלד האט זיך אין דער געהיימניספולער פינסטערניש פון דער נאכט בעוויזען דאס געשטאלט פון אן אלטען מאן, אין וועלכען דער קעניג האט דערקענט שמואל'ן. „ווארום האטסו מיך בעאונרוהיגט?" האט זיך דערהערט די שטרענגע שטימע פון דעם נביא. שאול איז געפאלען פאר'ן נביא אויף די קניה און האט אויסגעשריען: „מיר איז שלעכט! די פלשתים בעפאלען מיך און גאט האט זיך פון מיר אבגעטהאן; זאג, וואס זאל איך טהאן?" און שמואל האט געענטפערט: „גאט האט דיך טאקע פערלאזען דער־פאר, וואס דו האסט אמאל ניט געפאלגט זיין בעפעהל, און ער האט אבגעגעבען דיין קרוין צו דוד'ן. גאט וועט איבערגעבען דיך און דיין פאלק אין די הענד פון דעם פיינד: מארגען וועסטו און דיינע זיהן זיין מיט מיר". דערהערענדיג די דאזיגע ווערטער איז שאול פארציטערט געווארען און איז געפאלען צו דער ערד. די צויבערין האט איהם קוים איינגערעדט ער זאל עפיס עסען און זיך אביסעל קרעפטיגען.

אויפ'ן אנדערען טאג האט צווישען די אידען און די פלשתים אויסגעבראכען א שרעקליכע שלאכט אין די בערג און די פלשתים האבען מנצח געווען. טויזענדער קערפער פון געפאלענע אידישע

קריעגסלייט האָבען בעדעקט די בערג פון גלבע. יונתן און שאול׳ס צוויי אנדערע זיהן זיינען אויך געפאלען אין דעם ברענעדיגען קאַמפּף. שאול אליין איז פערוואונדעט געוואָרען פון דעם שונא׳ס פיילען. דערפיהלענדיג אַז זיין סוף איז נאָהנט, האָט ער געזאָגט צו זיין וואָפּען־טרעגער: „ענטבלויז דיין שווערד און דערשטעך מיך, כדי עס זאָלען ניט קומען די פּרעמדע און זיך לוסטיג מאַכען איבער מיר“. אָבער דער וואָפּענטרעגער האָט ניט געהאַט דעם מוט צו טויטען זיין קעניג. האָט זיך שאול אליין אַ וואָרף געטהאָן אויף זיין שווערד און איז געשטאָרבען. אויף מאָרגען האָבען די פלשתים געפונען דעם טויטען קערפּער פון דעם אידישען קעניג און האָבען איהם אויפגעהאנגען אויף דער פעסטונג פון דער שטאָדט בית־שן, אלס צייכען פון זייער זיעג. ווען די איינוואוינער פון דער שטאָדט יבש, אין גלעד (וועלכע שאול האָט אַמאָל געראַטעוועט פון די עמלקים) האָבען זיך דערפון דערוואוסט, האָבען זיי געשיקט זייערע מענשען קיין בית־שן, אראָבצונעהמען פון דער פעסטונג דעם קערפּער פון דעם אומגעקומענעם מלך. ביינאַכט האָבען די שלוחים אראָבגעגנב׳עט שאול׳ס קערפּער און האָבען איהם געבראַכט קיין יבש, וואו מען האָט איהם מקבר געווען.

דוד האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם טויט פון שאול׳ן און זיינע זיהן דורך אַן עמלקי, וועלכער איז געקומען צולויפען פון שלאַכטפעלד קיין צקלג. דער עמלקי האָט געמיינט, אַז ער וועט דערפרעהען דוד׳ן מיט אַזאַ בשורה, און האָט זיך אפילו בעריהמט, אַז ער אליין האָט געטויטעט דעם אידישען קעניג. נאָר דוד האָט אויסגעשריען: „ווי אַזוי האָסטו זיך דערוועגט אויפצוהויבען אַ האַנד אויף׳ן געזאַלבטען פון גאָט!“ — און האָט געהייסען טויטען דעם עמלקי. לויט דער מסורה האָט דוד בעוויינט דעם טויט פון שאול׳ן און זיין חבר יונתן אין דעם פאָלגענדען ריהרענדען ליעד:

דיין צירונג, ישראל, ליגט דערשלאָגען אויף די בערג. ווי זענען די העלדען געפאַלען! דערצעהלט ניט אין גת, ניט זאָגט אָן די בשורה אין אשקלון׳ס גאַסען, די טעכטער פון פלשתים־לאַנד זאָלען זיך ניט פרעהען, די טעכטער פון פרעמדע זאָלען זיך ניט לוסטיג מאַכען. אַ, בערג פון גלבוע! ניט זיין זאָל אויף

אייך קיין טוי און קיין רעגען, קיין פעלדער קיין פרוכטבארע, ווארום דארט איז פארפלעקט געווארען די שילד פון די העלדען, שאול'ס שילד, מיט אייל ניט געשמירט. יונתנ'ס בויגען האט זיך ניט אבגעשטעלט פאר'ן בלוט פון גבורים, און שאול'ס שווערד האט קיינמאל זיך לעדיג ניט געקעהרט. שאול און יונתן, געליעבטע און טייערע, ניט צושיידט אין לעבען און טויט! גרינ־גער פון אדלערס זיינען זיי געווען, און שטארקער פאר לייבען. א, טעכטער פון ישראל! וויינט אויף שאול'ן, וואס האט אייך אין פורפור בעקליידט, און אייערע קליידער מיט גינגאלד בעפוצט. א, ווי זענען געפאלען די העלדען אין מיטען דער שלאכט, יונתן אויף דיינע הויכע בערג א דערשלאגענער! וועה מיר פאר דיר, מיין ברודער יונתן! ביסט מיר געווען אזוי טייער! דיין ליעבע איז מיר טייערער געווען ווי די ליעבע פון פרויען. א, ווי זיינען די העלדען געפאלען, די וואפען פערלארען!

זיבעטער קאפיטעל.

דוד'ס קעניגען.

(1055—1015 פאר דער קריסטל. צייטר.)

56 §. דוד און ירושלים; זיינע מלחמות. נאך שאול'ס טויט האט דאס פאלק ניט מיט אמאל אנערקענט דוד'ן פאר א מלך. ווען דוד האט זיך אומגעקעהרט פון דעם לאנד פון די פלשתים אין זיין היים, אין שטאדט חברון, האבען בלויז זיין אייגענע מחנה און זיינע שטאם־ברידער פון שבט יהודה איהם ערקלערט פאר א קעניג, אבער די איבעריגע אידישע שבטים, איבערהויפט שאול'ס אייגענער שבט בנימין, האבען אנערקענט פאר זייער מלך שאול'ס געזעצליכען יורש, זיין אינגסטען זוהן איש־בעל אדער איש־בשת. אויף אזא אופן האט דאס אידישע פאלק געקראגען אין דערזעלבער צייט צוויי מלכים: דוד'ן אין חברון און איש־בעל'ן אין דער שטאדט מחנים, אויף דער אנדע־רער זייט ירדן. עטליכע יאהר האט זיך געצויגען דער קאמפף צווישען די חילות פון די צוויי געגנערישע מלכים און זייערע

קריעגספיהרער: יואב פון דוד׳ס צד און אבנר פון איש־בעל׳ס צד. נאָר ענדליך איז אבנר בעזיעגט געוואָרען, און איש־בעל, וועלכער איז געווען א שוואכער און אונבעדייטענדער מענש, איז פערלאָזען געוואָרען פון זיינע אָנהעננער און נאכהער איז ער ערמאָרדעט געוואָרען פון צוויי פעררעטער. דעמאָלט איז דאָס גאנצע פאָלק אריבער אויף דוד׳ס זייט.

דוד איז אַלט געווען דרייסיג יאָהר, ווען ער איז געוואָרען דער קעניג איבער אַלע שבטים פון אידישען פאָלק. די עלטסטע פון די שבטים זיינען געקומען צו איהם אין חברון און איהם גע־קרוינט פאר׳ן מלך. דאָס פאָלק האָט געדענקט דוד׳ס אמאָליגע גבורות אין די מלחמות מיט די פלשתים און האָט געהאָפט, אז דער נייער קעניג וועט ברענגען דעם לאנד רוהם און זעלבסטשטענדיג־קייט. און דיעזע האָפנונגען זיינען ניך מקוים געוואָרען.

דוד האָט פריהער פון אַלץ געווענדט זיין געוועהר געגען די פרעמדע פעלקער וואָס האָבען געלעבט צווישען די אידען. אויפ׳ן גרעניץ צווישען די שבטים יהודה און בנימין האָט פון לאנג אָן געלעבט א קליינער אָבער שטארקער שבט, די יבוסים. דער דאָ־זיגער שבט איז ניט בעזיעגט געוואָרען פון די אידען אין דער צייט פון יהושע און איז געבליבען וואוינען זעלבסטשטענדיג אין זיין בעפעסטיגטער שטאָדט ירושלים און איהר אומגעגענד. ירושלים האָט זיך געפונען אויף א בארג; אין דעם דרום־טייל פון שטאדט האָט זיך דערהויבען א היגעל מיט׳ן נאָמען ציון, אויף וועלכען עס איז געשטאנען א שטארקע פעסטונג. דוד איז אוועק מיט זיין מחנה געגען די יבוסים און האָט בעלאגערט די פעסטונג פון ציון. די יבוסים האָבען מיט שפאָט געזאגט צו דוד׳ן, אז אזא שטארקע פעסטונג וועלען געגען די אידען קענען פער־טיידיגען אפילו בלינדע און קרומע. אָבער דוד׳ס חיל האָט זיך מוטיג געוואָרפען פאראוים און האָט די פעסטונג באלד איינגענומען. און די יבוסים זיינען פערטריבען געוואָרען פון ירושלים.

דוד האָט זיך ארויסגעצויגען פון חברון און האָט געמאכט ירושלים פאר זיין שטענדיגען וואוינאָרט. ער האָט זיך בעזעצט אין דער פעסטונג פון ציון, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען „עיר־דוד“ (דוד׳ס שטאָדט), און ארום איהר האָט ער בעזעצט

זיינע קריעגסלייט. אין א קורצער צייט ארום האט מען פון דער פעניצישער שטאדט צר אראבגעבראכט בויער און מויערער, וועל־כע האבען אויסגעבויט פאר דוד'ן א קעניגליכען פאלאץ. ירושלים האט אנגעהויבען וואקסען אין איינוואוינער און שעהנע געביידען, און פון דעמאלט אן איז זי געווארען די הויפטשטאדט פון דער אידישער מלוכה.

דוד האט געוואלט מאכען זיין הויפטשטאדט אויך פאר דער הייליגער שטאדט פון פאלק. איז ער אוועק מיט א גרויסען המון אין קרית־יערים און האט צוגענומען פון דארט דעם הייליגען ארון, וועלכער איז דארט געשטאנען נאך פון דער צייט פון שמואל הנביא (§ 48). מיט גרויס פאראד, בעגלייט מיט פרעהליכע אויס־געשרייען פון פאלק האט מען דעם הייליגען ארון אריבערגעפיהרט אין „דוד'ס שטאדט" און איהם אוועקגעשטעלט אין א בעזונדערען געצעלט, וואס איז געווען בעצויגען מיט טהייערע געוועבען. נע־בען דעם ארון האט מען אויסגעבויט א מזבח צו ברענגען קרבנות. פאר כהן גדול אין דעם נייעם משכן איז בעשטימט געווארען אביתר, דער זוהן פון דעם גע'הרג'עטען אחימלך פון נב, וועלכער פלעגט בעגלייטען דוד'ן אין אלע זיינע וואנדערונגען און מלחמות.

די נאכריכט, אז דוד האט זיך בעפעסטיגט אין דער נייער הויפטשטאדט האט אויפגערייצט די פלשתים. זיי האבען פריהער געמיינט, אז דוד וועט זיין א פערבינדעטער פון די פלשתי'שע מלכים און וועט זיי צאלען צינז, און איצט האבען זיי דערזעהן, אז ער פעראייניגט דאס גאנצע אידישע פאלק און וויל אינגאנצען ארויסשטויסען די פרעמדע פון אידישען לאנד. האבען די פלשתים זיך אריינגעריסען אין דער נחלה פון שבט יהודה און האבען פערנומען בית־לחם, דוד'ס געבורטס־שטאדט. ניט וויינט פון דיע־זער שטאדט איז דוד'ס העלדישע מחנה ארויסגעטראטען געגען זיי. די אידען האבען זיך געשלאגען ווי די לייבען און האבען געבראכט אויפ'ן פיינד א שרעקליכע מפלה. די העלדישקייט פון די אידישע קריעגער אין דיעזער מלחמה קען מען זעהן פון פאל־גענדען ביישפיעל: דוד'ן האט זיך איינמאל פערוואלט א טרונק, און וואסער האט מען געקאנט קריעגען נאר אין דעם ברונען נעבען די טויערען פון בית־לחם, וואו עס איז געשטאנען א שטארקע

פּלשתי'שע וואָך. האָבען דריי גבורים פון דוד'ס קריעגסלייט, איינשטעלענדיג זייער לעבען, זיך דורכגעריסען דורך דער פּלשתי'שער וואך, האָבען אָנגעשעפּט וואסער און עס געבראכט צו דוד'ן. נאָר דער קעניג האָט געזאָגט: „גאָט בעהיט, אז איך זאָל טרינקען דאס וואסער, וואָס מיינע מענשען האָבען געקראָגען שטעלענדיג זייער לעבען אין סכנה; דאָס איז דאָך אַלץ איינס ווי איך זאָל טרינקען זייער בלוט!" נאָך עטליכע ענטשיידענדע שלאַכטען האָט דוד פערטריבען די פּלשתים פון זיין מלוכה. אָבער ער האָט זיך דערמיט ניט בענוגענט: ער האָט געוואָלט אינגאנצען אונשעדליך מאכען דעם אַלטען פיינד פון אידישען פאָלק. איז ער אוועק מיט זיין חיל אין לאַנד פון די פּלשתים און האָט פערחאַפּט זייער הויפּטשטאָדט גת מיט איהר סביבה. דער דאָזיגער זיעג האָט שטארק בעריהמט געמאכט די העלדישקייט פון די אידישע קעמפּפער. פון דעמאָלט אָן איז די מאַכט פון די פּלשתי'שע מלכים אויף אייביג געבראָכען געוואָרען. גרויסע שטרעקען פּלשתי'שע לאַנד זיינען געבליבען אונטערטעניג צו דוד'ן און די איינוואוינער האָבען איהם געצאָלט צינז.

אז דוד האָט שוין געהאט פארזיכערט די דרום-מערב גרעניצען פון זיין מלוכה געגען פיינדליכע אָנפאלען, האָט ער זיך געווענדט געגען די שונאים אין מזרח-זייט. ער האָט בעזיעגט אויף דער אנדער זייט ירדן די מואבים און עמונים. צו הילף די עמונים זיינען געקומען די ארמים פון סיריען, נאָר דוד האָט אויף זיי געבראכט א שרעקליכע נידערלאגע, איז אריינגעדרונגען מיט זיין חיל אין סיריען און איינגענומען די שטאָדט דמשק. דוד'ס וויכטיגסטער העלפער אין די אלע מלחמות איז געווען זיין פלימעניק יואב, דער מוטיגער פיהרער פון זיין חיל. דיעזער העלדישער קריעגספיהרער האָט געפיהרט מלחמה אויך אין דרום, נעבען טויטען ים, מיט די ארומים. אדום איז אינגאנצען בעזיעגט געוואָרען און דוד האָט דאָרט געשטעלט א אידישען פערוואלטער איבער'ן לאַנד.

§ 57. דאָס אינוועניגסטע לעבען. דוד האָט אויפגעהויבען די אידישע מלוכה צו דער העכסטער מדרגה פון מאכט. אלע שכנ'ישע פעלקער, וועלכע האָבען פריהער געדריקט די אידען,

האבען איצט געציטערט פאר זיי. דער נאמען פון דעם גרויסען אידישען קעניג איז בעריהמט געווארען איבער'ן גאנצען מזרח. כדי אויפצוהאלטען ריעזע שטארקייט פון דער מלוכה געגען די דרויסענדיגע פעלקער, האט דוד געדארפט אויסהאלטען א ריעזיגען חיל. אין מלחמה־צייט איז יעדער שבט געווען פערפליכטעט צו־צושטעלען א בעשטימטע צאל מענשען, פון צוואנציג יאהר אן, וועלכע זיינען פעהיג צו טראגען געוועהר. דער הויפט פיהרער פון דעם חיל איז געווען יואב. אין דער אינוועניגסטער פיהרונג פון לאנד האבען דוד'ן געהאלפען מענשען, ערפאהרענע אין מלוכה־ענינים, וועלכע האבען זיך גערופען „יועצים" (ראטגעבער), „סופרים" (שרייבער) און „מזכירים" (כראניקער). ביי דוד'ס הויף האבען זיך אויך געפונען צוויי נביאים: גד און נתן.

אין זיין הויזליכען לעבען האט זיך דוד ערלויבט עטוואס גלאנץ, הגם ניט אין אזא מאס ווי די אנדערע מלכים פון מזרח. ער האט געלעבט אין ירושלים אין א שעהנעם פאלאץ, געבויט דורך פעניצישע מייסטער, האט זיך ארומגערינגעלט מיט לייב־וועכטער, געדונגען פון פרעמדע פעלקער, און האט געהאט א סך גיטער, וויינגערטנער און סטאדעס. לויט דעם מנהג פון מזרח האט דוד געהאט עטליכע ווייבער. זיין ערשטע ווייב מיכל האט חתונה געהאט מיט אן אנדערען אין יענער צייט ווען איהר פאטער, דער קעניג שאול, האט פערפאלגט דוד'ן. נאר ווען דוד איז ארויף אויפ'ן טראהן, האט זי זיך צו איהם אומגעקעהרט. מיט דער צייט זיינען צום קעניג'ס הויזגעזינד צוגעקומען נאך עטליכע פרויען. פון די אלע פרויען, חוץ מיכל, וועלכע איז געווען אן עקרה, האט דוד גע־האט זיהן און טעכטער. דער עלטסטער פון זיינע זיהן איז געווען אמנון; פון די איבעריגע דוד'ס זיהן זיינען בעזונדערס בעוואוסט געווען אבשלום און אדניהו. נאר קיין איינעם פון די דאזיגע זיהן איז ניט בעשערט געווען צו ירש'ענען דעם טראהן נאך דוד'ן; יורש איז געווען דער זוהן פון א פרוי, וועלכע איז געקומען אין קעניג'ס הויז דורך פאלגענדען צופאל.

איינמאל אין א פארנאכט האט דוד שפאצירט איבער'ן פלאכען דאך פון זיין פאלאץ און האט פון וויטען דערזעהן אן אויסערגע־וועהנליך שעהנע פרוי זיך באדען. דער קעני־ האט געפרעגט ווער זי

איז און האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז בת־שבע, דאָס ווייב פון אוריה דעם חתי, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון אַן אבטיילונג חיל. בת־שבע האָט דעם קעניג אַזוי בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט, אַז ער האָט זי געוואָלט נעהמען פאַר אַ ווייב, אָבער איהם האָט געשטערט דאָס, וואָס זי איז געווען דאָס ווייב פון אַן אַנדערען. האָט זיך דוד ענטשלאָסען אויף אַ שרעקליכער טהאָט. אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ בלוטיגע מלחמה מיט די עמונים; בראש פון אידישען חיל איז געשטאַנען דער קריעגספיהרער יואב, און אונטער זיין אויבערהערשאַפט האָט געדיענט אוריה. האָט דוד געשיקט אַ געהיימען בעפעהל צו יואב'ן ער זאָל שטעלען אוריה'ן אין רעכטען פייער פון דער שלאַכט און איהם ניט שיקען קיין הילף אין פאַל דער שונא וועט זיך שטאַרקען איבער איהם. יואב האָט אַזוי געטהאָן און אוריה איז אומגעקומען אין אַ הייסער שלאַכט מיט די עמונים. בת־שבע האָט בעוויינט איהר פערשטאָרבענעם מאַן, אָבער ווען עס האָט זיך געענדיגט די צייט פון איהר טרויער האָט מען זי געבראַכט אין קעניג'ס פּאַלאַץ און זי איז געוואָרען דוד'ס ווייב.

די דאָזיגע האַנדלונג דוד'ס האָט שטאַרק געערגערט זיין לעהרער נתן הנביא. און דער קלוגער נביא איז געקומען פאַר'ן קעניג און האָט איהם דערצעהלט אַזאַ געשיכטע: „אמאָל האָבען אין איין שטאָדט געלעבט צוויי מענשען. איינער איז געווען אַ רייכער און דער אַנדערער אַן אָרימער. דער רייכער האָט געהאַט זעהר אַ סך שאָף און רינדער, און דער אָרימער האָט געהאַט נאָר איין קליין שעפּעלע, וואָס איז איהם געווען זעהר טהייער. דאָס שעפּעלע איז געוואַקסען אין זיין הויז, פון זיין ברויט פלעגט זי עסען, פון זיין כוס פלעגט זי טרינקען און אין זיין שוים פלעגט זי ליגען, און זי איז איהם געווען ווי אַ טאָכטער. איינמאָל איז צום רייכען מאַן געקומען אַ גאַסט, אָבער דער גביר האָט געזשאַלעוועט צו שעכטען איינע פון זיינע שאָף צו מאַכען אַ מאָלצייט פאַר זיין גאַסט. האָט ער געשיקט צו זיין אָרימען שכן און האָט צוגענומען ביי איהם זיין איינציגע שעפּעלע און מיט איהר פלייש האָט ער אָנגעזעטיגט דעם גאַסט". ווען נתן האָט געענדיגט זיין געשיכטע האָט דוד אויסגערופען מיט צאָרן: „יענער אכזריות'דיגער מענש, וואָס האָט

קיין רחמנות ניט געהאט אויף זיין ארימען שכן, פערדיענט דעם טויט, און פאר דער צוגענומענער שעפעלע דארף ער בעצאָלען פיער מאָל אזוי פיעל!" דעמאָלט האָט דער נביא אויסגעשריען: „דו ביסט עס דער יענער! גאָט האָט דיר געגעבען א מלוכה, עשירות און א סך ווייבער, און דו האָסט ארונטערגעפיהרט אוריה'ן אונטער'ן שווערד פון די עמונים אן האָסט זיך צוגענומען זיין איינציגעם ווייב. דערפאר וועט אויפשטעהן אויף דיר אן אומגליק פון דיין אייגענער הויזגעזינד". דוד האָט דערפיהלט א טיפע חרטה און האָט געזאָגט: „יא, איך האָב געזינדיגט געגען גאָט!" אין גיכען האָט בת-שבע געבאָרען דוד'ן א זוהן. דעם קינד האָט מען א נאָמען געגעבען שלמה, און נתן הנביא האָט איהם גערופען ידידיה, דאָס הייסט, גאָט'ס בעליעבטער. און דעם דאָזיגען איינגסטען זוהן פון דוד'ן איז עס בעשערט געווען צו ארבען דעם אידישען טראָהן.

§58. די מרידה פון אבשלום. נתנ'ס נבואה, אז אן אומגליק וועט אויפשטעהן אויף דוד'ן פון זיין אייגענער פאמיליע, איז מקוים געוואָרען. דער קעניג האָט געהאַט א סך זיהן און טעכ־טער פון פערשיידענע ווייבער. דער עלטסטער בן־מלך, אמנון, וועלכער האָט גערעכענט, אז ער וועט זיין דער יורש פון דער קרוין, איז געוועזען א מענש מיט א ליידענשאפטליכען און ניט איינגעהאלטענעם כאראקטער. איינמאָל האָט ער גראָב בעליידיגט זיין שטיף־שוועסטער, די שעהנע תמר. די בעליידיגטע תמר האָט זיך בעקלאָגט פאר איהר לייבליכען ברודער, דעם שטאָלצען קע־ניגליכען זוהן אבשלום, און יענער האָט בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון אמנונ'ען. ווען עס איז געקומען די צייט פון שעהרען די שאָף, האָט אבשלום, כלומר'שט צו דער געלעגענהייט געמאכט א מאָלצייט און האָט פעררופען אין זיין הויז אַלע זיינע ברידער. אין דער צייט פון דער סעודה האָט אבשלום בעפעהלען זיינע דיענער און זיי האָבען זיך א וואָרף געטהאָן אויף אמנונ'ען און איהם גע'הרג'עט. די נאכריכט וועגען אמנונ'ס טויט האָט דוד'ן שטארק דערשלאָגען. דער קעניג האָט טיעף געטרויערט נאָך זיין ערמאָרדעטען זוהן, און איז שטארק אויפגעבראכט געווען געגען דעם שולדיגען אין זיין טויט. אבשלום האָט מורא געהאט פאר זיין פאָטער'ס כעס, איז

ער אנטלאָפען פון ירושלים און האָט אבגעלעבט דריי יאָהר צייט אין פרעמדע לענדער. פאר דער צייט איז דוד'ס שמערץ געשטילט געוואָרען, און אויף דער בקשה פון זיינע מקורבים האָט ער אבשלום'ען מוחל געווען און איהם ערלויבט זיך אומצוקעהרען קיין ירושלים.

אָבער ניט אויף נחת דעם פאָטער האָט זיך דער אָבגעריסענער זוהן אומגעקעהרט אהיים. אבשלום איז געווען א גרויסער רודף אחר כבוד און האָט געטרוימט וועגען דער קעניגליכער הערשאפט. זייענדיג העלדיש, געשיקט און שעהן, מיט לאַנגע געדיכטע לאָקען, איז ער דעם פאָלק געפעלען געוועןץ און מיט דער דאָזיגער ליעבע פון פאָלק האָט זיך אבשלום בענוצט פאר זיינע צוועקען. ער האָט בע־שלאָסען צו מאַכען א מרידה געגען זיין פאָטער, און נאָך ביי זיין לעבען אריינכאפען אין זיינע הענד די קעניגליכע מאַכט. דעריבער האָט ער געזוכט ארויסצורופען אין פאָלק אונצופריעדענהייט מיט דוד'ן. דע ראַלטער קעניג האָט שוין ניט געקענט בעזאָרגען אַלע עסקים פון דער מלוכה און האָט אָפט קיין צייט ניט געהאַט אויס־צוהערען די אלע, וועלכע פלעגען קומען צו איהם מיט קלאַגען אָדער בקשות. א סך בעזוכער פלעגען אוועקגעהן פון איהם אונבעפריעדיג־טע. ווען אבשלום פלעגט בעגעגענען אזעלכע אונצופריעדענע, פלעגט ער זיי זאָגען: „אייער זאַך איז א גערעכטע; אָבער דער קעניג האָט אייך ניט אויסגעהערט; ווען איך וואָלט געווען דער ריכטער פון לאנד וואלט איך אלעמען גע'משפט מיט אמת, און אלע וואָלטען אוועק פון מיר צופריעדען". אזוי האָט זיך אבשלום'ען איינגעגעבען ביסלעכווייז צוצוציהען א סך מענשען אויף זיין זייט. ער האָט גע־קראָגען אנהעננער אפילו צווישען די קעניגליכע הויפלייט. אויף דער זייט פון דעם בן־מלך איז אויך אריבער דוד'ס קליגסטער ראטגעבער, אחיתפל. דערפיהלענדיג זיך איצט בכח, האָט אבשלום צונויפגענומען צוויי הונדערט מענשען און איז מיט זיי אוועק קיין חברון. פון דאנען האָט ער צושיקט מרגלים און זיי בעפעהלען: „ווען איהר וועט דערהערען דעם קול שופר, זאָלט איהר אויסרופען אומעטום, אז אבשלום איז געוואָרען מלך אין חברון". צו אבשלום'ען זיינען צוגעשטאַנען גרויסע מאַסען פון פאָלק און די מרידה איז זיך אַלץ מעהר צעוואַקסען.

דוד איז געווען ערשטוינט, ווען ער האָט דערהערט וועגען דעם אויפשטאַנד פון זיין זוהן. דער קעניג איז ניט געווען צוגע־גרייט צו דער דאָזיגער אינוועניגסטער מלחמה און ער האָט מורא געהאַט, די מורדים זאָלען פּלוצלינג ניט אָנפאַלען אויף דער הויפּט־שטאָדט. האָט ער דעריבער בעשלאָסען צו פערלאָזען ירושלים און זיך מכין זיין צו דער מלחמה ווייט פון דעם פּלאַץ פון אויפשטאַנד. און דוד איז ארוים פון ירושלים מיט זיין הויזגעזינד, בעגלייט פון א געקליבענער מחנה פון זעקס הונדערט קריעגסלייט. ווען דאָס פאָלק האָט געזעהן ווי דער גרייז־גרויער קעניג ציהט זיך ארוים פון זיין הויפּטשטאָדט, האָבען אַלע שטאַרק געוויינט. דער כהן גדול אביתר און צדוק האָבען גענומען דעם הייליגען ארון און גע־וואָלט מיטגעהן מיט׳ן קעניג, אָבער דוד האָט זיי געהייסען בליי־בען מיט דער הייליגקייט אין ירושלים. „אויב גאָט ועט וועלען — האָט דער קעניג געזאָגט — וועט ער מיך אומקעהרען צוריק אהער, און איך וועל ווידער זעהן זיין וואוינונג; און אויב ניט, טאָ זאָל ער טהאָן מיט מיר ווי זיין רצון וועט זיין“. דעם קעניג׳ס אַלטער פריינד און יועץ, דער קלוגער חושי, האָט אויך געוואָלט געהן מיט דוד׳ן, נאָר דוד האָט איהם געזאָגט: „אויב דו וועסט געהן מיט מיר וועסטו מיר נאָר זיין צו לאַסט. בעסער בלייב אין ירושלים, מאַך זיך ווי דו וואָלסט געווען א געטרייער דיענער צו אבשלום׳ען און צושטער אחיתפל׳ס פּלענער. אַלץ וואָס דו וועסט זיך דערוויסען זאָלסטו איבערגעבען די כהנים צדוק און אביתר, און זיי וועלען מיר דורך שליחים מודיע זיין וועגען אַלץ“.

באַלד נאָך דוד׳ס אוועקגעהן איז אבשלום אריינגעטראָטען קיין ירושלים און האָט זיך ערקלערט פאַר קעניג. דער קלוגער אחיתפל האָט איהם געגעבען אן עצה ער זאָל באַלד נאָכיאָגען דוד׳ן מיט א מחנה, איידער יענער האָט צייט געהאַט זיך צוצוגרייטען צו מלחמה. ווען חושי האָט זיך דערוואוסט פון דעם דאָזיגען געפעהרליכען פּלאַן, איז ער געקומען צו אבשלום׳ען און פארשטעלענדיג זיך פאַר זיין פריינד, האָט ער איהם איינגערעדט ניט צו פאָלגען אחיתפל׳ס עצה „דו ווייסט — האָט ער געזאָגט, — אז דיין פאָטער און זיינע מוטיגע קריעגסלייט זיינען איצט צורייצט ווי ווילדע חיות, און ביים ערשטען צוזאַמענשטויס קאָן דיין חיל ליידען א נידערלאַגע.

בעסער וואָרט, ביז דאָס גאַנצע פאָלק פון איין עק לאַנד ביז׳ן צווייטען וועט זיך ארומקלייבען ארום דיר, און דעמאָלט וועלען מיר אונטער דיין פיהערערשאַפט אָנפאַלען אויפ׳ן קעניג׳ס מחנה און זיי מיט איין מאָל פערניכטען״. אבשלום האָט געפאָלגט חושי׳ס עצה און האָט גאָר ניט חושד געווען אז אין הארצען האָט חושי גאָר געוואָלט געבען דוד׳ן צייט זיך צוצוגרייטען צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד. אבער דער קלוגער אחיתפל האָט עס פערשטאַנען און און ער האָט פאַראויסגעזעהן אז אבשלום מוז האָבען א מפלה. האָט ער איהם פערלאָזען און איז אוועק צו זיך אהיים און האָט זיך דערוואָרגען.

אין דער צייט וואָס אבשלום איז געזעסען אין ירושלים און האָט גאָרניט געטהאָן, האָט דוד צייט געהאַט אריבערצוגעהן דעם ירדן קיין מחנים, און דאָרט האָט ער אויפגעקליבען זיינע כחות פאַר אן ענטשיידענדער שלאַכט מיט די מורדים. ענדליך האָט אויך אבשלום צוזאַמענגענומען א גרויסען חיל און איז אוועק אריבער׳ן ירדן געגען זיין פאָטער. דער חיל פון די מורדים איז געווען גרויס, נאָר ער האָט געהאַנדעלט ניט אויסגערעכענט, אין דער צייט ווען דוד׳ס ערפאַהרענע קריעגספיהרער האָבען געפיהרט דעם קאַמפּף פאָרזיכטיג און קלוג. די ענטשיידענדע שלאַכט איז פאָרגעקומען אין וואַלד אפרים. דעם קעניג׳ס חיל, אונטער דער פיהרערשאַפט פון יואב׳ן, האָט בעזיעגט אבשלום׳ס מחנות און זיי געצוואונגען צו אנטלויפען. אבשלום אליין איז רייטענדיג אויף אן עזעל אנטלאָפען אין געדיכטען וואַלד אריין. אבער דאָ איז ער אונטערגעפאָהרען אונטער א געדיכטען דעמב און האָט זיך פערטשעפּעט מיט זיינע האָר אן די צווייגען, און ווען דער עזעל איז פון אונטער איהם אוועקגעלאָפען ווייטער, איז ער געבליבען הענגען אין דער לופטען. דאָ איז אונטערגעקומען יואב און האָט אריינגעשאָסען דריי פיילען אין דעם הענגענדיגען אבשלום. דעם קערפּער פון דעם גע׳הרג׳עטען האָט מען ארונטערגענומען פון בוים און אריינגעוואָרפען אין א גרוב, אויף וועלכער מען האָט אנגעוואָרפען א הורבע שטיינער. דוד איז געווען אזוי דערשלאָגען פון אבשלום׳ס שרעקליכען טויט, אז ער האָט אפילו פערגעסען די פרייד פון דעם נצחון. דאָס פאָטערליכע געפיהל האָט גובר געווען דעם קעניג׳ס

פערשטאנד. דער גרייז־גרויער קעניג איז א לאנגע צייט געזעסען איינער אליין אין זיין צימער און האָט מיט טרעהרען געמורמעלט: „אָ, מיין זוהן, אבשלום, פארוואס בין איך פאר דיר ניט געשטאר־בען?"

§59. דוד'ס לעצטע יאהרען. דער ברודער־קריעג וואס אבשלום האָט אויפגעהויבען, האָט אנגעהאלטען אויך נאָך זיין טויט. ווען דער גרעסטער טייל פון די מורדים האָט זיך אויפגעקליבען אין גלגל, כדי אויסצודריקען זייער הכנעה צו דוד'ן, איז ארויסגעטראטען איינער פון שבט בנימין מיט'ן נאָמען שבע, האָט אָנגעהויבען בלאָזען אין א שופר און האָט אויסגערופען: „מיר האָבען גאר נישט צו טהאָן מיט דוד'ן! צוגעהט זיך איבער אייערע געצעלטען, אידען!" און א גרויסער טייל פון פאָלק האָט זיך ווידער אבגעטיילט פון דוד'ן און איז אוועק נאָך שבע'ן; בלויז דער שבט יהודה איז געבלי־בען געטריי דעם קעניג, און האָט איהם בעגלייט קיין ירושלים. אָנקומענדיג קיין ירושלים, האָט דוד געהייסען זיינע קריעגספיה־רער צוזאממענרופען א חיל און נאָכיאגען שבע'ן און צוטרייבען זיינע מחנות איידער ער וועט האָבען צייט צו פערכאפען בעפעס־טיגטע שטעדט. דעם קעניג'ס חילות, אָנגעפיהרט פון יואב'ן, האָ־בען זיך ווי א שטורם דורכגעטראגען איבער'ן גאנצען לאנד. וואו זיי זיינען אָנגעקומען, האָט ווידערשפעניגסטע פאָלק פערלאָזען שבע'ן און זיך אונטערגעגעבען צו דוד'ן. בלויז די בעפעסטיגטע שטאָדט אבלה, אין דער נחלה פון שבט דן, אין צפון־זייט, איז פער־נומען געווארען פון שבע'ן און האָט זיך ניט געוואלט אונטערגעבען. יואב האָט ארומגערינגעלט די שטאָדט מיט בעלאגערונגס־געוועהר און האָט זיך געקליבען צו צושמעטערען איהרע מויערען. דאָ איז איינע פון די איינוואוינער, א קלוגע פרוי, ארויפגעגאנגען אויף דער וואנט פון פעסטונג און האָט הויך צוגעשריען יואב'ן: „צי דען ווילסטו פערטיליגען א גאנצע אידישע שטאָדט?" יואב האָט גע־ענטפערט, אז ער וועט ניט טשעפען די שטאָדט, אויב זיי וועלען מיט גוטען ארויסגעבען שבע'ן. די איינוואוינער האָבען מסכים געווען. זיי האָבען אָבגעהאקט שבע'ן דעם קאָפּ, און פון דער וואנד עס ארונטערגעווארפען צו יואב'ן. דעמאָלט איז יואב אָבגעטראטען

פון שטאָדט; די מרידה איז ענדליך איינגעשטילט געוואָרען, און דאָס לאַנד האָט זיך בערוהיגט.

ווען אין לאַנד איז שטיל געוואָרען האָט דוד גערופען צו זיך נתן הנביא און איהם געזאָגט, אז ער וויל אויסבויען אין ירושלים א נייעם גרויסען טעמפּעל צו דינען גאָט, אנשטאָט דעם פריהערינגען קליינעם משכן. נאָר דער נביא האָט איהם ערקלערט: „ניט דו וועסט בויען גאָט׳ס הויז, ווארום דו האָסט אין דיין לעבען א סך בלוט פערגאָסען (אין מלחמות). אבער דיין זוהן שלמה, וועלכער וועט ירש׳ענען דעם טראָהן נאָך דיר, וועט זיין א פריעדליכער קעניג, און ער וועט אויפשטעלען א הויז פאר גאָט.“ האָט דוד געהייסען אויפקלייבען בוי־מאַטעריאַל און גאָלד און זילבער א סך, כדי אלץ זאָל זיין גרייט צום בויען ווען זיין זוהן וועט איבערנעהמען די ממשלה נאָך איהם. אבער איהם איז ניט באשערט געווען אפילו די דאָזיגע הכנות צו ענדיגען.

אפילו אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען האָט דוד קיין רוה ניט געהאַט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען מחלוקות ווער עס זאָל ירש׳ענען דעם טראָהן. די מלכה בת־שבע האָט פערלאַנגט, אז איהר זוהן שלמה זאָל זיין דוד׳ס יורש. איהר האָבען געשטיצט נתן הנביא און אייניגע הארען. אבער אדניהו, דוד׳ס עלטסטער זוהן נאָך אבשלום׳ן, האָט געהאַלטען זיך פאר׳ן געזעצליכען יורש־עצר. ער האָט זיך געפיהרט מיט קעניגליכען גלאַנץ און פלעגט אומפאָהרען איבער די גאַסען אין א פּרעכטיגען רייטוואַגען, פאראויס פון וועלכען עס זיינען געלאָפען פופציג רייטער. איהם איז געלונגען צו געווינען אויף זיין זייט די איינפלוסרייכסטע לייט. דעם קריעגספיהרער יואב און דעם כהן אביתר. איינמאָל, ווען מען האָט זיך שוין געריכט אז דוד דאַרף באַלד שטאַרבען, האָט אדניהו געמאַכט א פייערליכען מאָלצייט און מקריב געווען קרבנות צו גאָט. דאָ האָבען זיינע אָנהענגער געשריען: „לעבען זאָל דער קעניג אדניהו!“ דאָס האָט שטאַרק צוערגערט שלמה׳ס מוטער און זי האָט זיך בעקלאָגט פאר דוד׳ן. דעמאָלט האָט מען, אויף דוד׳ס בעפעהל, דורכגעפיהרט דעם יונגען שלמה רייטענדיג אויף אן עזעל איבער׳ן גאַנצען שטאָדט, בעגלייט פון די כהנים און דעם חיל, און איהם געבראַכט צום טייך גיחון. דאָ האָט דער כהן גדול צדוק בעשפּריצט

זיין קאָפּ מיט היילינגען בוימאייל און ביים שאַלען פון שופרות האָט ער איהם ערקלערט פאר'ן מלך. מיט א פייערליכער פראָצעסיע, צווישען פרעהליכע אויסגעשרייען פון פאָלק האָט זיך שלמה אומגעקעהרט אין פאלאץ און האָט זיך געזעצט אויפ'ן קעניגליכען שטוהל.

אין גיכען איז דער אלטער דוד געשטאָרבען, נאָך פערציג יאהר קעניגען. ווען שלמה איז געווארען מלך האָט ער באלד איינגעשטילט די מהומה, וואס אדניהו'ס אויפשטאַנד האָט ארויסגערופען. אדניהו'ן און זיינע וויכטיגסטע נאָכפאָלגער, צווישען זיי אויך יואב, האָט מען אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל געטויט, און די קעניגליכע מאכט האָט זיך איינגאנצען בעפעסטיגט אין שלמה'ס הענד.

אכטער קאַפּיטעל.

שלמה המלך.

(977—1015 פאַר דער קריסט. צייטר.)

§60. שלמה'ס ממשלה. ווען שלמה איז ארויף אויפ'ן טראָהן איז ער נאָך געווען גאָר יונג, איינגאנצען ארום פינף-און-צוואנציג יאָהר אלט. זיין פאטער האָט איהם איבערגעלאזען א ברייטע מלוכה, וועלכע איז נאָך א סך מלחמות געווען פערזיכערט פון אנפאלען פון די שכנ'ישע פעלקער. עס איז נאָר נויטיג געווען אויפצוהאלטען דאס, וואס איז ערווארבען געווארען דורך דוד'ס גלענצענדע נצחונות און געבען דעם פאלק די מעגליכקייט זיך צו פערנעהמען מיט פריעדליכע בעשעפטיגונגען: ערדארבייט, מלאכות און מסחר. דאס איז דערגרייכט געווארען אין דער צייט פון שלמה. שלמה איז ניט געווען קיין קריעגערישער, נאָר א פריעדליכער מלך (זיין נאָמען אליין, שלמה, דערמאַנט אָן „שלום", פריעדען). ער האָט פערמאגט אלע מעלות, וואס זיינען נויטיג פאר א הערשער און א ריכטער. דער יונגער מלך האָט געקראגען א שם ביים פאלק פאר זיין חכמה און מענשען-קענטשאפט. אין די שווערסטע משפטים האָט ער פערשטאנען צו דערגעהן ווער עס איז גערעכט און ווער עס איז אומגערעכט.

דער פאָלגענדער משפּט, דערצעהלט די לעגענדע, האָט שלמה'ן געוואונען דעם נאָמען פאַר'ן קליגסטען מענשען אין דער וועלט. איינמאָל זיינען צו שלמה המלך געקומען צוויי פרויען זיך לאָדען, און איינע פון זיי האָט דערצעהלט אזא געשיכטע: איך וואוין — האָט זי געזאָגט — מיט דער דאָזיגער פרוי אין איין הויז. ניט לאַנג צוריק האָב איך געבאָרען א אינגעלע, און מיט דריי טעג שפּעטער האָט מיין שכנה אויך געהאַט א זוהן. איינמאָל ביי נאַכט האָט זי אין שלאָף זיך ארויפגעלעגט אויף איהר קינד און האָט עס דערשטיקט. אז זי האָט דאָס דערזעהן, איז זי שטילערהייד אויפגעשטאַנען און ווען איך בין געשלאָפען האָט זי צוגענומען פון מיין גלעגער מיין קינד, און צו מיר האָט זי אוועקגעלעגט איהר טויט קינד. אין דערפריה ווען איך בין אויפגעשטאַנען אָנצוזויגען מיין קינד האָב איך דערזעהן, אז ער ליגט טויט, און ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים האָב איך בעמערקט, אז דאָס איז גאָרניט מיין זוהן". די אַנדערע פרוי האָט גע'טענה'ט: „ניין, דאָס איז ניט אמת: מיין זוהן איז געבליבען לעבען, און איהרער איז טויט". די צוויי פרויען האָבען זיך שטאַרק געקריגט פאַר'ן קעניג: יעדע האָט גע'טענה'ט, אז דער לעבעדיגער אינגעלע איז איהר זוהן, און אז דער טויטער געהערט צו איהר שכנה. עס איז שווער געווען צו דערגעהן דעם אמת. דעמאָלט איז שלמה געפאַלען אויף א קלוגער המצאה: ער האָט געהייסען ברענגען א שווערד און פאַר די צוויי פרויען אין די אויגען האָט ער געזאָגט צו די דיענער: „צושניידט דעם לעבעדיגען אינגעלע אויף דער העלפט, און גיט איין האַלבע צו איין פרוי און די צווייטע — דער אַנדערער פרוי." דערהערענדיג דאָס, האָט איינע פון די פרויען אויסגעשריען: „אדוני מלך, צושנייד ניט דאָס קינד, נאָר גיב שוין עס בעסער אב א לעבעדיגען צו מיין געגנערין". אָבער די אַנדערע האָט געשריען: „זאָל זיין ניט מיר און ניט איהר, צושניידט עס!" דעמאָלט איז קלאָר געוואָרען, אז די אמת'ע מוטער פון דעם לעבעדיגען קינד איז יענע, וועלכע האָט אויף איהם רחמנות געהאַט און ניט דערלאָזט מען זאָל איהם צושניידען. און דער קעניג האָט געזאָגט: „גיט איהר אב דאָס לעבעדיגע קינד, ווארום זי איז זיין מוטער!" דאָס גאַנצע פאָלק האָט בעוואונדערט שלמה'ס חכמה. די לעגענדע דערצעהלט,

אז שלמה האָט מיט זיין חכמה אריבערגעשטייגט אַלע קלוגע לייט פון מזרח־לאַנד און אַפילו די געלעהרנטסטע חרטומים פון מצרים. ער האָט פערפאסט משלים און ליעדער, „האָט גערעדט וועגען די בוימער, חיות, פישען, פויגלען און שרצים", ד. ה. ער האָט זיך שטארק אבגעגעבען מיט שטודירען די נאַטור. פון דעם תנ"ך איז שלמה בעוואוסט אַלס דער מחבר פון משלי, א ספר פון קלוגע לע־בענס־כללים, פונקט ווי דוד איז בעוואוסט אַלס דער זינגער פון תהלים.

דער תנ"ך דערצעהלט, אז אין שלמה'ס צייט האָבען די אידען געלעבט רוהיג, „יעדער אונטער זיין וויינשטאק און אונטער זיין פייגענבוים". שלמה האָט ניט געפיהרט קיין מלחמות אַזוי ווי דוד. די ארומיגע פעלקער, ווי למשל די אדומים און עמונים, זיינען גע־ווען אונטערטעניג דעם אידישען מלך און האָבען איהם געצאַלט צינז. אָבער מיט די זעלבסטשטענדיגע שכנ'ישע מלוכות פלעגט ער שליסען פריעדליכע בונדען און האַנדעלס־אבמאַכען. די נאָהענט־סטע שכנה פון דער אידישער מלוכה איז געווען די רייכע און סוחר'ישע פעניציען; אין דרום־זייט איז געלעגען דאס געבילדעטע און שטארקע מצרים, און פון צפון — די מלוכות פון מעסאָפאָטא־מיען (ארם און דמשק). מיט די דאָזיגע מלוכות האָט שלמה איינ־געפיהרט האנדעל. די אידען, אַלס א פאָלק פון ערדארבייט, פלע־גען ארויספיהרען אהין פּראָדוקטען פון דער ערד: תבואה, פירות און וויינטרויבען, און אין אויסטויש פלעגען זיי בעקומען פון פע־ניציען געהילץ פון די צעדער־וועלדער פון לבנון, און פון מצרים — פערד און רייטוועגען. אויסער דעם איז דאָס אידישע לאַנד געווען א וויכטיגער האַנדעלס־וועג, איבער וועלכען עס זיינען געאַנגגען קאַ־ראַוואַנען מיט סחורה פון מעסאָפּאָטאַמיען קיין מצרים. אויף שלמה'ס בעפעהל האָט מען אויסגעבויט אין פערשיידענע פלעצער בעקוועמע סטאַנציעס פאר די קאראוואַנען און שפייכלער פאר די סחורות. זייענדיג פערבונדען מיט די פעניציער האָבען אידען אויך געפיהרט האנדעל אויפ'ן ים. די אידישע און פעניצישע ים־רייזענ־דע פלעגען זיך אוועקלאָזען אויף שיפען אין דעם וואונדערלאנד אופיר (אינדיען אָדער דרום־אַראַביען) און פלעגען ברענגען פון דאָרט טהייערע מעטאַלען, העלפאנדביין, שמעקעדיגע בשמים און

אלערליי ציערונג. אויף אזא אופן האָבען די אידען אָנגעהויבען זיך צוזאַמענקומען מיט די געבילדעטע פעלקער פון אזיען און אפריקא. שלמה פלעגט זיך אפילו מתחתן זיין מיט די פרעמדע מלכים. צווישען זיינע ווייבער איז געווען די טאָכטער פון א מעכטיגען עגיפּטישען פּרעה. נאָכטהוענדיג דעם ביישפּעל פון די אנדערע מלכים פון מזרח האָט שלמה געזארגט וועגען דער רייכקייט און גלאנץ פון זיין הויפּטשטאָדט. אין זיין צייט איז די שטאָדט ירושלים בעשעהנט געווארען מיט פּרעכטיגע געביידען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דער בית־המקדש און דער קעניגליכער פּאלאץ.

§61. דאָס בויען פון דעם בית המקדש. אין גיכען נאָכדעם ווי שלמה איז ארויף אויפ׳ן קעניגליכען שטוהל האָט ער גענומען ערפילען די צואה פון זיין פאטער — צו בויען דעם גרויסען בית־המקדש אין ירושלים. פאר א פּלאץ פאר׳ן הייליגען הויז איז אויסגעקליבען געווארען דער בארג מוריה, אין צפון־מזרח־זייט פון ירושלים. פאר דעם דאָזיגען בנין האָט זיך געפאָדערט אונגעהויער פיעל שטיין און געהילץ. שטיין איז געווען אין כנען גופא. צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער, וואס שלמה האָט צוזאַמענגענומען צווישען די בעזיגעטע כנענ׳ישע פעלקער, האָבען אין די בערג אויסגעהאקט שטיינער און זיי ארומגעטעסעט אין גלייכע בלאָקען; אנדערע ארבייטער האָבען די דאָזיגע שטיינער געפיהרט צום פּלאץ פון בנין. כדי צו קריגען די נויטיגע געהילץ האָט זיך שלמה געווענדט צום פעניצישען קעניג חירום, וואס זיין הויפּטשטאָדט צר האָט געהאט א שם פאר איהרע שעהנע געביידען. חירום האָט בעוויליגט צו געבען שלמה׳ן צעדערען־ און ציפּרעסען־בוימער פון די לבנון־וועלדער און זיי ברענגען צופיהרען מיט׳ן ים ביז יפה, דער נעהנטסטער האפען צו ירושלים. דרייסיג טויזענד אידען זיינען גענומען געווארען פיר קעניגליכער ארבייט, צו האקען וואלד אויפ׳ן בארג לבנון. זיי זיינען געווען צוטיילט אין דריי אבטיילונגען, צו צעהן טויזענד מאן אין יעדער. די אבטיילונגען האָבען געארבייט נאָך דער רייה: איין מאָנאט געארבייט און צוויי גערוהט. חירם האָט צוגעשטעלט דאס געהילץ אין יפו און האָט אויך געשיקט שלמה׳ן בוימייסטער און קינסטלערישע מויערער פון צר. פאר די

אלע טובות האָט שלמה געגעבען חירום'ן יעדען יאָהר, אז לאַנג ווי די ארבייט האָט געדויערט, א בעשטימטען סכום ווייץ, בוימאייל און וויין. ווען דער בוי־מאַטעריאַל איז שוין געווען אינגאַנצען פאַר־טיג, איז מען צוגעטראָטען צום בויען. דער בית־המקדש איז גע־בויט געוואָרען פון די שטיינערנע בלאָקען, און פון אינווייניג זיינען די ווענד בעדעקט געווען מיט ברעטער פון צעדער־האָלץ, אויף וועל־כע עס זיינען געווען אויסגעשניצט בלומען, פאַלמען־בוימער און כרובים. די גאַנצע שניצעריי אויף די ווענד איז געווען בעדעקט מיט גאָלד.



דער בית־המקדש.

דער בית המקדש האָט געהאַט צוויי אבטיילונגען: און אינ־ווענינסטע און אויסווענינסטע. די אינווענינסטע אבטיילונג איז געווען אין דעם סאַמע אבגעלעגטען, הינטערשטען חדר פון דער גע־ביידע און האָט זיך גערופען „דביר" אדער „קדשי קדשים". דאָ זיינען געשטאַנען צוויי כרובים פון בעגילטען איילבירט־האָלץ, און אונטער די צושפּרייטע פליגעל פון די כרובים איז געשטאַנען דער ארון־קדש. דאָ האָט אייביג געהערשט א געהיימניספולער האַלב־דונקעל. אין דער אויסווענינסטער אבטיילונג, וואס האָט געהייסען „מקדש" אָדער „היכל", האָבען זיך געפונען פאַהנען צו רויכערען קטרת, די מנורה, א טיש פאַר'ן הייליגען ברויט (לחם

הפנים), אַלץ פון ריינעם גאָלד געמאַכט. אין דער לענג פון דעם היכל האָט זיך געצויגען א שעהנע גאַלעריע מיט צוויי דיקע קור־פּערנע זיילען. פון דער דאָזיגער גאַלעריע איז געגאַנגען א ברייטער הויף, וועלכער איז געווען ארומגעצאַמט מיט א וואַנד. אין הויף האָבען זיך געפונען: א גרויסער קופּערנער מזבח, א קופּערנער האַנד־פאַס (כיור) פאַר די כהנים צו וואַשען די הענד, וועלכער האָט צוליעב זיין אונגעהויערער גרויס געהייסען: „דער קופּערנער ים“, און אַנדערע כלים צו די קרבנות.

דער דאָזיגער גרויסאַרטיגער בנין האָט זיך געבויט עטליכע יאָהר און איז געענדיגט געוואָרען ארום טויזענד יאָהר פאַר דער איצטיגער ערא. האָן האָבען זיך אָנגעהויבען די שמחות פון חנוכת הבית. אין דעם חודש תשרי, דער חודש פון ימים טובים, זיינען אין ירושלים אָנגעקומען א סך אידען פון אַלע עקען לאַנד. פאַר די אויגען פון פאָלק האָבען די כהנים אריינגעטראָגען דעם הייליגען ארון מיט די לוחות אין די קדשי־קדשים און עס אוועקגעשטעלט אונטער די פאַנאַנדערגעלאָזענע פליגלען פון די גאָלדענע כרובים. די זיילען רויך פון דעם געצונדענעם קטרת האָבען איינגעהילט דעם דאָזיגען חדר פון בית־המקדש אַזוי ווי אין א וואָלקען, און דער געדאַנק האָט זיך אריבערגעטראָגען צום ערשטען „וואוינאָרט פון גאָט“, צום טונקעלען און גראַנדיעזען באַרג סיני. דער קעניג האָט זיך געווענדעט מיט׳ן פּנים צום הייליגטום און האָט געזאָגט: „גאָט האָט בעשטימט צו וואוינען אין א געדיכטען וואָלקען. אָט האָב איך אויסגעבויט א הויז פאַר דיר, א פּלאַץ פאַר דיין אייביגער וואוינונג“. נאָכדעם איז דער קעניג מיט׳ן פאָלק אריבערגעגאַנגען אין די דרויסענדיגע חדרים פון דעם בית־המקדש און אויפ׳ן הויף, וואו עס איז געשטאַנען דער מזבח. דאָ איז אַלץ געווען פערגאָסען מיט א וואונדערליכען שיין פון די בעגילדעטע ווענד און זיילען און פון די פינקעלדיגע טהייערע כלים. די כהנים האָבען געפּראַוועט גאָטעסדיענסט און געבראַכט קרבנות, און די לויים האָבען געזונגען הייליגע ליעדער און געשפּיעלט אויף האַרפען. דאָס פאָלק איז געווען בעצויבערט פון אַלץ וואָס ער האָט געזעהן און האָט געקוקט מיט יראת־הכבוד אויף זיין נייעם גרויסאַרטיגען בית המקדש. עטליכע טעג האָבען געדויערט די פייערליכע

שמחות פון דעם חנוכת הבית, און נאכער איז זיך דאס פאלק צו־גאנגען און צופאהרען אהיים.

§62. **דער אויסוועניגסטער גלאנץ און די אינוועניגסטע אונארדנונג.** ווען דער בית־המקדש איז געווען פארטיג האט מען אנגעהויבען בויען דעם קעניגליכען פאלאץ. די פעניצישע מייסטער האבען אויסגעבויט פאר שלמה׳ן א פרעכטיגען פאלאץ, ניט ווייט פון בית־המקדש. דער קעניגליכער פאלאץ איז בעשטאנען פון עט־ליכע בנינים וואס זיינען געווען פעראייניגט איינער מיט דעם אנדערען. צום פאלאץ האט געפיהרט אן אלייע, וועלכע האט זיך גערופען דער „לבנון וואלד“, דען זי איז בעשטאנען פון צוויי לאנגע שורות צעדער־זיילען. דא איז געשטאנען די קעניגליכע וואך מיט שווערדען און מיט גאלדענע שילדען. אין דעם געריכטס־זאל („אולם־המשפט“) פון דעם פאלאץ איז געשטאנען דער קעניגליכער טראהן פון העלפאנדביין, מיט גאלדענע בעפוצונגען. דא פלעגט דער מלך משפט׳ן און אויפנעהמען פרעמדע שלוחים. ביי די זיי־טען פון דעם הויפט־פאלאץ זיינען געשטאנען צוויי בנינים, אין איינעם האט געוואוינט דער קעניג אליין, און אין דעם אנדערען — די הויפט־קעניגין, א טאכטער פון דעם עגיפטישען פרעה, מיט איהר סוויטע. אויסער דעם בית־המקדש און דעם פאלאץ, איז אין ירושלים אויסגעוואקסען א גאנצע צאל שעהנע געביידען, וואס זיינען אויסגעבויט געווארען פון די רייכע לייט פון ירושלים. די הויפטשטאדט פון דער אידישער מלוכה איז געווארען א בעלעבטע שטאדט מיט א סך גלאנץ. אין דער צייט פון די יעהרליכע ימים־טובים פסח און סוכות פלעגען זיך קיין ירושלים צוזאמענקומען מאַ־סען אידען פון אלע שטעדט, וועלכע פלעגען עולה רגל זיין אהער צו מתפלל זיין אין בית־המקדש און ברענגען קרבנות. רייכע סוחרים פלעגען פאהרען קיין ירושלים וועגען מסחר, און בעוואוסטע אויס־לענדער פלעגען קומען אנקוקען דעם בית־המקדש און די אנ־דערע מערקווירדיגע זאכען פון דער אידישער הויפטשטאדט.

איינמאל איז קיין ירושלים געקומען די מלכה פון שבא. א מלוכה אין דרום אראביען. זי האט זיך אנגעהערט וועגען שלמה׳ס גרויסער חכמה, און זי האט זיך געוואלט אליין איבערצייגען ווי ווייט די דאזיגע קלאנגען זיינען אמת. דער קעניג האט זי אויפגענו־

מען זעהר פֿריינדליך און האָט געענטפֿערט אויף אַלע איהרע פֿראַגען און רעטעניִשען. נאָך אַ לאַנגען שמועס מיט שלמה'ן איז די מלכה שבא אַזוי ענטציקט געוואָרען פֿון זיין חכמה, אַז זי האָט אויסגע־רופֿען: „דו ביזט אַ סך קליגער און רייכער, ווי מען האָט מיר דערצעהלט! גליקליך זיינען דיינע אונטערטאַנען, וועלכע קענען דיך שטענדיג זעהן און הערען דיין חכמה". זי האָט געשענקט דעם קעניג אַ סך גאָלד, טייערע שטיינער און דופֿטיגע געווירצען, און בעקומענדיג פֿון איהם אויך טייערע מתנות איז זי אַוועק צוריק אין איהר לאַנד.



מזבח.

אָבער צום סוף פֿון שלמה'ס קעניגען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ניט קוקענדיג אויפֿ'ן אויסוועניגסטען גלאַנץ פֿון דער אידישער מלוכה איז דאָך ניט דאָס גאַנצע פֿאָלק געווען צופֿריעדען און גליק־ליך: צו טייער האָט געקאָסט דעם פֿאָלק דער דאָזיגער אויסווע־ניגסטער פּראַכט. אַ קליינע צאָל סוחרים און האַנדעלסלייט זיינען רייך געוואָרען פֿון דעם מסחר, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין לאַנד, אָבער די גאַנצע מאַסע ערד־אַרבייטער האָט געלעבט אין אָרעמקייט. דאָס אַרבייטענדע פֿאָלק, וואָס איז שוין געווען פֿעראָרעמט געוועזען פֿון די געצוואונגענע אַרבייטען פֿאַר'ן בית־המקדש און די פּאַלאַצען,

האָט נאָך געקרעכצט אונטער דער לאַסט פון די שטענדיגע טאַקסען, וואָס זיינען אויף איהם ארויפגעלעגט געווארען כדי אויסצוהאלטען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. שלמה האָט צוטיילט דאָס לאַנד אויף צוועלף טייל און יעדער טייל האָט געמוזט א מאָנאַט אין יאהר אויסהאַלטען מיט עסענוואַרג די גרויסע קעניגליכע פאַמיליע און די בעאַמטע. דאָס פאָלק, געדריקט פון די שווערע צינזען, איז געווארען אונצופריעדען, און די פערשווענדעריי אין דעם קעניג'ס הויז איז אַלץ געוואַקסען. דער קלוגער שלמה האָט געדאַרפט מיט מעהר פערשטאַנד רעגירען דאָס לאַנד, אָבער אנשטאַט דעם האָט ער געלעבט מיט דעם געוועהנליכען לוקסוס פון א מזרח־הערשער. ער האָט געהאַט א סך ווייבער פון פרעמדע פעלקער: מצרי'שע, מואבי'שע און פעניצישע פרויען, און אויף אויסצוהאלטען זיי אלע האָט זיך געפאָדערט זעהר א סך געלד. דורך דעם איינפלוס פון שלמה'ס ווייבער האָבען די פעניציער און אנדערע פרעמדע איינוואוינער פון ירושלים געקענט דאָרט פריי אויפשטעלען מזבחות צו זייערע היידנישע געצען. דער קעניג אַליין פלעגט אפטמאָל ביי־וואוינען דעם געצענדיענסט פון זיינע פרעמדע פרויען. דאָס האָט געהאַט א שעדליכע ווירקונג אויף די מדות פון פאָלק און עס איז געווען א סכנה אז אין לאַנד זאָל זיך ווידער פערשפּרייטען דער פריהעריגער געצענדיענסט.

די נביאים האָבען געהאַט דעם מוט צו שטראָפען דעם קעניג פאַר זיין שלעכטער אויפפיהרונג און האָבען איהם פאַראויסגעזאָגט, אז זיין מלוכה וועט גיך צופאַלען ווערען. סמנים פון צופאַלונג האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען צו מערקען. איינער פון דעם קעניג'ס בעאַמטע ירבעם פון שבט אפרים, האָט זיך בענוצט מיט דער אונצופריעדענקייט וואָס האָט געהערשט צווישען די בני אפרים געגען שלמה'ן און האָט אויפגעהויבען א פאָלקס־אויפשטאַנד. איינמאָל האָט דער נביא אחיה השילני בעגעגענט ירבעמ'ן אין פעלד און האָט אָנגענומען זיין מאַנטעל און איהם צוריסען אויף צוועלף שטיק. צעהן שטיק האָט דער נביא געגעבען צוריק צו ירבעמ'ן און האָט געזאָגט: „נעהם די דאָזיגע צעהן שטיק: זיי בעדייטען צעהן שבטים פון אידישען פאָלק, וועלכע וועלען זיך אַברייסען פון דוד'ס שטאַם און וועלען אויסקלייבען דיך פאַר א מלך“. ערמוטיגט פון

דער דאָזיגער נבואה האָט ירבעם זיך גענומען גרייטען ארויסצוטרעטען אפען בראש פון די בני אפרים געגען שלמה המלך. ווען שלמה האָט זיך דערוואוסט וואס ירבעם האָט בדעה צו טהאָן האָט ער געשיקט זיין וואך מיט'ן בעפעהל צו טויטען איהם. דעמאָלט איז ירבעם אנטלאָפען קיין מצרים און האָט זיך דארט בעהאלטען ביז שלמה'ס טויט.

§63. די צושפאלטונג פון דער אידישער מלוכה. נאָך אן ערך פון פערציג יאָהר קעניגען איז שלמה געשטאָרבען. אויפ'ן טראהן האָט געדארפט ארויפגעהן זיין עלטסטער זוהן רחבעם. רחבעם האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין בעזונדערע מעלות: ער האָט ניט געהאט ניט דעם העלדענמוט פון דוד'ן, ניט די חכמה פון שלמה'ן. דער שבט יהודה און א טייל פון שבט בנימין, וועלכע זיינען געווען געטריי צו דוד'ס דינאסטיע, זיינען געווען גרייט גלייך צו ערקלערען רחבעמ'ען פאר א מלך, אבער די איבעריגע שבטים, און איבערהויפט דער שבט אפרים, האָבען זיך געקוויינקעלט. ווען ירבעם, וועלכער האָט זיך בעהאלטען אין מצרים, האָט דערהערט פון שלמה'ס טויט האָט ער זיך גלייך אומגעקעהרט אין זיין פאטערלאנד און האָט אונטערגעהאלטען אין דעם פאלק די אונצופריעדענקייט מיט דוד'ס דינאסטיע.

דעמאָלט האָבען זיך אין דער שטאָדט שכם, פון שבט אפרים, פערזאמעלט די עלטסטע פון אידישען פאלק, כדי צו בעראטען זיך וועגען דער ערוועהלונג פון דעם נייעם מלך. אהין איז אויך געקומען רחבעם. דאָס פאָלק, וואס איז געווען אונצופריעדען מיט די שווערע צינזען, וועלכע מען האָט אויף איהם ארויפגעלעגט פאר שלמה'ס צייטען, האָט בעשלאָסען צו פאָדערען פון דעם נייעם קעניג א פערלייכטערונג. די פאָרשטעהער פון פאלק, מיט ירבעמ'ן בראש, זיינען געקומען פאר רחבעמ'ן און האָבען איהם געזאגט: „דיין פאטער האָט ארויפגעלעגט אויף אונז א שווערע לאַסט; פערלייכטער אונז די דאָזיגע לאַסט און דעמאָלט וועלען מיר דיר דיענען". דער שטאָלצער רחבעם האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פון דער דאָזיגער פאָדערונג, נאָר ער האָט זיי צוגעזאגט אין דריי טעג ארום צו געבען אן ענטפער. ער האָט פעררופען זיינע יועצים צו הערען זייער מיינונג. די עלטערע ראַטגעבער, וועלכע האָבען נאָך

געדיענט פאר שלמה'ן, האבען פארגעלייגט רחבעמ'ן ער זאל נאכ־געבען און זאל בעווילינגען דעם פאלק די פערלייכטערונג, וואס ער פאדערט; אבער די אינגערע הויפלייט, וועלענדיג נושא חן זיין ביי דעם שטאלצען און הערשערישען קעניג, האבען איהם אן עצה געגעבען ער זאל אבזאגען דעם פאלק אין אלץ. רחבעם האט אנגענומען די עצה פון די יונגע. ווען אויפ'ן דריטען טאג זיינען צו איהם געקומען די פארשטעהער פון פאלק האט זיי רחבעם געזאגט די פאלגענדע גרויזאמע ווערטער: „מיין פאטער האט ארויפגעלעגט אויף אייך א שווערע לאסט, און איך וועל נאך פערגרעסערען די דאזיגע לאסט; מיין פאטער פלעגט אייך שטראפען מיט בייטשען און איך וועל אייך שטראפען מיט עקדישען" (בייטשען מיט העקלעך אויפ'ן עק). דער דאזיגער ענטפער פון דעם טיראנישען קעניג האט שטארק אויפגעבראכט די בני אפרים און זיי האבען אויסגערופען: „וואס איז צווישען אונז און דעם הויז פון דוד'ן? צוגעהט זיך איבער אייערע געצעלטען, אידען!" ירבעם האט זיך געשטעלט בראש די מורדים. רחבעם האט ארויסגעשיקט צום פאלק זיין הויפט־אויפזעהער איבער די צינזען ער זאל בערוהיגען די אונצופריעדענע, אבער דאס פאלק האט פערשטיינערט דעם פערהאסטען שטייער־זאמלער. רחבעם אליין האט זיך קוים געראטעוועט: ער איז אריינגעשפרונגען אין זיין רייטוואגען און איז אנטלאפען קיין ירושלים.

נאכדעם האבען צעהן אידישע שבטים: דער שבט אפרים און אלע שבטים פון צפון און עבר־הירדן, ערקלערט ירבעמ'ען פאר א קעניג. בלויז דער שבט יהודה און א טייל פון שבט בנימין זיינען געבליבען געטריי דעם הויז דוד און האבען אנערקענט רחבעמ'ן פאר זייער מלך. ווען רחבעם איז געקומען קיין ירושלים האט ער צוזאמענגענומען א גרויסען חיל פון די בני יהודה און בני בנימין און האט בעשלאסען צו געהן האלטען מלחמה מיט די אבגעפאלענע שבטים. נאר דער נביא שמעיה, א „געטליכער מאן", האט זיך געווענדט צום קעניג און צום פאלק מיט די ווערטער: „געהט ניט מלחמה האלטען מיט אייערע ברידער, די בני ישראל, נאר קעהרט זיך אום יעדער צו זיין היים ווארום דורך גאט'ס ווילען איז דאס אלץ געשעהן." די פערזאמעלטע קריעגסלייט זיינען זיך

צוגאַנגגען. אויף אַזאַ אופן איז דאָס גרויסע קעניגרייך פון דוד און שלמה זיך צופאַלען אויף צוויי בעזונדערע מלוכות: איינע, די קלענערע, האָט זיך אַנגערופען „מלכות יהודה", און האָט געהאַט אַ קעניג פון דוד'ס דינאַסטיע; און די אַנדערע, די גרעסערע, האָט זיך גערופען „אפרים" אדער „מלכות ישראל", און אויך די „עשרת השבטים", און האָט אַנערקענט פאַר איהר ערשטען קעניג ירבעם'ן פון שבט אפרים.

ניינטער קאַפּיטעל.

מלכות ישראל און יהודה אין דעם ערשטען יאָהר־הונדערט נאָך שלמה'ס טויט.

(830—977 פאַר דער קריסטל. צייטר.)

§64. **ירבעם און רחבעם.** אַז שלמה'ס מלוכה איז צוטיילט געוואָרען אין צוויי חלקים איז פערשוואונדען די איינינקייט פון אידישען פאָלק. די צוויי מלוכות האָבען געלעבט אַזוי ווי צוויי בעזונדערע פעלקער: ישראל און יהודה. די צעהן שבטים פון צפון, וועלכע האָבען געבילדעט די גרויסע מלוכה פון ישראל, האָבען זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון די שבטים אין דרום, וועלכע האָבען געבילדעט די קלענערע מלכות יהודה. די צפון'דיגע שבטים האָבען זיך פון לאַנג אָן אונטערשיידט פון די דרום'דיגע מיט זייערע זיטען און מנהגים, און נאָך דער צושאַפּלטונג האָבען די דאָזיגע אונטערשיידען נאָך אַנגעהויבען שטאַרקער ווערען. פריהער זיינען די בעזונדערע טיילען פון פאָלק געווען פעראייניגט דורך צוויי בענדער: דוד'ס דינאַסטיע און דעם אַלגעמיינעם בית־המקדש. דער ערשטער באַנד איז צוריסען געוואָרען ווען די צעהן שבטים האָבען זיך אַבגעזאַגט פון דוד'ס אייניקעל און האָבען אַנערקענט ירבעם'ן פאַר אַ קעניג. אין גיכען האָבען די אַבגעטיילטע שבטים צוריסען אויך דעם לעצטען באַנד: זיי האָבען זיך אַבגעזאַגט פון דעם בית־המקדש אין ירושלים און האָבען איינגעפיהרט אַ בעזונדער גאָטעסדיענסט.

בשעת רחבעם, דער מלך פון יהודה, האָט געלעבט אין ירושלים, האָט ירבעם, דער קעניג פון די צעהן אַבגעפאַלענע שבטים, געמאַכט



Copyright 1915 .Max N. Maisel Publisher

די צוויי אידישע מלוכות.

זיין הויפּטשטאָדט אין דער אפרימ׳שער שטאָדט שכם. אבער ירבעם איז ניט געווען רוהיג אויף זיין נייעם טראהן. ער האָט מורא גע־האט, אז ווען זיינע אונטערטאנען וועלען געהן דיענען גאָט קיין ירושלים, די הויפּטשטאָדט פון יהודה, קענען זיי נאָך צוריק אריבער אויף דער זייט פון רחבעמ׳ן, דעם געזעצליכען יורש פון דער מלוכה. דעריבער האָט ירבעם בעשלאָסען אינגאנצען אבצוציהען דאס פאלק פון דעם היילינגטום אין ירושלים. ער האָט גוט געוואוסט, אז דאס פּראסטע פּאָלק האָט ליעב צו דיענען אַ גאָט, וואס מען קען זעהן מיט די אויגען, און וויל האָבען זיינע היילינגע ערטער ניט ווייט פון זיך, אויף דעם נאָהנטסטען בערגעל אדער אין נאָהנטסטען וועלדעל. האָט ירבעם געלאזט אויסגיסען פון גאלד צוויי געשטאלטען פון אידישען גאָט און האָט זיי אוועקגעשטעלט אין צוויי שטעדט, וועל־כע האָבען זיך נאָך פון אלטע צייטען גערעכענט פאר היילינגע: איינעם אין בית־אל, אין דרום פון מלכות ישראל, און דעם אנדערען אין דן, אין צפון. די דאָזיגע גאָלדענע געשטאלטען פון גאט זיינען געווען — קעלבער, מסתמא דערפאר וואס ירבעם האָט געזעהן ביי די מצריים דעם מנהג פארצושטעלען זייער גאט אין דער פארמע פון אן אָקס (אפּיס). ירבעם האָט ערקלערט דעם פאלק: „גענוג אייך צו געהן קיין ירושלים; אָט איז די געשטאלט פון יענעם גאָט, וואָס האָט ארויסגעפיהרט די אידען פון מצרים“. אַ גרויסער טייל פון פאלק האָט זיך מיט פרייד געלאזט אין די נייע טעמפּלען. אזוי ווי די לויים, וואס זיינען געווען דער גייסטליכער שטאנד, האָבען ניט געוואָלט דיענען אין די נייע טעמפּלען האָט ירבעם דאָ געשטעלט כהנים פון פּשוט׳ן פאלק. אפּטמאָל, אין די גרויסע ימים טובים, פלעגט ער אליין טהאָן די ארבייט פון דעם כהן אין דעם טעמפּעל פון בית־אל. אויסער דעם האָט ער ערלויבט צו בויען מזבחות אויף די בערג, אזוי ווי עס האָט זיך געפיהרט אמאָל, אין דער צייט פון די שופטים. אויף אזא אופן האָט זיך אין דער מלוכה פון די עשרת השבטים פערשפּרייט דער געצענדיענסט. די לויים און יענע פון פאלק, וואס זיינען געבליבען געטריי דעם אידישען גאָט, פלעגען אוועקגעהן פון מלכות ישראל קיין ירושלים און ווערען אונטערטא־נען צו רחבעמ׳ן.

רחבעם האָט גע׳ירש׳עט די חסרונות פון זיין פאטער, אבער ער האָט ניט געהאט זיינע מעלות. די צייט פון זיין קעניגען איז ארי־

בעט אין אונרוהען. צווישען איהם און ירבעמ׳ן זיינען פארגעקומען שטענדיגע מלחמות. אויפ׳ן פינפטען יאהר פון רחבעמ׳ס קעניגען איז דער עגיפטישער מלך שישק אריינגעטראטען מיט א גרויסען חיל אין יהודה, האט איינגענומען עטליכע בעפעסטיגטע שטעדט און איז אריינגעדרונגען אין ירושלים. שישק, וועלכער האט נאר געדורשט נאך רויב, האט פערנומען די אוצרות, וואס האבען זיך געפונען אין בית המקדש און אין דעם קעניגליכען פאלאץ, און איז אוועק צוריק אין זיין לאנד. נאך דעם דאזיגען אנפאל האט רחבעם געקעניגט נאך צוועלף יאהר און איז געשטארבען (960). אין גיכען איז אויך געשטארבען ירבעם, וועלכער האט געקעניגט צוויי־און־צוואנציג יאהר (955).

נאך ירבעמ׳ס טויט האט זיך אין מלכות ישראל אנגעהויבען א צייט פון מהומות און מחלוקות. די מלכים האבען זיך שנעל געביטען, און איינער פלעגט ערמארדען זיין פארגענגער און מיט גוואלד פערכאפען די ממשלה. אין פערלויף פון פינף־און־צוואנציג יאהר האבען זיך אין מלכות ישראל געביטען פיער מלכים פון פערשיידענער אבשטאמונג (נדב, בעשא, אלה און עמרי). פון די שטענדיגע מחלוקות אינוועניג איז דאס לאנד אבגעשוואכט געווארען. דערמיט האט זיך בענוצט אסא, דער מלך פון יהודה, רחבעמ׳ס אייניקעל, און האט איינגענומען א סך שטעדט אין מלכות ישראל. נאך לאנגע מהומות איז די ממשלה אריינגעפאלען אין די הענד פון עמרי, וועלכער האט געמאכט א סוף צו די אונרוהען און האט געגרינדעט זיין דינאסטיע (928).

§65. עמרי און אחאב. עמרי, דער פינפטער קעניג פון ישראל נאך ירבעמ׳ן, האט זיך אויסגעבויט א נייע הויפטשטאדט, שומרון, ניט ווייט פון דער פריהערדיגער הויפטשטאדט שכם (927). פון דעמאלט אן איז שומרון אין פערלויף פון צוויי הונדערט יאהר געבליבען די הויפטשטאדט פון מלכות־ישראל, וועלכע האט זיך דעריבער אויך גערופען מלכות שומרון. דער ערשטער קעניג פון שומרון, עמרי, האט זיך קודם־כל בעמיהט איינצושטעלען רוה און ארדנונג אין לאנד, וואס איז געוועזען צוטרייסעלט פון די מהומות. ער האט ניט געפיהרט קיין מלחמות מיט יהודה, אזוי ווי זיינע פאר־

נענגער, נאָר פערקעהרט, האָט געשטרעבט צו שליסען מיט איהר א פריינדליכען בונד, כדי מיט פעראייניגטע כחות אבצושלאָגען די אנפאלען פון די דרויסענדיגע פיינד. דער דאָזיגער פריעדען צווי־שען די צוויי ברודער־פעלקער איז געווארען שטארק אין דער צייט פון די נאָהנטסטע מלכים נאָך עמרי. אין דער זעלבער צייט האָט דער קעניג פון שומרון געשלאָסען א צווייטען בונד, וואס האָט גע־האַט א גרויסע בעדייטונג פאר׳ן אידישען פאלק. עמרי האָט זיך בעפריינדעט מיט די הערשער פון דער שכנ׳ישער פעניציישער מלוכה, און האָט אפילו חתונה געמאכט זיין זוהן אחאב׳ן מיט איזבל, די טאָכטער פון דעם קעניג און כהן פון צר. די פעניציער האָבען זיך אנגעהויבען פריי בעזעצען אין די לענדער פון ישראל, און האָבען דארט ענטוויקעלט מסחר און האנדעל; נאָר אינאיינעם דערמיט האָבען זיי אהין געבראכט זייערע היידנישע מנהגים און מדות, וועלכע האָבען געהאט א שעדליכע ווירקונג אויף די אידען.

אז עמרי האָט זיך פערזיכערט מיט דער פריינדשאפט פון פעניציען און יהודה האָט ער זיך געווענדט געגען די דרויסענ־דיגע שונאים. ער איז ארוים מלחמה האלטען מיט די מואבים, זיינע שכנים אין מזרח־זייט, און האָט אָבגענומען ביי זיי א סך שטעדט. (וועגען דעם זאגט עדות א ניט לאנג געפונענע אויפ־שריפט פון דעם מואב׳שען קעניג מעשו אויף א שטיינערנעם דענקמאל פון דעם ניינטען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צ. ר.) די מואבים האָבען זיך אונטערגעגעבען און האָבען גע־צאלט דעם קעניג פון ישראל א יעהרליכען צינז. נאָר דעמאָלט איז געגען ישראל ארויסגעטראטען בן־הדד, דער קעניג פון ארם אָדער דמשק. עמרי האָט ניט געקענט ביישטעהן געגען די שטארקע ארמים, און איז געצוואונגען געווען צו שליסען מיט זיי פריעדען אויף שווערע תנאים. די האנדעלס־קאראוואנען פון די ארמים האָבען געקראָגען דאָס רעכט זיך אָבצושטעלען אין שומרון און אין אנדערע שטעדט פון מלכות ישראל.

עמרי איז געשטאָרבען אין עטליכע יאָהר ארום נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעבויט שומרון. אויפ׳ן טראהן איז ארויף זיין זוהן אחאב (901—922). אין אחאב׳ס צייט האָט מלכות שומרון דערגרייכט אזא אויסערליכען גלאַנץ, וואס זי האָט נאָך קיין מאָל ניט געהאט.

אחאב האָט אויפגעהאַלטען די נאָהנטע פריינדשאַפט פון די פעני־ציער און האָט זיי נאָכגעטהאָן אין אַ סך זאַכען. ער האָט זיך אויס־געבויט אין טאַל יזרעאל אַ נייעם פּרעכטיגען פּאַלאַץ, וועלכער איז געווען בעוואוסט צווישען פאָלק מיט'ן נאָמען „דאס הויז פון העל־פאַנדביין". די מנהגים און זיטען פון דער רייכער פעניציען האָבען זיך אַלץ מעהר פערשפּרייט אין מלכות ישראל, און צוזאמען מיט זיי האָט אויך אַריינגעדרונגען די עבודה זרה, וואָס איז געווען פרעמד דעם גייסט פון דער אידישער רעליגיאָן. דערצו האָט דער עיקר מיטגעהאָלפען אחאב'ס ווייב, די פעניציערין איזבל, אַ פרוי, וואס האָט ליעב געהאַט צו הערשען און וואס האָט בעזעסען אַ שטאַרקען ווילען. זייענדיג די טאָכטער פון דעם היידנישען כהן פון צר, האָט די קעניגין איזבל געשטרעבט מיט אַלע איהרע כחות אריבערצופלאַנצען אויפ'ן אידישען באָדען דעם געצענדיענסט און די לייכטע זיטען פון איהר פאַטערלאַנד. זי האָט זיך אַרומגע־רינגעלט מיט אַ סך פעניצישע פריסטער און פריסטערינס. אויף איהר פערלאַנג האָט אחאב אויסגעבויט אַ גרויסען טעמפּעל צום גאָט בעל, דעם פעניצישען זונען־גאָט. דאָ האָט זיך אויך געפונען אַ היילינגער בוים (אשרה) מיט אַ מזבח, לכבוד דער געטין אסטארטע (עשתרת). ביי דעם דאָזיגען טעמפּעל האָבען זיך געפונען עטליכע הונדערט פריסטער. אויך אין שומרון און אין אנדערע שטעדט האָט מען, צוזאמען מיט די מזבחות פאַר'ן אידישען גאָט, געבויט אויך מזבחות פאַר געצענדיענסט. דאָס אונוויסענדע פאָלק האָט זיך געבוקט אי צום אידישען גאָט אי צום בעל, און האָט גאָרניט געזעהן קיין סתירה דערין. בלויז אַ קליינער טייל פון פאָלק איז גע־בליבען געטריי דעם ריינעם אידישען גלויבען.

די נאַטספּאַרכטיגע מענשען, וואָס זיינען געבליבען געטריי משה'ס לעהרע, פלעגען אפט אַרויסטרעטען מיט דונערנדע שטראָף־רייד געגען דעם פאַלשען און פאַרדאַרבענעם געצענדיענסט. די דאָזיגע פּרעדיגער און לעהרער האָט דאָס פאָלק אָנגערופען „נביאי־יהוה", צו אונטערשיידען זיי פון די היידנישע כהנים, וואָס האָבען זיך גערופען „נביאי־הבעל". די מלכה איזבל האָט שרעק־ליך גע'רודפ'ט די נביאי־יהוה. זי האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו טויטען די אַלע פערטיידיגער פון דער אַלטער אידישער אמונה. אַ



דער טאָל פון ירדן.

סך נביאים זיינען אומגעקומען, אנדערע זיינען אנטלאפען און זיך בעהאלטען אין הייהלען און פעלזען־שפאלטען, וואוהין זייערע אנ־הענגער פלעגען בשתיקה זיי ברענגען שפייז. דער פערוואלטער פון קעניגליכען פאלאץ, עובדיה, האט בעהאלטען אין א הייהל הונדערט נביאים און פלעגט זיי צושטעלען אהין שפייז און וואסער און קיינער אין הויף האט דערפון ניט געוואוסט.

§66. אליהו הנביא. צווישען די נביאי יהוה, וועלכע האבען זיך געראטעוועט פון איזבל'ס צארן, איז געווען א בעגייסטערטער מאן מיט'ן נאמען אליהו („מיין גאט איז ה' "), א געבירטיגער פון דער שטאדט תשבי אין גלעד. דאס ריינע הארץ פון אליהו איז שטארק אויפגעבראכט געווארען פון די שלעכטע מעשים וואס זיינען פאר־געקומען ארום איהם. פלעגט ער זיך פלוצלונג בעוויזען אין שומרון און מיט פלאמענדע ווערטער פערדאמען די זינד פון דעם קעניג און פאלק, און פלוצלונג פלעגט ער פערשווינדען אין דער וויסטעניש, אנטלויפענדיג פון די פערפאלגונגען. מיט זיין אויסזעהן און מיט זיין ארט לעבען האט אליהו געצויגען אויף זיך אלעמענס אויפ־מערקזאמקייט: ער פלעגט טראגען א גראבען הארענעם מאנטעל, האט זיך פערלאזט לאנגע האר, פלעגט מעהרסטענטייל ניט עסען קיין פלייש און ניט טרינקען קיין וויין, און האט בכלל געהאסט פערגעניגענס און בעקוועמליכקייטען. פיעלע האבען איהם גערע־כענט פאר א הייליגען, וואס קען בעווייזען נסים. מען פלעגט דער־צעהלען, אז ווען אליהו האט זיך אויפגעהאלטען אין א וויסטען ארט נעבען ירדן, פלעגען ראבען איהם ברענגען שפייז יעדען טאג, אין דערפריה און פארנאכט. און אנדער לעגענדע דערצעהלט, אז אליהו האט געוואוינט ביי אן ארעמער אלמנה און האט צוריק צום לעבען געבראכט איהר קליינעם זוהן, וואס איז שוין געווען געשטארבען פון א שווערער קראנקהייט.

האבענדיג א שם פאר א הייליגען מאן האט אליהו אפט גע־וואגט צו זאגען דעם ביטערען אמת אין די אויגען אפילו דעם קעניג אליין. דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישען דעם קעניג און דעם נביא איז פארגעקומען דורך פאלגענדער סבה. נלייך מיט אחאב'ס פא־לאץ אין טאל יזרעאל איז געשטאנען א פרעכטיגער וויינגארטען, וואס האט געהערט צו א דארטיגען איינוואוינער מיט'ן נאמען נבות. דער מלך האט געוואלט פערפלאנצען א סאד ארום זיין פא־

לאַץ, האָט ער געבעטען נבות'ן ער זאָל איהם אָבלאָזען זיין וויינ־גאָרטען. אבער נבות האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט דער ירושה פון זיינע עלטערען, וואס איז איהם זעהר טהייער געווען. דאָס האָט אחאב'ן אזוי פיעל צער פערשאַפט, אז ער האָט זיך אריינ־געלעגט א קראנקער אין בעט און האָט אויפגעהערט עסען. דער־מאָלט האָט די בייזע איזבל געדונגען צוויי פאַלשע עדות, וועלכע האָבען געמאכט א בלבול אויף נבות'ן, אז ער האָט געלעסטערט גאָט און דעם קעניג. דאס געריכט האָט פער'משפט נבות'ן צום טויט פאַר זיין כלומר'שטען פארברעכען, און זיין שעהנער וויינגאָרטען איז אָנגעקומען דעם קעניג. ווען אליהו האָט דערהערט וועגען דער דאָזיגער רציחה איז ער געקומען צו אחאב'ן און האָט מיט צאָרן אויסגעשריען: „דו האָסט גע'הרג'עט א מענשען און דו ירש'עסט נאָך זיין פארמעגען! דעריבער הער וואס גאָט האָט געזאָגט: אויף יענעם פּלאַץ, וואו די הינד האָבען געלעקט דאָס בלוט פון נבות'ן, וועלען זיי לעקען דאָס בלוט פון דיר און פון דיין הויזגעזינד". און גלייך דערויף איז דער נביא פערשוואונדען. אין אָנהויב האָט דער מלך חרטה געהאַט, נאָר דערנאָך האָט ער אינגאַנצען פארגע־סען אליהו'ס ווערטער.

אין גיכען איז אויפ'ן לאַנד שמרון געקומען א גרויס אומ־גליק: דריי יאהר איז ניט געגאַנגען קיין רעגען, די תבואה אויף די פעלדער איז ניט צייטיג געוואָרען און דאס פאָלק האָט געהונגערט. אין יענער צייט האָט זיך אליהו בעגעגענט מיט אחאב'ן אין וועג. ווען דער קעניג האָט איהם דערזעהן האָט ער אויסגערופען: „ביסטו עס דער שולדיגער אין ישראל'ס אומגליק?" און אליהו האָט גע־ענטפערט: „ניט איך בין שולדיג אין ישראל'ס אומגליק, נאָר דו און דיין פאַמיליע, ווארום איהר האָט עובר געווען אויף גאָט'ס גע־באָטען און זענט אוועק דיענען די בעלים". און ער האָט ערקלערט דעם קעניג, אז אנדערש וועט ניט נעהמען א סוף צו די ליידען סיי־דען מען וועט פריהער שטילען דעם צאָרן פון גאָט. „לאָז מיר — האָט אליהו געזאָגט — צוזאמענרופען אלע כהנים פון בעל אויפ'ן בארג כרמל, און איך וועל דאָרט ווייזען דעם פאָלק ווער איז דער אמת'ער גאָט: יהוה אָדער בעל." דער מלך האָט געטהאָן ווי אליהו האָט פערלאַנגט.

און עס האָבען זיך פערזאמעלט אויפ'ן כרמל אלע כהנים פון בעל, אין צאָל פון 450 מענשען, און א גרויסע מאסע פון פאָלק; אליהו און אחאב זיינען דאָ אויך געווען. מען האָט אויפגעשטעלט צוויי מזבחות: איינעם פאר בעל און דעם אנדערען פאר ה'. און אליהו האָט געזאגט צו די כהנים פון בעל: „זאָל מען אונז געבען צוויי קעלבער: איינע שעכט איהר, און לעגט ארויף אויף אייער מזבח, אויף די האָלץ, נאָר קיין פייער לעגט ניט אונטער; און די אנדערע וועל איך אוועקלעגען אויף מיין מזבח, אויף די האָלץ, און וועל אויך קיין פייער ניט אונטערלעגען. איהר רופט צו אייער גאָט און איך וועל רופען צו מיינעם. און יענער גאָט, וואס וועט ארונטערשיקען א פייער אויף זיין קרבן וועט אנערקענט ווערען פאר'ן אמת'ן גאָט." די כהנים האָבען געטהאָן אזוי ווי אליהו האָט געזאָגט. זיי האָבען אנידערגעלעגט זייער קרבן אויפ'ן מזבח און פון פריהמאָרגען ביז בייטאָג האָבען זיי געשריען: „בעל, בעל, דער־הער אונז!" אבער קיין פייער האָט זיך ניט געוויזען. און אליהו האָט זיך געריצט מיט זיי און געזאָגט: „רופט העכער אייער גאָט; אפשר איז ער פערנומען, ער געפינט זיך אין וועג אדער ער שלאָפט; שרייט העכער וועט ער זיך אויפכאפען." די כהנים האָבען גענומען נאָך שטארקער צו שרייען, זיי האָבען ווילד געטאנצט ארום דעם מזבח און האָבען זיך אזוי צוהיצט, אז זיי האָבען אָנגע־הויבען שניידען און דראפען זיך דאָס לייב ביז בלוט, אָבער בעל איז געבליבען טויב און שטום. דעמאָלט, דערצעהלט דער תנ"ך, האָט אליהו ארויפגעלעגט זיין קרבן אויפ'ן מזבח פון ה' און האָט אָנגעהויבען מתפלל זיין: „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב! זאלען אלע איינזעהן, אז דו ביסט גאָט און איך בין דיין דיענער, און אז אין דיין נאָמען רייד איך און טהו אלץ. ענטפער מיר, גאָט, ענט־פער!" ווי נאר אליהו האָט ארויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער האָט זיך אויפ'ן הימעל בעוויזען א שווארצער וואָלקען, עס האָט א בליץ געטהאָן א בליץ און האָט פארברענט דעם קרבן מיט די האָלץ אויפ'ן מזבח פון יהוה. דערזעהענדיג דאָס, איז דאָס פערזאמעלטע פאָלק שטארק אויפגעבראכט געווארען אויף די כהנים פון בעל און האָט זיך אויף זיי ארויפגעווארפען און זיי אלע געטויט.

דערווייל האָט זיך דער שטורם געשטארקט און עס האָט א

נאָט געטהאָן אַ גרויסער רעגען; די פעלדער זיינען אבגעפרישט געוואָרען און די תבואה איז גוט געראָטען. נאָך דער געשיכטע אויפ'ן כרמל איז אחאב גרייט געווען צו מאכען שלום מיט אליהו'ן, נאָר ווען די בלוט־דורשטיגע איזבל האָט זיך דערוואוסט פון דאָס וואָס איז געשעהן, האָט זי זיך פערשוואָרען צו טויטען אליהו'ן דערפאַר, וואס ער האָט אומגעבראַכט איהרע כהנים. אליהו איז אנטלאָפען אין יהודה און פון דאָרט — אין מדבר; דאָ האָט ער זיך דערשלאָגען צום הייליגען בארג חורב (סיני).

דער תנ"ך דערצעהלט, אז ווען אליהו האָט גענעכטיגט אין אַ הייהל אין בארג סיני, האָט ער דערהערט גאָט'ס קול: „וואָס טהוסטו דאָ, אליהו?" און אליהו האָט געענטפערט: „איך האָב זיך אָנגענומען פאַר דיר, גאָט, ווארום די קינדער פון ישראל האָבען פערלאַזט דיינע געבאָטען, האָבען צושטערט דיינע מזבחות און געטויט דיינע נביאים". דאן האָט גאָט צו איהם געזאָגט: „געה ארויס און שטעל זיך אויפ'ן בארג!" און אליהו האָט אזוי געטהאָן. און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ שרעקליכער שטורם, וואס האָט געמאכט צו ציטערען דעם גאנצען בארג, אבער גאָט האָט זיך ניט בעוויזען צום נביא אין דעם דאָזיגען שטורם. דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ דונער, עס האָט זיך בעוויזען פייער, נאָר ניט אין דונער און ניט אין בליץ איז געווען גאָט. ענדליך איז אלץ רוהיג געוואָרען און אין דער לופט האָט זיך דורכגעטראָגען אַ שטילער וועהען. און אין דעם דאָזיגען שטילען וועהען האָט אליהו דערפיהלט די אנוועזענהייט פון גאָט. דעמאָלט האָט ער פערשטאַנען, אז גאָט איז ניט אין בלוטיגען קאמפף, נאָר אין פריעדליכער, רוהיגער ארבייט.

§67. די מלחמות מיט די ארמים. די לעצטע יאָהרען פון אחאב'ס קעניגען זיינען אריבער אין מלחמות מיט די ארמים. דער ארמי'שער קעניג בן־הדד דער צווייטער, וואס זיין הויפּטשטאָדט איז געווען דמשק, איז געוואָרען זעהר מעכטיג: ער האָט געהאט אַ גרויס חיל, אַ סך פערד און קריעגס־וועגען. און די קליינע ארומיגע מלכים האָבען איהם געצאָלט צינז. און בן־הדד'ן האָט זיך פערוואָלט אונטערטעניג מאכען אויך דאָס לאנד ישראל. איז ער געקומען אהין מיט אַ גרויסען חיל, האָט בעלאַגערט די

הויפטשטאָדט שמרון און געפאדערט, אז אחאב זאָל מיט גוטען אנערקענען זיין איבערהערשאפט. אחאב האָט צונויפגערופען זיי־נע יועצים און אויף זייער עצה האָט ער צוריקגעוויזען בן־הדד'ס פאָדערונג. דער ארמי'שער קעניג האָט צאָרניג אויסגערופען: „איך שווער, אז די גאנצע ערד פון שמרון וועט ניט קלעקען ווען מיינע קריעגסלייט וועלען זי צונעהמען הויפענווייז." דערויף האָט אחאב איהם געלאָזט ענטפערען: „זאָל זיך ניט באריהמען דער וואס טהוט אן דעם גארטעל (פאר דער שלאכט) ווי יענער וואס טהוט איהם אויס (נאָך דער שלאכט)". און אחאב איז מיט א קליינער אבער העלדישער מחנה אָנגעפאלען אויף דעם לאגער פון די ארמים גראדע דעמאָלט ווען זייער קעניג האָט געהוליעט מיט זיינע פער־בינדעטע פירשטען. די ארמים זיינען איבערראשט געוואָרען פון דעם אומגעריכטען איבערפאל און זיינען אנטלאָפען, און בן־הדד האָט זיך קוים געראטעט אויף זיין פלינקען פערד.

אין א יאהר ארום זיינען די ארמים ווידער געקומען אין לאנד פון ישראל. אבער דאָס מאָל האָבען זיי געקראָגען נאָך א גרעסע־רע מפלה. פערלירענדיג זיין חיל האָט בן־הדד זיך אונטערגעגעבען צו אחאב'ן און איהם געבעטען ער זאָל איהם שענקען דאָס לעבען. אחאב האָט זיין שונא פריינעלאָזען, אבער ער האָט פון איהם גענו־מען א פערשפרעכען, אז ער וועט אומקעהרען צו די אידען די שטעדט, וואס די ארמים האָבען אמאָל ביי זיי צוגענומען. אבער דער ארמי'שער קעניג האָט זיין הבטחה ניט געהאלטען. דעמאָלט האָט אחאב גערופען צו הילף זיין פערבינדעטען, דעם קעניג פון יהודה, און זיי האָבען בעשלאָסען ביידע צו געהן מלחמה האלטען מיט די ארמים אין דער שטאָדט רמות אין גלעד.

קעניג אין יהודה איז דעמאָלט געווען רחבעמ'ס אור־אייניקעל, יהושפט דער זוהן פון אסה (895—918). אין זיין צייט איז יהודה געוואָרען א שטארקע און רייכע מלוכה. יהושפט האָט אויסגעבויט א סך פעסטונגען אין זיין לאנד און האָט פארגרעסערט זיין חיל. די ארומיגע פעלקער, די אדומים און אראבער, האָבען איהם גע־צאָלט צינז. יהושפט האָט אויך געשטרעבט צו פערשטארקען אין פאָלק דעם אמת'ן גלויבען און גוטע מדות. ער האָט בעשטימט די לויים צו לערנען די אידען די חוקים פון דער אמונה, וועלכע

האָבען זיך אויפגעהיט אין הייליגע ספרים אדער בעל־פה. פונ־דעסטוועגען איז דער ריינער גלויבען נאָך געווען שוואַך אין פאָלק. א סך זיינען ניט נעגאנגען אין בית המקדש אין ירושלים און האָבען געדיענט צו גאָט אויף מזבחות, וואס זיי האָבען געבויט אויף די שפּיצען בערג, אזוי ווי די געצענדיענער. יהושפט אליין, ניט קוק־קענדיג אויף זיין פרומקייט, איז געווען בעפריינדעט מיט דעם זינ־דיגען אחאב. די מלכים פון יהודה און ישראל האָבען זיך אפילו מתחתן געווען: עתליה, די טאָכטער פון אחאב און איזבל, איז גע־וואָרען די פרוי פון יהושפט'ס זוהן יהורם. ווען אחאב האָט פאַר־געלעגט יהושפט'ן, אז זיי זאָלען געהן צוזאמען מלחמה האלטען מיט די ארמים האָט דער קעניג פון יהודה געענטפערט: „מיין פאָלק איז דיין פאָלק, און מיינע פערד זיינען דיינע פערד." יהושפט אליין איז געפאָהרען קיין שמרון. ביידע מלכים האָבען זיך גענו־מען גרייטען אין קריעג. די חנפ'עדיגע נביאים פון הויף האָבען זיי פאראויסגעזאָגט א נצחון. נאר מכיהו, א שטרענגער נביא פון ה', וועלכען יהושפט האָט געהייסען פרעגען, האָט געזאָגט: „איך זעה אלע בני ישראל צושפּרייט איבער די בערג אזוי ווי שאָף אָהן א פאסטוך." די דאָזיגע שלעכטע נבואה האָט אחאב'ן אריינגע־בראכט אין כעס און ער האָט געהייסען מכיהו'ן איינשפּאַרען אין תפיסה.

באלד נאָכדעם זיינען די פעראייניגטע ארמעען מיט זייערע מלכים אוועק אין קריעג קיין רמות. דאָ איז פאָרגעקומען א בלו־טיגע שלאכט. בן־הדד האָט בעפעהלען זיינע שיסער זיי זאלען ציעלען דער עיקר אין דעם מלך פון ישראל. אחאב האָט זיך איבערגעטהאָן, כדי די שונאים זאָלען איהם ניט דערקענען; נאָר איינער פון די ארמי'שע שיסער האָט געטראָפען מיט זיין פייל אין אחאב'ן, וועלכער איז געשטאַנען אין זיין רייטוואָגען. דעם פערוואונדעטען קעניג האָט מען אוועקגעפיהרט פון שלאכטפעלד, אבער אויפ'ן וועג איז ער אבגעגאנגען מיט בלוט און אין אבענד איז ער געשטאָרבען. דאן האָט זיך אין חיל דערהערט דער רוף: „זאָל יעדערער זיך אומקעהרען אין זיין לאנד און אין זיין שטאָדט." יהושפט האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין ירושלים און אחאב'ס קער־פער האָט מען געבראכט קיין שמרון אין א פארבלוטיגטען רייט־

וואגען. ווען מען האָט דעם רייטוואָגען ארומגעוואשען אין דעם טייכעל נעבען פאלאץ, האָבען די הינד געלעקט דאָס בלוט פון דעם אומגעקומענעם מלך. דאָס איז געווען אויפ'ן זעלבען ארט, וואו דעם קעניג'ס דיענער האָבען אמאָל געטויט דעם וויינגערטנער נבות, און האָס פאָלק האָט אין דעם געזעהן די פערווירקליכונג פון אליהו'ס נבואה.

§68. אחאב'ס קינדער. אלישע הנביא. אין עטליכע יאהר ארום נאָך אחאב'ס טויט איז געשטאָרבען אויך אליהו הנביא. נאָך פריהער האָט אליהו אויסגעקליבען פאר זיין נאָכפאָלגער דעם יונגען דאָרפסמאַן אלישע. איינמאָל איז אלישע געווען אויף זיין פאטער'ס פעלד און געאקערט מיט אָקסען. איז געקו־מען צו איהם אליהו און האָט אויף איהם ארויפגעווארפען זיין מאנ־טעל. דאָס איז געווען א סימן אז מען ווערט געהייליגט פאר א נביא און אלישע איז אוועק נאָך אליהו'ן און איז געווארען זיין תלמיד און האָט איהם בעדיענט. נאָכ'ן טויט פון זיין גרויסען רבי'ן האָט אלישע צוערשט געלעבט איינזאם אויפ'ן בארג כרמל, נאָר אין גיכען האָבען די געשעהענישען אין מלכות ישראל איהם געצוואונגען ארויסצוקומען פון זיין איינזאמקייט און אנטייל נעה־מען אין געזעלשאפטליכען לעבען. אלישע האָט געווירקט אין דער צייט פון יורם, דער זוהן פון אחאב. יורם האָט ניט אבגעשאפט דעם געצענדיענסט און אויך ניט בעזייטיגט די אנדערע אונארדנונ־גען אין דעם אינוועניגסטען לעבען פון דער מלוכה, וואס האָבען זיך איינגעווארצעלט אין דער צייט פון אחאב. זיין מוטער איזבל האָט נאָך געלעבט און האָט נאָך אלץ געהאט אן איינפלוס אויף די ענינים פון דער מלוכה. די גאנצע צוועלף יאהר וואס יורם האָט געקעניגט זיינען פאריבער אין מלחמות מיט די מואבים און ארמים.

אין יענער צייט איז מלכות יהודה אויך אוועק אין די טריט פון מלכות ישראל. דער זוהן און יורש פון יהושפט, יהורם, האָט זיך געלאָזט פיהרען פון זיין פרוי עתליה, די טאָכטער פון איזבל און אחאב. די קעניגין עתליה האָט איינגעפיהרט פעניצישע אָרד־נונגען אין ירושלים מיט דער זעלבער איבערגעבענקייט וואס פריהער איהר מוטער איזבל אין שמרון. ווען יהורם איז געשטאָרבען און זיין יונגער זוהן אחזיהו איז געווארען קעניג האָט ער אין אלץ גע־

פאָלגט זיין מוטער עתליה און זי האָט געטהאָן אין יהודה וואס זי האָט געוואלט. מיט טיעפען צער האָט דער נביא אלישע צוגע־זעהן ווי עס ווערען פערדארבען די מדות איןביידע מלוכות. ער האָט פערשטאַנען אז כל־זמן עס וועט הערשען דאס הויז אחאב וועט אונמעגליך זיין אבצוגעוועהנען די אידען פון די היידנישע זי־טען. אלישע האָט דעריבער בעשלאָסען צו מאכען אן איבערקע־רעניש אין מלכות ישראל, מיט׳ן צוועק אוועקצונעהמען די הער־שאפט פון אחאב׳ס דינאסטיע.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען א נייע מלחמה צווי־שען די אידען און די ארמים. נעבען רמות גלעד האָבען זיך די פיינדליכע ארמעען צוזעגט מיט זייער לאגער איינע אנטקעגען דער אנדערער. דאָ האָט אויסגעבראכען א הייסער קאמפף. אין איין שלאכט איז יהורם פערוואונדעט געוואָרען פון א פייל. איז ער אוועקגעפאהרען אין יזרעאל זיך צו היילען און בראש פון דער אר־מעע האָט ער איבערגעלאָזט דעם קריעגספיהרער יהוא, וועלכער איז געוועזען אן ענטשלאָסענער מענש און האָט ליעב געהאט כבוד. דם דאָזיגען קריעגספיהרער האָט אלישע אויסגעקליבען אלס גע־צייג אין זיינע הענד צו פערניכטען אחאב׳ס דינאסטיע.

§69. דער אונטערגאַנג פון הויז אחאב. יהוא. ווען יהוא, דער קריעגספיהרער פון אידישען חיל, האָט זיך געפונען אין לאגער נעבען רמה האָט אלישע הנביא געשיקט צו איהם איינעם פון זיינע תלמידים מיט א געהיימער שליחות. דעם נביא׳ס שליח איז אָנגעקומען אין לאגער, האָט ארויסגערופען יהוא׳ן פון צווישען אלע קריעגספיהרער, און איז מיט איהם אוועק אין אן אָבגעלעגטען געצעלט. דאָ האָט דער שליח גענומען א כלי מיט בוימאייל, האָט געזאלבט יהוא׳ס קאָפּ און געזאָגט: „אין דעם נאָמען פון גאָט ער־קלער איך דיך פאר׳ן מלך פון ישראל. פערטיליג אחאב׳ס זינ־דיגע פאמיליע און זיי זיך נוקם פאר דעם בלוט פון די נביאים וואס זי האָט פארגאָסען." ווען יהוא איז ארוים צו זיינע קריעגסלייט און האָט זיי דערצעהלט וואס עס איז געשעהן האָבען זיי גענומען שאַלען אין שופרות און שרייען: „לעבען זאָל דער קעניג יהוא!" האָט חיל האָט זיך אָנגעשלאָסען אן זיינע פיהרער און האָט אנערקענט דעם נייעם קעניג. יהוא האָט באלד גענומען אן אבטיילונג קריעגס־

לייט און איז שנעל אוועק אין יזרעאל, ארונטערצואווארפען יורמ׳ן פון טראָהן.

אין יענער צייט איז ביי יורמ׳ן געווען צו גאסט זיין פּלימעניק אחזיה, דער קעניג פון יהודה. יורם איז צוזאמען מיט אחזיה׳ן ארויסגעפאהרען בעגעגנען זיין קריעגספיהרער און ווען ער האָט איהם דערזעהן פון ווייטענס האָט ער איהם געפרעגט: איז אלץ בשלום, יהוא? נאָר יהוא האָט געענטפערט גראָב: „ווי קען זיין שלום ביי דער אויסגעלאסענקייט און דעם כשוף־טרייבען פון דיין מוטער איזבל?“ יורם האָט פערשטאַנען אז יהוא טראָגט שלעכטס איז זיין הארצען און ער האָט אויסגערופען: א פעררעט, אחזיהו! און ער האָט געהייסען פארקירעווען זיין רייטוואגען צוריק און ביידע מלכים זיינען אנטלאָפען. נאָר יהוא האָט זיי נאָכגעשאָסען א פייל און יורם איז געפאלען טויט אין זיין רייטוואגען. אחזיה, דער מלך פון יהודה, איז אויך שטארק פערוואונדעט געווארען; ער איז דערפאָהרען ביז דער שטאָדט מגידו און איז דאָרט געשטאָרבען. ווען יהוא האָט גע׳הרג׳עט יורמ׳ן איז ער אוועק אין דעם פאלאץ אין יזרעאל, וואו עס האָט געוואוינט דעם קעניג׳ס מוטער איזבל. דערזעהענדיג איהם דורכ׳ן פענסטער, האָט זי צו איהם אויסגעשרי־ען: וואס מאכסטו, קעניג־מערדער? דער צורייצטער יהוא האָט בעפעהלען די הויפדיענער ארויסצושלעפּען איזבל׳ן אויפ׳ן גאס און צוטרעטען זי אונטער די קאָפּיטעס פון די פערד. נאָכהער האָט ער געשיקט א בעפעהל קיין שמרון צו הרג׳ענען אלע איבעריגע מיטגליעדער פון אחאב׳ס פאמיליע, אין צאָל פון זיבעציג פערזאָן. די דערשראָקענע בעאמטע פון שמרון האָבען באלד דערפילט דעם דאָזיגען בעפעהל און האָבען אָבגעשיקט צו יהוא׳ן אין קערב די אָבגעהאקטע קעפּ פון דער קעניגליכער פאמיליע. נאָך דער דאָזיגער שרעקליכער נקמה איז יהוא אריינגעטראטען אין שמרון און האָט פארנומען דעם קעניגליכען טראָהן.

דאן האָט זיך יהוא גענומען צו אויסראטען דעם בעל־דיענסט פון מלכות־ישראל. פאר דיזען צוועק האָט ער זיך פון אנפאנג פארשטעלט פאר א געצענדיענער און האָט ערקלערט: „אחאב האָט געדיענט צו בעל ווינציג, אבער יהוא וועט איהם דיענען א סך.“ דאן האָט ער צוזאמענגערופען אין דעם טעמפּעל פון בעל

אסטרתא

דגון

בעל



אפּיס

פארצייטיגע סעמיטישע אבגעטער

אלע זיינע כהנים און אנהענגער. זיי זיינען אלע געקומען, ניט האבענדיג קיין שום חשד. אבער ווי נאר דער טעמפעל האט זיך אנגעפילט מיט די דיענער פון בעל האט יהוא ארומגערינגעלט די געביידע מיט א וואך, און האט בעפעהלען זיינע לייבוועכטער אויס־צו׳הרג׳נען מיט׳ן שווערד אלע וואס האבען זיך דארט געפונען. נאכדעם האבען דעם קעניג׳ס דיענער ארויסגעשלעפט פון טעמפעל דעם געץ בעל און האבען איהם פארברענט. זיי האבען חרב גע־מאכט דעם טעמפעל און דעם מזבח פון בעל און אלע געצענביל־דער, וואס האבען זיך דארט געפונען, און האבען פון אלע א תל געמאכט (886). דער פעניצישער געצענדיענסט איז פערבאטען געווארען אין לאנד. דאך האט האם דיענען צו די קעלבער אין בית־אל און דן ניט אויפגעהערט, פונקט ווי אין די צייטען פון ירבעם, ווארום דאס פראסטע פאלק האט אין זיי געזעהען די גע־שטאלט פון דעם אידישען גאט.

§70. עתליה. אין דער צייט וואס יהוא האט מיט אזא גרויזאמקייט פערטיליגט אחאב׳ס שטאם אין מלכות ישראל, האט אחאב׳ס טאכטער, עתליה, געהערשט אין מלכות יהודה. נאך דעם טויט פון איהר זוהן אחזיה, וואס איז גע׳הרג׳עט געווארען אין יזרעאל, האט עתליה בעגאנגען אין ירושלים א שרעקליכע טהאט. זי האט געלאזט אויס׳הרג׳ענען א סך מיטגליעדער פון דוד׳ס דינאסטיע און האט דעספאטיש געהערשט אין לאנד. זעקס יאהר האט עתליה געקעניגט אין ירושלים. זי האט אנגעפילט יהודה׳ס הויפטשטאדט מיט בילדער פון בעל און עשרת, האט אויסגעבויט א בעזונדערען מזבח צו בעל, און האט דארט אוועקגעשטעלט פאר א כהן א געוויסען מתי, פון די לויים. א סך בעריהמטע פאמיליען פון יהודה זיינען געשטאנען אויף דער זייט פון דער קעניגין און האבען אנטייל גענומען אין דעם געצענדיענסט. אבער די בעסערע מענשען אין לאנד זיינען געווען אויפגעבראכט פון עתליה׳ס אונ־געזעצליכע מעשים.

בראש פון די אונצופריעדענע האט זיך געשטעלט דער כהן גדול יהוידע, וועלכער האט געהאט פאר א ווייב יהושבע, די שוועס־טער פון דעם גע׳הרג׳עטען קעניג אחזיה. ווען עתליה׳ס דיענער האבען געמארדעט די מיטגליעדער פון קעניג׳ס הויז האט יהושבע

געראַטעוועט פון טויט דעם עופ'עלע יואש, דעם זוהן פון אחזיה, און האָט איהם בעהאַלטען צוזאַמען מיט זיין אַם אין איינער פון די זייטיגע געביידען פון בית־המקדש. דאָ איז דער אינגעל גע־וואַקסען אונטער דער השגחה פון זיין פעטער, דעם כהן גדול יהוידע. ווען יואש איז אַלט געוואָרען זיבען יאָהר האָט יהוידע בעשלאָסען איהם אַרויפצוזעצען אויפ'ן טראָהן פון יהודה אַלס דעם געזעצליכען יורש. האָט ער געמאַכט אַ בונד מיט די מיליטערישע עלטסטע פון ירושלים און זיי האָבען צוזאַמען בעשלאָסען אַרונטער־צוזעצען די קעניגין עתליה. איינמאָל אין אַ שבת האָט יהוידע גע־געבען אַ געהיימען בעפעהל אַרומצורינגלען דעם בית־המקדש מיט אַ מיליטערישער וואַך און ניט אַריינלאָזען קיינעם פון דער קעני־גינ'ס אָנהענגער. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעפיהרט דעם זיבען־יעהריגען יואש פון די אינוועניגסטע חדרים פון בית־המקדש, האָט איהם אָנגעטהאָן אַ קרוין און איהם ערקלערט פאַר'ן קעניג פון יהודה. די קריעגסלייט וואָס זיינען דערביי געשטאַנען האָבען געבלאָזען אין שופרות און געשריען: לעבען זאָל דער קעניג! אַז עתליה האָט דערהערט דעם רעש אַרום בית־המקדש איז זי אַוועקגע־לאָפען אַהין פון איהר פּאַלאַץ און האָט דערזעהן דעם אינגעל מיט אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ. זי האָט פערשטאַנען אַז מען האָט געמאַכט אַ פערשווערונג געגען איהר און זי האָט אויסגעשריען: „פערראַט! פערראַט!" יהוידע האָט בעפעהלען די וועכטער זיי זאָלען אַרויס־פיהרען די קעניגין פון בית המקדש, און מען האָט זי געבראַכט צום פּאַלאַץ און דאָרט גע'הרג'עט (880). דאָס פאָלק האָט צובראָ־כען אַלע מזבחות און בילדער פון בעל, און דעם כהן מתי האָט מען גע'הרג'עט. יואש איז אַרויף אויפ'ן טראָהן פון יהודה, אָבער ביז דער קעניג איז געוואָרען פוליעהריג האָט דער כהן גדול יהוידע רע־גיערט אין זיין נאָמען. אויף אַזאַ אופן איז אי אין מלכות ישראל אי אין מלכות יהודה כמעט אין דערזעלבער צייט געקומען אַ סוף צו דער הערשאַפט פון דעם הויז אחאב און דעם פעניציישען געצענ־דיענסט.

§71. יהוא'ס דינאַסטיע אין שמרון און די מלכים

פון יהודה. די בלוטיגע איבערקעהרענישען דורך וועלכע יהוא איז געוואָרען קעניג אין שמרון און יואש אין ירושלים, האָבען

ניט געבראכט קיין רוה צוביידע מלוכות. דאס 28־יעהריגע קעניגען פון יהוא (860־887) איז געווען אן אומגליקליכע צייט פאר מלכות ישראל. די ארמים פון דמשק האבען מיט זייערע אנפאלען פערוויסט די געגענדען פון עבר־הירדן און האבען אונטעריאכט די איינוואוינער פון שבט ראובן און שבט גד. נאך ערגער איז געווארען דער מצב פון דער מלוכה אין דער צייט פון יהוא׳ס זוהן יהואחז (845־860). די ארמים פלעגען זיך אריינרייסען אפילו אין יענע געגענדען, וואס זיינען געלעגען אויפ׳ן מערב זייט פון ירדן. די מיליטערישע כחות פון לאנד זיינען אזוי פערארימט געווארען אז ביי יהואחז׳ן איז געבליבען נאר א קליינער חיל פון צעהן טויזענד פוסגעהער, פופציג רייטער און צעהן קריעגסוועגען. ערשט אין דער צייט פון יהואחז׳ס זוהן, דעם קעניג יהואש (830־845), איז מלכות ישראל אביסעל געקומען צו זיך. יהואש האט צושלאגען די ארמים ביי אפקה און האט ביי זיי צוריק אבגענומען פיעל שטעדט, וואס זיי האבען געהאט פערכאפט. פאר דער דאזיגער שלאכט האט אלישע הנביא פאראויסגעזאגט דעם קעניג, אז ער וועט מנצח זיין דעם פיינד. אלישע איז שוין דעמאלט געווען אלט און קראנק און נאך דער שלאכט ביי אפקה איז ער געשטארבען. אזוי ווי אליהו הנביא, אזוי האט אויך אלישע איבערגעלאזט נאך זיך אין פאלק אן אנדענק פון א הייליגען מאן און א בעל־נס. נאר זיין הויפט פערדיענסט איז בעשטאנען אין דעם קאמפף געגען דעם פעניצישען געצענדיענסט. אליהו הנביא האט אנגעהויבען דעם דאזיגען קאמפף, און זיין געטרייער תלמיד אלישע האט איהם ערפאלגרייך געענדיגט.

אין יהודה האט דער כהן גדול יהוידע, דער ערציהער און אפיטרופוס פון מלך יואש, געזארגט צו בעפעסטיגען דעם אמת׳ן גלויבען. כל־זמן יהוידע האט געלעבט איז דער יונגער מלך געווען פרום און גאטספארכטיג. צוזאמען מיט די כהנים האט ער פאררי כטעט די טיילען פון בית המקדש, וועלכע זיינען שוין אלט געווארען. פאר דיזען צוועק האט מען געקליבען נדבות איבער׳ן גאנצען לאנד. אבער נאך יהוידע׳ס טויט האט יואש אויפגעהערט צו לעבען בשלום מיט די כהנים, וועלכע האבען

געוואלט בעקומען א צו גרויסע דעה אין די ענינים פון דער מלוכה. דעמאָלט האָט צווישען איהם און יהוידע׳ס זוהן זכריה אויסגעבראכען א מחלקת. זכריה האָט געסטראשעט דעם קעניג מיט גאָט׳ס צאָרן. דער אויפגעבראכטער קעניג האָט געהייסען הרג׳ענען זכריה׳ן אין הויף פון בית־המקדש. פאר׳ן טויט האָט זכריה געזאָגט: „גאָט וועט זעהן און וועט זיך רעכענען!“ דעם קעניג׳ס אכזריות׳דיגע האנדלונג האָט ארויסגערופען אן אונצופריעדענקייט ביי די הארען פון ירושלים. זיי האָבען גע־מאכט א פערשווערונג געגען איהם און צוויי הויפדיענער האָ־בען דעם קעניג גע׳הרג׳עט אויף זיין געלעגער (843).

אמציה, יואש׳ס זוהן און יורש, האָט געהייסען טויטען די מערדער פון זיין פאָטער. דער נייער קעניג, וועלכער האָט געהאט א קריעגערישען גייסט, האָט געפיהרט א רייה מלחמות. צוערשט איז ער ארויס געגען די אדומים, וועלכע האָבען מורד געווען געגען יהודה. די אדומים האָבען זיך בעפעסטיגט אין זייערע אונדורכדרינגליכע בערג; אבער אמציה האָט זיך אריינ־געריסען אין דער בערגיגער געגענד, און אין א שלאכט אין דעם „געזאלצענעם טאָל“ האָט ער איינגאנצען צושלאָגען די אדומים. נאָכדעם האָט אמציה ערקלעהרט מלחמה געגען יהואש׳ן דעם מלך פון ישראל. יהואש האָט איהם געלאָזט זאגען: „דו האָסט בעזיעגט די אדומים איז דיין הארץ שטאָלץ געוואָרען. זיץ בע־סער בכבוד אין דער היים און ניט ברענג קיין אומגליק אויף זיך און דיין לאנד.“ אבער אמציה האָט ניט געפאָלגט און איז אוועק מיט א חיל געגען דעם מלך פון ישראל. נעבען בית־שמש איז פאָרגעקומען די שלאכט צווישען יהודה און ישראל. אמציה׳ס חיל האָט געקראָגען א מפלה און ער אליין איז גענו־מען געוואָרען געפאנגען. דער חיל פון ישראל איז צוגעטראָ־טען צו ירושלים און האָט צושטערט א טייל פון איהר פעסטונג. יהואש האָט ארויסגעלאָזט אמציה׳ן פריי פאר א גרויסער סומע אויסלייז געלד. אין יהודה איז מען געווען שטארק אונצו־פריעדען מיט אמציה׳ן פאר זיין אונזיניגער מלחמה, און אין ירושלים האָט אויפגעפלאקערט אן אויפשטאנד. דער קעניג איז אנטלאָפען קיין לכיש, אָבער די מורדים האָבען איהם דאָ

געכאפּט און איהם גע'הרג'עט. דער יורש פון טראהן עזיה, אמציה'ס זוהן, איז נאָך געווען א קליין אינגעל, און אין פערלויף פון עטליכע יאָהר האָבען איבער'ן לאַנד רעגירט די הארען פון קענגליכען הויף.

צעהנטער קאַפּיטעל.

דאָס געזעלשאַפטליכע און גייסטיגע לעבען אין דער צייט פון די צוויי מלוכות. *)

§72. דאָס עקאָנאָמישע און הויזליכע לעבען. פון דער צייט וואס די אידען האָבען איינגענומען כנען און זיינען געווארען א בעזעצטעס פאָלק איז ערד־ארבייט געווען זייער הויפּט בעשעפ־טיגונג. בלויז אין דעם עבר־הירדן און אין איניגע ערטער אין יהודה האָבען זיך די איינוואוינער פערנומען מעהרסטענס מיט פיה־צוכט. ביי די אידען איז געווען פאררעכענט, אז דער מענש איז געבאָרען צו בעארבייטען דאָס פעלד, דעם סאָד און דעם וויינגאָר־טען. דאָס איז זיין נאַטירליכער בערוף. דער שעהנסטער טרוים פון א אידען איז געווען: „צו זיצען אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים.“ דורך דער שווערער מיה פון דעם ערד־ארבייטער איז דער באָדען פון פּאַלעסטינא פערוואנדעלט געווארען אין א בליהענדען גאָרטען. די פעלדער און טאָלען זיינען געווען בע־דעקט מיט פולע זאנגען פון ווייץ און גערשטען; אויף די נידע־רונגען פון די בערג האָבען געגרינט וויינגערטנער, סעדער און אייל־בירט־וועלדלעך. ערדארבייט, וויינגערטנעריי און גערטנעריי זיינען געווען פערשפּרייט ניט נאָר אין די דערפער, נאָר אויך אין די שטעדט. די דאָזיגע בעשעפטיגונגען האָבען געמאכט גלייך דעם פראסטען פאָלקס־מענשען מיט'ן חשוב'ען האר, דעם בעשיידענעם דאָרפסמאן מיט'ן איינפלוסרייכען כלל־טהוער. שאול המלך, איי־דער ער איז ארויף אויפ'ן טראהן, איז געגאנגען נאָכ'ן אקעראייזען.

*) מיט קלענערע קינדער קען מען דיזען קאַפּיטעל, אָדער טיילען פון איהם, אויסלאָזען.

הגם ער האָט געהערט צו א חשוב'ער פאמיליע אין בנימין. דוד איז געווען א פאסטוך, און אלישע האָט זיך בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט.

אין פאלעסטינא פלעגט די תבואה צייטיג ווערען אין אָנהויב פריהלינג, און שניטצייט איז געווען אין סוף פריהלינג. אין סוף זומער אדער אנהויב הערבסט פלעגט מען ארונטערנעהמען די וויינ־טרויבען און איינזאמלען אין די שייערען די לעצטע געדראשענע תבואה. צו די דאָזיגע וויכטיגע מאָמענטען פון דעם ערדארביי־טערשען לעבען זיינען געווען צוגעפּאסט די גרויסע יעהרליכע ימים־טובים: פסח — דער יום־טוב ווען די תבואות ווערען צייטיג (חג האבאב), שבועות — דער יום־טוב פון שניט (חג הקציר), און סוכות —דער יום־טוב פון „איינזאמלען פון שייער און פון קע־לער" (חג האסיף). א רעליגיעז־היסטאָרישען כאראקטער האָט אין יענער צייט, זעהט אויס, בעקומען נאָר פסח, וועלכער האָט גע־דארפט זיין א זכר פון יציאת מצרים. די מצות אום פסח האָבען געהאט א צווייענדיגע בעדייטונג: זיי האָבען געדיענט אלס סימ־באָל פון דעם פריהען צייטיג ווערען פון די תבואות, און פון דער איילעניש ביים ארויסגעהן פון מצרים, ווען די אידען האָבען, לויט דער לעגענדע, קיין צייט ניט געהאט צו באקען זויערען ברויט און האָבען אויף גיך אָבגעבאקט ניט קיין איינגעזויערטען.

איינער פון די עלטסטע געזעצען פון דער אידישער רעליגיאָן, וואס האָבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויפ'ן לעבען פון לאנד, איז געווען דער געבאָט צו רוהען דעם זיבעטען טאָג פון יעדער וואך (שבת). אין די עלטסטע טיילען פון תורת־משה ווערט געזאָגט: „זעקס טעג טהו דיין ארבייט און אויפ'ן זיבעטען זאָלסטו רוהען, כדי עס זאלען אויך רוהען דיין אָקס און דיין עזעל, דער זוהן פון דיין דיענסט און דער גר." „זאָלסט רוהען אין דעם זיבעטען טאָג. זאָלסט רוהען אין צייט פון אַקערען און אין צייט פון שניידען." דאָס געזעץ פון שבת־רוהה איז אריבערגעטראגען געווארען אפילו אויף דער ערד אויך: די ערד האָט זיך געדארפט אברוהען איין יאהר אין יעדע זיבען. „זעקס יאהר — זאָגט דאָס אלטע געזעץ — מעגסטו פערזייהען דיין ערד און קלייבען די תבואה פון איהר; אבער דעם זיבעטען יאהר זאָלסטו זי פערלאָזען, כדי די ארימע פון

דיין פאָלק זאלען עסען (דאס וואס וואקסט אליין) און דאָס איבע־ריגע זאלען עסען די חיות פון פעלד. אזוי זאָלסטו אויך טהאָן מיט דיין וויינגאָרטען און מיט דיין איילבירט־גאָרטען.״ דאָס דאָזיגע געזעץ איז ארויסגעוואקסען פון די בעזונדערע אייגענשאפ־טען פון דער פאלעסטינער ערד און פון די פאָלקס־מנהגים, וואס זיינען דאָרט בעשאפען געווארען.

האָרט וואו עס האָט געהערשט די ערדארבייט איז דאס לעבען פון די איינוואוינער געווען איינפאך און בעשיידען. די הייזער זיינען געווען געבויט פון האָלץ און ליים, מיט פלאכע דעכער, וועלכע האָבען געדיענט צום שלאָפען אין די הייסע צייטען פון יאהר. די איינריכטונג פון די צימערען איז אויך געווען פשוט. אזוי צום ביישפיעל איז אין צימער פון אלישע הנביא, וועלכער איז געווען צו גאסט אין א פערמעגליכען הויז, דאָס גאנצע מעבעל בעשטאַנען פון א בעט, א טיש, א שטוהל און א לאָמפ. די שפייז איז בעשטאַנען פון ווייצענעם און גערשטענעם ברויט, פלעצלעך אויף בוימאייל, גאָרטענווארג און פרוכט. פלייש פלעגט דער דאָרפס־מאַן עסען נאָר אין די ימים טובים, ווען ער פלעגט ברענגען פון זיין פיה קרבנות אין בית־המקדש. א טייל פון די דאָזיגע קרבנות פלעגט מען פארברענען אויפ׳ן מזבח, א טייל פלעגט געהן פאר די כהנים, און דאָס איבעריגע פלעגט בלייבען פאר׳ן בעל־הבית און זיינע הויזמענשען צום עסען. די איינוואוינער פון די שטעדט, וועלכע זיינען געלעגען נאָהנט צום בית המקדש און דעם מזבח האָ־בען געקענט עסען פלייש אָפטער.

אבער מיט דער צייט האָט זיך דער דאָזיגער איינפאכער ארט לעבען א סך געענדערט. מיט דער ערדארבייט האָט אָנגעהויבען קאָנקורירען דער מסחר. אמאָל האָבען די אידען בעטראכט דעם מסחר פאר אן אונווירדיגער זאך און האָבען עס געלאָזט צו די כנענים און פעניציער, וועלכע „האלטען אין די הענד פאלשע וואג־שאָלען און האָבען ליעב רויב.״ נאָר יענע גוטע אַלטע צייטען זיי־נען פאראיבער. און א גרויסער טייל פון פאָלק איז דורך די אומ־שטענדען אריינגעצויגען געווארען אין מסחר און האנדעל. די מלכים אליין, פון שלמה׳ן אן, האָבען געשטיצט דעם האנדעל און פלעגען אויסריכטען קאראוואנען און האנדעלס־שיפען אין ווייטע

לענדער, אמאָל אליין, און אמאָל מיט דער הילף פון די פעניציער. אין די צייטען פון אחאב און יהושפט האָט שוין דער מסחר גע־בליהט אין ביידע מלוכות. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז עס זאָ־לען זיך שנעל ענטוויקלען שטעדט. צוזאמען מיט ארבייט איז אויך געווארען קאפיטאל: עס האָט זיך אָנגעהויבען א מסחר מיט געלט, הלוואות און וואָבער געשעפט. און ווען א בעל־חוב האָט ניט געהאט צו בעצאָלען זיין הלוואה צו דער בעשטימטער צייט האָט דער מלוה געהאט דאָס רעכט צו מאכען איהם פאר א קנעכט, אזוי ווי עס איז געווען דער מנהג ביי אלע אלטע פעלקער. דער אונ־טערשייד צווישען די קלאסען פון פאָלק איז געווארען אלץ גרעסער, און דער תהום צווישען די רייכע און די ארימע — אלץ ברייטער. גרויסע גיטער און ברייטע שטרעקען לאנד פלעגען זיך צוזאמענצי־הען אין די הענד פון געצעהלטע רייכע גוטבעזיצער. די רייכע פלעגען זיך בויען הייזער פון געהאקטע שטיינער און האָבען זיך ארייגעלאָזט אין ווילדען וואוילטאָג. גרויסע לעהרער פון פאָלק, די נביאים, האָבען געקעמפפט געגען אזא מין ארדנונג אין דעם נאָ־מען פון די העכערע געזעצען פון מענשענליעבע און מאָראל; גע־קעמפפט האָט געגען איהר אויך דאָס אלטע געזעץ, וואס האָט גע־זאגט: „אויב דו וועסט לייהען געלד צו אן ארימאַן פון דיין פאָלק בעגעהע זיך ניט מיט איהם שטרענג; לעג אויף איהם ניט ארויף קיין פראצענט. אויב דו וועסט נעהמען פאר א משכון דעם אויבערשטען בגד פון דיין ארימען פריינד — קעהר דאָס איהם אום איידער עס פארגעהט די זון, ווארום דאָס איז זיין צודעק, דאָס קלייד פון זיין לייב — אין וואָס וועט ער שלאָפען?“ אָבער דאָס לעבען האָט ניט געשטימט מיט די דאָזיגע הויכע פאָדערונגען פון געזעץ. די פלאַ־מענדיגע רייד פון די נביאים האָבען ניט געקענט אָבהאלטען דאָס אידישע פאָלק פון נעהמען אנטייל אין דעם פעלקער־האנדעל פון די מזרח־לענדער.

דאָס פאמיליען־לעבען פון די אמאָליגע אידען איז אין א סך פרטים געשטאַנען העכער ווי די ארומיגע פעלקער. פיעלווייר־בעריי (פאָליגאמיע) איז געווען א זעלטענהייט, בשעת איינווייבע־ריי (מאָנאָגאמיע) איז געווען די געוועהנליכע פארמע פון דעם פאמיליען־לעבען. בלויז די מלכים האָבען געמעגט האָבען א סך

ווייבער, מסתמא כדי צו פערמעהרען און פערשטארקען די דינאסטיע; נאָר אפילו די מלכים, נאָך שלמה׳ן, האָבען ניט שטענדיג זיך בענוצט מיט דעם דאָזיגען רעכט. די פארמעגליכע לייט האָבען געוועהנליך געהאט ניט מעהר ווי צוויי ווייבער, און אויך דעמאָלט פלעגען אין דער פאמיליע פארקומען רייסערייען: די ניט־געליעבטע ווייב האָט מקנא געווען דער געליעבטער, און די עקרה —דער, וואס האָט געהאט קינדער. פאר דער חתונה מיט א מיידעל פלעגט דער חתן געבען איהרע עלטערען א געוויסען אויסקויף, אדער מהר, אזוי ווי עס פיהרט זיך נאָך עד היום ביי א סך מזרח־פעלקער (דער טאָטערשער „קאלים“, דער קאווקאזישער „מאהאָרי“, וואָס קלינגט ווי דער אידישער מהר). אין די גאָר אלטע צייטען איז ניט געווען קיין זעלטענהייט, אז גאנץ נאָהנטע קרובים זאלען חתונה האָבען צווישען זיך; עס איז ניט געווען פארוועהרט, צום ביישפיעל, צו חתונה האָבען מיט א שטיפשוועסטער אדער שוועסטער־קינד, אדער נעהמען צוויי שוועסטער מיט אמאָל. אבער שפעטער זיינען אייניגע אזעלכע שידוכים פארבאָטען געוואָרען. די עלטערען האָבען געהאט אן אונבעגרענצטע מאכט איבער זייערע קינדער; פאר בעליידיגען טאטע־מאמע מיט א ווארט אדער א האנדלונג האָט געקומט טויט־שטראף. די מוטער האָט געהאט דעם זעלבען אָנזעהן אין דער פאמיליע וואס דער פאָטער.

די שקלאפעריי ביי אידען האָט ניט אָנגענומען אזעלכע גראבע פאָרמען ווי ביי אנדערע פעלקער. דער שקלאף און די שקלאפין האָבען זיך גערעכענט פאר מיטגליעדער פון דער פאמיליע, און זייערע רעכט זיינען געווען געשיצט פון בעשטימטע געזעצען. א אידישער קנעכט האָט געדאַרפט דיענען זיין בעל־הבית נאָר זעקס יאָהר, און אויפ׳ן זיבעטען יאהר איז זיין בעל־הבית געווען מחויב איהם ארויסלאָזען פריי. אויב אבער דער קנעכט האָט נאָך די זעקס יאהר ניט געוואָלט פערלאָזען זיינע בעלי־בתים האָט דאָס געזעץ געהייסען זיך בענעהן מיט איהם אזוי: צופיהרען דעם געטרייען קנעכט צום טהיר פון הויז וואו ער האָט געדיענט, און דורכשטעכען איהם דעם אויער אויפ׳ן ביישטידעל פון טהיר, אלס סימן אז ער איז אויף אימער צוגעבונדען צו דעם דאָזיגען הויז. נאָך דער דאָזיגער צערעמאָניע איז דער קנעכט געוואָרען דאָס אייביגע אייגענטום פון

זיין בעל־הבית. בכלל איז שקלאַפעריי ביי אידען ניט געווען קיין מלוכה־איינפיהרונג, ווי ביי די גריכען און רוימער.

§73. די געזעלשאַפט און די מלוכה. בירגער־רעכט האָבען געהאַט אַלע פרייע מענשען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבען דערגרייכט פוליעהריגקייט. אפילו די פרעמדע, אדער גרים, האָבען זיך וועניג־וואָס אונטערשיידט אין זייערע בירגערליכע רעכט פון די תושבים. זיי זיינען געווען פאָלשטענדיג בעשיצט פון געזעץ. אין די הייליגע ספרים ווערט ניט איינמאָל געזאָגט: „דעם גר זאָלט איהר ניט דריקען, ווארום איהר ווייסט די נשמה פון דעם גר, דען גרים זיינט איהר אליין געווען אין דעם לאַנד מצרים.“ דאָס געזעץ בעפעהלט צו בעגעהן זיך מיט די פרעמדע מיט רחמנות, אזוי ווי מיט די שוצלאָזע פון דער אידישער געזעלשאַפט גופא: די אָרימעלייט, אלמנות און יתומים; גלייך מיט זיי האָבען די פרעמדע געהאַט דאָס רעכט צו קלייבען די רעשטען פון שניט (לקט, שכחה און פאה) אויף די פעלדער פון פערמעגליכע לייט און נעהמען די נדבות, וועלכע זיינען געווען איינגעפיהרט.

די ריכטער אין די שטעדט זיינען געווען חשוב׳ע לייט אדער עלטסטע (זקנים). משפט׳ן פלעגען זיי אויף אָן אפענעם פּלאַץ, ביי די טויערען פון שטאָדט, ד. ה. ביים אריינפאָהר (אָדער שער, פאָר־שטאָדט), נאָר אז מען פלעגט דארפען געבען אַ שבועה פלעגט מען עס טהאָן ביים מזבח אָדער אין טעמפּעל פון דעם ארט. אויסער די זקנים זיינען שופטים אויך געווען די כהנים אדער לויים. די דאָזיגע ריכטער פלעגען משפט׳ן סיי אין ציווילע סיי אין קרימינעלע פּראָצעסען. אויסער אין העכסט וויכטיגע פעלען פלעגט מען זיך ווענדען צום קעניג.

דער קעניג איז געווען דער הויפּט פון דער ארמעע, און דער העכסטער רעגירער און ריכטער פון פאָלק. אזוי ווי די קעניגליכע הערשאַפט איז ארויסגעוואקסען דערפון וואס דאָס פאָלק האָט זיך געמוזט פעראייניגען נעגען די דרויסענדיגע פיינד, האָט זי אין די ערשטע צייטען געטראָגען אַ מיליטערישען כאראַקטער (שאול און דוד). דער קעניג איז געווען דער פיהרער פון דעם פאָלק׳ס חיל, נאָר אויסער דעם האָט ער אויך געהאַט זיין אייגענע שטענדיגע מחנה אָדער לייבוואַך. די דאָזיגע קעניגליכע מחנה איז געווען דער

קערן פון דער גאנצער ארמעע, וועלכע איז בעשטאנען פון פוס־חיל און פערד־חיל (אין ז׳ער צייט פון שלמה און די שפעטערע מלכים). דעם צווייטען פלאץ נאכ׳ן קעניג האט פערנומען דער הויפט־קאמאנדיר פון דעם חיל (שר־צבא). מיליטער־דיענסט איז געווען א חוב אויף יעדען בירגער, וואס האט געהאט פולע רעכט און האט פארמאגט אונבעוועגליכען אייגענטום. וואס מעהר עס איז געוואקסען די מיליטערישע מאכט פון דער מלוכה אלץ גרע־סער איז געווארען די צאל שטעדט וואס האבען געהאט פעסטונ־גען מיט בעשטענדיגע גארניזאנען אין זיי. אין די צייטען פון די שופטים און שמואל הנביא, ווען די ווילדע שונאים פלעגען בעפא־לען דאס אידישע לאנד, פלעגען זיך די אידען מוזען בעהאלטען אין הייהלען און בערג־שפאלטען; אבער אין דער עפאכע פון די מלכים פלעגט זיך די פריעדליכע בעפעלקערונג שיצען הינטער די מויערען פון די פעסטונגען. די אידישע מלכים פלעגען זעלטען פארפיהרען מלחמות כדי צו פערכאפען פרעמד לאנד, אבער פער־טיידיגונגס־מלחמות האבען זיי געהאט זעהר אפט, צוליעב די אנפאלען און רויבערייען פון די שכנ׳ישע פעלקער.

אויף אויסצוהאלטען דעם קעניגליכען הויף זיינען איינגע־פיהרט געווארען צינזען פון נאטור־פראדוקטען און געלט. עס זיינען אויך געווען קעניגליכע גיטער, וועלכע האבען אריינגעטראגען א געוויסע הכנסה. אין צייטען פון מלחמות, ווען די בעדערפנישען פון דער מלוכה פלעגען זיין אויסערגעוועהנליך גרויס, פלעגען די מלכים אמאל נעהמען פון די אוצרות פון דעם בית־המקדש, וואו עס זיינען געלעגען די פאלקס־געלדער, אזוי ווי אין די היינטיגע קעניג־ליכע שפאר־קאסען (רחבעם ,אסא, יואש, אמציה).

דער קעניג איז געווען דער העכסטער ריכטער פון לאנד און צו איהם פלעגט מען זיך ווענדען, ווען די קליינע געריכטען פלעגען ארויסגעבען אן אונגערעכטען פסק. דער שוואכער פלעגט רופען צו איהם געגען דעם שטארקען, דער בעליידיגטער — קעגען זיין בעליי־דיגער; א סך געזעצען פון יענער צייט האבען געשטאמט פון אלטע פאלקס־מנהגים. עס האט נאך צום ביישפיעל געלעבט אין פאלק דער מנהג, אז א קרוב פון אן ערמארדעטען האט געהאט דאס רעכט אליין, אהן א משפט זיך אבצורעכענען מיט דעם מערדער

און איהם טויטען („גואל הדם“). אָבער דאָס געזעץ האָט אַ סך ווייכער געמאַכט די אכזריות פון דעם דאָזיגען מנהג. אויב דער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען בשוגג, ד. ה. ניט ווילענדיג, האָט דער מערדער זיך געקענט רעטען אין אַ טעמפּעל, הינטער דעם מזבח, אָדער אין די „ערי מקלט“, ד. ה. בעשטימטע שטעדט, וואוהין ער האָט געקענט אַנטלויפען און וואו דער גואל־הדם האָט ניט געטאָרט קומען איהם טשעפּען. אָבער אַ מערדער במזיד, ד. ה. וואָס האָט געפּלאַנעוועט דעם מאָרד, האָט דער גואל־הדם געמעגט אפילו „פון מזבח אוועקפיהרען צום טויט“. אָבער מיט דער צייט איז דאָס רעכט פון דעם גואל־הדם אריבער צום געריכט. בלויז אין זעלטענע פעלען פלעגט דאָס געריכט פסק'ענען לויט דעם אַלטען מנהג פון נקמה: „אויג פאַר אויג, אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן, אַ לעבען פאַר אַ לעבען“. דאָס רוב פלעגט מען אויפ'ן שולדיגען ארויפלעגען אַ געלט־שטראָף. פאַר עובר זיין אויף די הויפּט־געבאָטען פון דער אמונה, און אויך פאַר לעסטערן גאָט און בעליי־דיגען דעם קעניג, פלעגט מען בעשטראָפען מיט'ן טויט. די עלט־סטע פאָרמע פון טויט־שטראָף איז געווען סקילה, פערשטיינערען, וועלכע פלעגט פאָרקומען הינטער'ן שטאָדט, פאַר די אויגען פון פאָלק.

אין אַלע מלוכות פון אַלטערטום האָט זיך דער קעניג גערעכענט אויך פאַר'ן הויפּט־פּריסטער: די רעליגיאָן איז געווען צוזאַמענגעבונדען מיט דער רעגירונג. אויך די אידישע מלכים האָבען אָפטמאָל זיך געמאַכט פאַר כהנים. שאול און דוד, למשל, האָבען ביי פייערליכע געלעגענהייטען געבראַכט קרבנות אַלס „געזאַלבטע פון גאָט“, אָנשטאָט די כהנים. אָבער שפּעטער האָבען בלויז די מלכים פון מלכות ישראל איינגעהאַלטען דעם חשוב'ען טיטעל „כהן גדול“. ירבעם דער ערשטער האָט די כהונה געמאַכט פאַר אַ רעגירונגס־זאַך: דער טעמפּעל אין בית־אל האָט זיך גערעכענט פאַר אַ קעניגליכען, און די כהנים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען — פאַר קעניגליכע בעאַמטע. אבער אין יהודה האָבען די כהנים ניט אַנערקענט דעם קעניג'ס רעכט אויף דער כהונה און ווען דער קעניג עזיהו האָט איינמאָל זיך דערוועגט צו טהאָן די

ארבייט פון דעם כהן אין בית־המקדש, האט ער ארויסגערופען געגען זיך דעם צארן פון פאלק.

§74. די רעליגיאן. אין דער רעליגיאן פון די אמאליגע אידען האט דעם ערשטען פלאץ פערנומען דער גאטעסדיענסט מיט אלע זיינע אויסערליכע צערעמאניעס. אין יהודה איז דער הויפט רעליגיעזער צענטער געווען די הויפטשטאדט ירושלים, און אין מלכות ישראל — די פראווינץ־שטאדט בית־אל, אויפ'ן דרום־גרענעץ. נאר אין ביידע מלוכות זיינען חוץ די דאזיגע הויפט צענטרען געווען אויך ווייניגער וויכטיגע פלעצער פון גאטעס־דיענסט. אין די פראווינץ־שטעדט פון יהודה זיינען געווען נאר פאלקס־מזבחות אויף בערג (במות), אבער קיין בעזונדערע טעמפּ־לען, וועלכע זאלען אבציהען מענשען פון דעם בית־המקדש, זיינען ניט געווען, און אין די גרויסע יעהרליכע ימים־טובים פלעגט א גרויסער טייל פון פאלק עולה־רגל זיין קיין ירושלים צו דיענען גאט. אבער אין מלכות ישראל זיינען אויסער דעם אלטען קעניג־ליכען טעמפּעל אין בית־אל געווען נאך טעמפּלען פון ה' אין דער הויפטשטאדט שמרון, אין גלגל, דן און אנדערע ערטער. דער גאטעסדיענסט אויף די בערג און אין די וועלדלעך איז דא געווען א סך מעהר פערשפּרייט ווי אין יהודה און איז געווען מעהר עהנ־ליך צום געצענדיענסט. די מזבחות אין די דערפער פלעגען געבויט ווערען אויף הויכע ערטער, אזוי ווי הורבעם שטיינער; זיי פלעג־נען אויך געבויט ווערען אין וועלדלעך, אונטער'ן שאטען פון א דעמב, א פאלמע אדער א טייטעלבוים. דארט וואו עס זיינען ניט געווען קיין גרויסע ביימער פלעגט מען אנשטאט א בוים אוועק־שטעלען א זייל אין דער פארמע פון א בוים, וואס איז געגאנגען אלץ גרעבער אין דער הויך („אשרה"). אין די טעמפּלען פון מלכות ישראל זיינען געשטאנען גאלדענע קעלבער אלס די געשטאלט פון ה'. אפילו אין ירושלים איז ביז דער צייט פון קעניג חזקיהו געווען א קופערנע שלאנג און דאס פאלק האט עס געהאלטען פאר א גאט, וואס היילט קראנקהייטען.

דער גאטעסדיענסט איז בעשטאנען פון תפלות און קרבנות. דער אמאליגער מענש פלעגט וועלען געווינען גאט'ס גנאד דורך געבעט און מתנות צו איהם. די קרבנות האבען ביי די אידען

(אַזוי ווי ביי די אַלטע גריכען) געהאַט אויך אַ סימבאָלישע בעדייטונג: ווען אַ טייל פון דער בהמה׳ס פלייש איז פערברענט געוואָרען אויפ׳ן מזבח לכבוד גאָט, איז דאָס גאַנצע פלייש דורך דעם געוואָרען ריין און כשר צום עסען. דאָס בלוט פון דעם קרבן האָט מען איינגאַנצען אויסגעגאָסען אויפ׳ן מזבח, וואָרים פלייש מיט׳ן בלוט איז די אידען פערבאָטען צו עסען. אויפ׳ן מזבח פלעגט מען אויך גיסען בוימאייל און וויין. בכלל איז דער מזבח געווען אַזוי ווי גאָט׳ס טיש: אַלע פאַמיליען־מאַלצייטען ארום דעם דאָזיגען טיש פלעגען בעקומען אַ הייליגע בעדייטונג. איבערהויפּט פלעגען די דאָזיגע הייליגע מאַלצייטען צוגעהן פייערליך אין די גרויסע ימים־טובים. פּסח פלעגט מען מקריב זיין די בכורים פון די שאָף און רינדער און דאָס פלייש פון די קרבנות פלעגט מען עסען צוזאַמען מיט די מצות. שבועות פלעגט מען דאָס קרבן־פלייש עסען שוין ניט מיט מצות, נאָר מיט געזייערטען ברויט. סוכות, דער יום־טוב פון הערבסט, פלעגט מען ברענגען אין בית־המקדש פּירות פון די בוימער און פּאַלמען־צווייגען. אין דער צייט פון די דאָזיגע ימים־טובים פלעגט דאָס פּאָלק מאַכען פרעהליכע סעודות ארום די טעמפּלען און מזבחות. יעדע פאַרמעגליכע פאַמיליע פלעגט פאַרבעטען צו איהר סעודה אָרימעלייט, אַלמנות, יתומים און גרים. אַלע האָבען געגעסען, געטרונקען און זיך משמח געווען „פאַר גאָט". די ימים־טובים פון דער ערדאַרבייט זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין רעליגיעזע שמחות.

אין טעמפּעל און ביים מזבח האָט זיך געמוזט געפינען אַ כהן. די כהנים פלעגען מקריב זיין די קרבנות און פלעגען בעקומען פון יעדען קרבן אַ בעשטימטען חלק. חוץ דעם פלעגען זיי קריגען פון די בעזונדער מתנות פון די ערד־פּראָדוקטען; שפּעטער האָט דאָס געזעץ גענוי בעשטימט די מאָס פון די דאָזיגע מתנות (מעשר). די כהונה איז אריבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צום זוהן. לויט דער אַלטער מסורה האָבען אַלע כהנים גערעכענט זייער יחוס פון אהרן הכהן, משה׳ס ברודער, פון שבט לוי. נאָר אין מלכות ישראל, נאָך דער רעליגיעזער איבערקערעניש פון ירבעם׳ען, זיינען געוואָרען כהנים וואָס האָבען ניט אָבגעשטאַמט פון אהרנ׳ען אָדער פון די לויים. אין די צייטען פון די שופטים און די ערשטע מלכים האָבען

די כהנים געשפּיעלט די ראָלע פון טרעפער אָדער „זעהער“ און זיינען אויך געווען די לעהרער פון פאָלק; אָבער מיט דער צייט זיינען די דאָזיגע בײדע פליכטען אריבער צו די נביאים, וועלכע זיינען געוואָרען די אמת׳ע לעהרער פון פאָלק.

וועגען א יענער וועלט האָבען די אידען נאָך דעמאָלט געהאט זעהר א טונקעלען בעגריף. זיי האָבען געגלויבט, אז ווען א מענש שטאַרבט פעראייניגט ער זיך אין קבר צוריק מיט זיינע עלטערען. די טויטע וואוינען אַלע אין איין אָרט, „שאול“, וועלכער איז א מין קעניגרייך אונטער דער ערד, א קעניגרייך פון שאָטענס.

די אידישע אמונה אין דער צייט פון די צוויי מלוכות איז געווען א מין געמיש פון אַלערליי בעגריפען, נידעריגע און העכערע, וואָס זיי האָבען איבערגענומען פון פערשיידענע פעלקער. דער פּראָסטער פאָלקסמענש האָט ניט פערשטאַנען די רעליגיאָן אזוי ווי דער נאָכפאָלגער פון דעם נביא. ערשטענס האָט ער גערעכענט ה׳ בלויז פאר׳ן גאָט פון זיין פאָלק, אזוי ווי, צום ביישפּיעל, בעל ביי די פעניציער; צווייטענס האָט דאָס פּראָסטע פאָלק נאָך ניט געקענט זיך בעגעהן אָהן בילדער פון גאָט, בילדער וואָס מען זאָל קענען זעהן און אָנטאַפּען מיט די הענד. נאָר די בעסערע מענשען — די נביאים און זייערע תלמידים — האָבען געפּרעדיגט, אז גאָט קען ניט פאָרגעשטעלט ווערען אין קיין שום ממשות׳דיגע בילדער און, אז זייענדיג דער נאַציאָנאַלער גאָט פון די אידען, איז ער אין דערזעלבער צייט אויך דער איינציגער גאט פון דער גאַנצער וועלט, דער בעשעפער פון דער נאַטור און די מענשען. מיט דעם דאָזיגען בעגריף פון גאָט האָבען זיי נאָך פערבונדען די פאָלגענדע מאָראַל: גאָט פאָדערט פון זיינע מאמינים ניט אזוי צו אָבהיטען די אויסער־ליכע צערעמאָניעס, ווי די ריינקייט פון דעם הארצען און צו אָבהי־טען די העכערע מאָראַלישע געזעצען. ניט די צערעמאָניעס נאָר די מאָראַל איז דער יסוד פון דער רעליגיאָן. די דאָזיגע לעהרע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט די נביאים פון מלכות ישראל ערב איהר אונטערגאַנג, איז ווייטער געשפּונען געוואָרען אין מלכות יהודה און ענדליך האָט זי אינגאַנצען געענדערט די רעליגיעזע בעגריפען פון די אידען.

§75. ליטעראַטור. אין פערלויף פון א סך יאָהרהונדער־

מען איז די גאַנצע גייסטיגע שאַפונג פון אידישען פאָלק בעשטאַנען פון טראַדיציעס, וואָס זיינען ניט געווען פערשריבען נאָר האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין מויל פון פאָלק. די געשיכטען וועגען דעם אָנהויב פון דער וועלט, ווי אַזוי עס זיינען געוואָרען לענדער און פעלקער, די מסורות וועגען דעם אַמאָליגען לעבען פון אידישען פאָלק, זיינע וואַנדערונגען, גבורות, מלחמות, די געשיכטען וועגען זיינע העלדען, לעהרער און מלכים, גאָט'ס געבאָטען און געזעצען, די גלויבענס און מנהגים — דאָס אַלץ האָט זיך אויפגעהאַלטען אין זכרון פון פאָלק און פלעגט איבערגעהן בעל־פה, אויסווענדיג, פון דור צו דור. אַ סך לעגענדען פלעגען געזונגען ווערען אַלס פאָלקס־ליעדער, און אַזוי האָבען זיי זיך אויפגעהיט. די וויכטיגסטע געבאָטען פון דער אמונה (ווי למשל די עשרת הדברות) פלעגט מען אויסלערנען אויף אויסווענדיג און נאָך אין די גאָר אַלטע צייטען פלעגט מען זיי אויסקריצען און פערצייכענען אויף שטיינערטע טאָוולען. די כהנים, די לויים און די נביאים זיינען געווען די היטער פון די דאָזיגע מינדליכע טראַדיציעס, פון דעם דאָזיגען גייסטיגען רייכטום פון פאָלק. נאָר וואָס־מעהר עס האָט זיך ענט־וויקעלט דאָס אידישע פאָלק, אַלץ מעהר האָט זיך צווישען איהם פערשפרייט די גרויסע קונסט פון שרייבען, וואָס איז שוין געווען בעקאַנט די פעניצישע און אַנדערע מזרח־פעלקער. דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבען די מינדליכע טראַדיציעס צו פערשרייבען, כדי זיי צו פעראייביגען און בעהאַלטען פאַר די קומענדיגע דורות.

כתבים זיינען געבראַוכט געוואָרען ביי די אידען נאָך אין די צייטען פון דוד און שלמה. דיביידע מלכים האָבען געהאַט מזכירים (סעקרעטאַרען), וועלכע פלעגען געווים אויף פאַרשרייבען די געשע־העניסען פון זייער צייט. אַזעלכע כראָניקען זיינען געפיהרט געוואָרען אויך אין די צייטען פון די שפּעטערדיגע מלכים אין ביידע טיילען פון דער מלוכה. דאָס קען מען זעהן דערפון, וואָס דער שפּעטערדיגער מחבר פון דעם ספר „מלכים“ (א' און ב') פון תנ"ך דערמאָנט אַלע מאָל די „דברי הימים למלכי ישראל“ און „דברי הימים למלכי יהודה“ אַלס קוועלען, וואָס ענטהאַלטען מעהר ידיעות. ווען עס האָט זיך ענטוויקעלט די שרייב־קונסט האָט מען אָנגעהויבען פערשרייבען אויף די אַלטע פאָלקס־לעגענדען, ליעדער

און זאגען. זיי זיינען פערצייכענט געווארען אין צוויי ספרים, וואס זיינען ניט דערגאנגען צו אונז, און אויף וועלכע עס שטיצען זיך די שפעטערדיגע ביבלישע מחברים: „ספר מלחמות ה׳“ („דאס בוך פון די מלחמות פון גאט“) און „ספר הישר“ („דאס בוך פון דעם עהרליכען“, אדער לויט דעם ריכטיגערען פירוש „דאס בוך פון ליעדער“). פון דער דאזיגער אלטער פאעזיע זיינען אין תנ״ך געבליבען נאר שטיקלעך: דאס זיעג־ליעד פון דבורה, א קלאג־ליעד אין וועלכער דוד האט בעוויינט דעם טויט פון שאול, און נאך עטליכע ליעדער, וועלכע בעזינגען די וואנדערונגען פון די אידען אין מדבר פאר משה׳ן און די ערא־בערונג פון כנען פאר יהושע׳ן.

די עלטסטע טיילען פון די היסטארישע און געזעצגעבערישע ספרים פון תנ״ך (דער „חומש“ אדער די „תורה“, „יהושע“, „שופטים“, „שמואל“ און „מלכים“) זיינען צוזאמענגעשטעלט געווארען אין דער צייט פון די צוויי מלוכות, ווען די שרייב־קונסט האט שוין דערגרייכט א הויכע מדרגה. אין די דאזיגע וואונדער־ליכע ספרים זיינען די פשוט׳ע זאגען פון פאלק פערוואנדעלט געווארען אין בעלעהרענדע געשיכטען, פול מיט א טיעפען מאראלי־שען געדאנק. די צעווארפענע זכרונות פון פאלק וועגען זיין עבר זיינען איבערגעארבייט געווארען אין צוזאמענגעבונדענע היסטא־רישע ערצעהלונגען, מיט א שארפער רעליגיעזער בעפארבונג. די מסורות וועגען דער בעשאפונג פון דער וועלט, דאס לעבען פון די ערשטע מענשען, דעם מבול און דעם דור־הפלגה, וועלכע זיינען געווען פערשפרייט ניט נאר צווישען די אידען נאר אויך צווישען אלע סעמיטען פון פאדער־אזיען, האבען געקראגען אין די דאזיגע ספרים א טיעפען רעליגיעזען געדאנק און א שעהנע פאעטישע פארמע. אין די געשיכטען פון דעם לעבען פון די אבות ווערט דורכגעפיהרט דער געדאנק וועגען דעם בונד צווישען גאט און די אבות פון אידישען פאלק, און די געזעצליכע רעכט פון די אידען אויף כנען. נאך שארפער ווערט דורכגעפיהרט דער דאזיגער נאציאנאל־רעליגיעזער געדאנק אין דער געשיכטע פון דער קנעכט־שאפט פון די אידען אין מצרים און זייער וואנדערונג אין מדבר. מיט העלע פארבען ווערט דא געמאלט די ערהאבענע פערזענליכקייט פון משה׳ן, דעם גרויסען לעהרער פון פאלק; מתן־תורה איז

דער יסוד פון דער אידישער אמונה און געזעצגעבונג. די עלטסטע טיילען פון דער דאָזיגער געזעצגעבונג — די קורצע לוחות פון די עשרת הדברות און דער מעהר אויספיהרליכער „ספר הברית“ („דאָס בוך פון בונד“) — זיינען דער פונדאמענט פון דער תורה.

אָנפאַנגענדיג פון אכטען יאָהרהונדערט (פאַר דער קריסטלי־כער תקופה) האָבען אויך די נביאים אָנגעהויבען פערשרייבען זייערע דרשות, כדי זיי זאָלען בלייבען פאַר די קומענדע דורות. אליהו און אלישע זיינען געווען די לעצטע נביאים, וועלכע האָבען נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט קיין געשריבענעם מאָנומענט. די גרויסע נביאים פון דער עפּאָכע, וועגען וועלכער עס וועט דערצעהלט ווערען ווייטער (עמוס, ישעיה, ירמיהו און א סך אנדערע), האָבען איבערגעלאָזט דער וועלט גלענצענדע רעדעס, פול מיט טיעפע געדאַנקען, וועלכע זיינען דער בעסטער טייל פון דער ביבלישער ליטעראַטור.

עלפטער קאַפּיטעל.

דער לעצטער יאָהרהונדערט פון די צוויי מלוכות.

(720—830 פאַר קריסטל. צייטר.)

§76. ירבעם דער צווייטער און דער נביא עמוס. נאָך א סך יאָהרען פון אומגליקען און מלחמות אָהן אויפהער, האָט מלכות ישראל זיך ענדליך בערוהיגט און אויפגעבליהט אין דער צייט פון ירבעם דעם צווייטען (דער זוהן פון יהואש, דער פערטער קעניג פון יהוא׳ס שטאַם).

ירבעם דער צווייטער, וועלכער האָט געקעניגט אַן ערך פון זעכציג יאָהר (769—830), האָט געפיהרט ערפאָלגרייכע מלחמות מיט די אונטערדריקער פון זיין פאָלק, האָט זיי אונטערטעניג געמאַכט און האָט אויסגעברייט די גרעניצען פון זיין מלוכה. ער האָט בעזיעגט אין צפון די ארמים און איז אפילו אריינגעדרונגען אין זייער הויפּטשטאָדט דמשק. אין מזרח־זייט האָט ער מנצח געווען די מואבים. אלע גרעניץ־שטעדט, וואָס מען האָט ביי די

אידען געהאט צוגענומען, האָט ער צוריק צוגעשלאָסען צו זיין מלוכה, וועלכע האָט זיך איצט געצויגען, אזוי ווי אין די אמאָליגע צייטען, פון די לבנון־בערג ביז'ן ים־המלח.

אז מלכות ישראל האָט זיך פערזיכערט געגען אַנפאַלען פון דרויסען האָבען די איינוואוינער געקענט זיך רוהיג אָבגעבען מיט פריעדליכע בעשעפטיגונגען. דער מסחר מיט די פעניצישע שטעדט האָט רייך געמאַכט דאָס לאַנד. די הויפטשטאָדט שמרון איז פער־שעהנערט געוואָרען מיט רייכע פּאַלאַצען. דער קעניג אליין האָט געהאט צוויי פאַלאַצען: א זומערדיגען און א ווינטערדיגען. די גבירים און גרויסע לייט האָבען געבויט זייערע הייזער פון געהאַקטע שטיינער און זיי בעפוצט מיט העלפאַנדביין. זיי פלעגען זיך קליידען אין רייכע געוואַנדען, פלעגען עסען טייערע מאכלים, טרינ־קען טייערע ווייען און פלעגען זיך שמירען דאָס לייב מיט דופ־טיגע אייל́ען. אין די פאַלאַצען פון די שמרונ'ישע גבירים פלעגט מען אימער הוליען און פראַווען מאָלצייטען; איבערהויפט האָבען זיך די פרויען אריינגעלאָזען אין וואוילטאָג און תענוגים. אָבער מיט די פערגעניגענס און צולאָזענקייט איז געקומען א דורשט נאָך מעהר רייכטום. פיעלע פלעגען אָנלעבען זייערע פערמעגענס דורך פאַלשקייט און געוואַלט, דורך אונטערדריקען די ארבייטענדע און די אָרימע. די רייכע לייט פלעגען לייהען די אָרימע געלט אויף פראָצענט, און ווען דער בעל־חוב האָט ניט געקענט אָבצאָלען דאָס געלט צום טערמין פלעגט מען ביי איהם צונעהמען זיין לעצטען אייגענטום אָדער מאַכען איהם פאַר א קנעכט. אין יאָהרען פון אונגערעטעניש פלעגען די רייכע פערקויפען צו די אָרימע ברויט פון זייערע שפייכלערם פאר הויכע פרייזען. די סוחרים פלעגען נארען די קונים, בענוצענדיג א פאַלשע וואָג און א פאַלשע מאָס. די ריכטער און בעאַמטע זיינען געשטאַנען אויף דער זייט פון די רייכע און מעכטיגע, און ניט פון די אָרימע און שוואכע. זיי פלעגען נעהמען שוחד פון די בעליידיגער און זיך ניט קימערען וועגען די קלאגען פון די געקריוודעטע. די כהנים האָבען זיך אויך געיאָגט נאָך רייכקייט און פערגעניגענס און האָבען דערמיט געגעבען א שלעכטען ביישפּיעל דעם פאָלק. די מדות זיינען פערדאָרבען געוואָרען און מיט זיי אויך די רעליגיעזע אידעען.

אין יענער צייט זיינען אַרויסגעטראָטען מיט פייערדיגע רייד נייע נביאים, וועלכע האָבען געהאַט דעם מוט צו שטראָפען די הערשער און מענטשען פאַר זייערע שלעכטע מעשים. דער שעהנסטער רעדנער צווישען די דאָזיגע נביאים איז געווען עמוס. אין דער יוגענד איז ער געוועזען אַ פּאַסטוך אין דעם שטעדטעל תקוע, אין יהודה, נאָר שפּעטער האָט ער זיך אַריבערגעצויגען אין בית־אל, וואו עס איז געשטאַנען דער וויכטיגסטער טעמפּעל פון מלכות ישראל און וואוהין דער קעניג ירבעם פלעגט אָפט קומען צופאָהרען. זייענדיג געוועהנט צום איינפאַכען לעבען פון דאָרף, איז עמוס אויפגעבראַכט געוואָרען פון דער צולאָזענקייט פון דער גרויסער שטאָדט. בעגאַבט מיט אַ פייערדיגער שפּראַך האָט עמוס גענומען פערדאַמען די זינד פון זיינע פאָלקס־ברידער. אין זיינע דרשות צום פאָלק האָט ער ביטער אַטאַקירט די זשעדנעקייט און פערשווענדעריי פון די רייכע, די אכזריות פון די שטאַרקע און מאַכטהאָבער, און די פערדאָרבענע מדות. ער האָט געזאָגט, אַז אויב דאָס פאָלק וועט ניט בעסער ווערען וועלען אויפ׳ן לאַנד קומען גרויסע אומגליקען. די רייד פון דעם נייעם נביא זיינען ניט געפעלען געוואָרען די כהנים פון דעם טעמפּעל אין בית־אל. איינער פון זיי, אמציה, האָט פער׳מסר׳ט פאַר׳ן קעניג ירבעם, אַז דער נביא עמוס מאַכט דאָס פאָלק אונרוהיג, דערמיט וואָס ער זאָגט נביאות, אַז דאָס לאַנד וועט אונטערגעהן, און אמציה האָט בעפעהלען עמוס׳ען ער זאָל פערלאָזען בית־אל, די הייליגע שטאָדט פון ישראל, און זאָל געהן קיין יהודה און דאָרט זאָגען זיינע נביאות. דערויף האָט עמוס געענטפערט: „איך בין ניט קיין נביא און ניט דער זוהן פון אַ נביא; איך בין געווען אַ שטילער פּאַסטוך און האָב געקליבען פייגען, נאָר גאָט האָט מיך גענומען פון דער סטאַטע שאָף און האָט מיר געזאָגט: גע זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל!" און טאַקע באַלד האָט עמוס אין די שטאַרקסטע אויסדרוקען איבערגע׳חזר׳ט זיינע שרעקליכע נביאות וועגען דעם גורל פון מלכות ישראל.

עמוס איז דער ערשטער אידישער נביא, וועמעס רעדעס עס זיינען דערגאַנגען צו אונז אין די הייליגע שריפטען. אין זיינע נביאות קלינגט אַ מעכטיגער רוף צו איבערבויען דאָס

נעזעלשאפטליכע לעבען אויף די יסודות פון רעכט און יושר, פרייהייט און גלייכהייט. „וועה צו די — שרייט אוים דער נביא — וועלכע ליגען אויף בעטען פון העלפאנדביין און ציהען זיך אוים אויף זייערע געלעגערס, עסען אבגעפיטערטע באראנען, טרינקען וויין פון גרויסע בעכער, צימבלען אויף די הארפען — און קימערען זיך ניט אויפ'ן בראך פון יוספ'ס הויז!" דערפאר וואס איהר טרעט אויפ'ן ארימאן — זאגט עמוס צו די רייכע — „וועט איהר בויען הייזער פון געהאקטען שטיין אבער וואוינען אין זיי וועט איהר ניט; איהר וועט פערפלאנצען שעהנע וויינגערטנער, אבער דעם וויין פון זיי וועט איהר ניט טרינקען". און צו די פרויען פון העכערען קלאס, וועלכע האבען זיך געיאגט נאך תענוגים, זאגט דער נביא מיט צארן: „הערט אוים, איהר קיה פון בשן, איהר וואס בערויבט די ארימע, צושטויסט די אביונים און זאגט צו אייערע הארען: ברענגט אונז — און מיר וועלען טרינקען! עס וועלען קומען טעג און מען וועט אייך פיהרען אויף שיפען (אין גלות) און אייער רעשט —אין פישער־שיפלעך". דער נביא לאכט־אב פון דער פרומקייט פון די אידען וואס איז נאר לפנים און ערקלערט, אז גאט שעצט ניט די רעליגיעזע צערעמאניעס, נאר גוטסקייט און עהרליכקייט צו מענשען: „צו־וואס ברענגט איהר מיר קרבנות? — זאגט גאט. איך וויל ניט אייערע קרבן עולות און מתנות! אייערע ימים־טובים האס איך, דער ריח פון אייערע קטורת אויף אייערע פערזאמלונגען איז מיר מיאוס. נעהם אוועק פון מיר דאס ברומען פון דיינע ליעדער, און לאמיך ניט הערען די קלאנגען פון דיינע גיטארען. זאל בעסער די גערעכטיגקייט זיך צופליסען ווי א וואסער (אומעטום), זאל יושר זיך צוגיסען ווי א מעכטיגער שטראם! עס וועלען אנקומען טעג און איך וועל שיקען א הונגער אויף דער ערד, אבער ניט א חונגער פון ברויט און ניט קיין דורשט פון וואסער, נאר א דורשט צו הערען גאט'ס ווארט. און עס וועלען וואנדערען די מענשען פון ים צו ים, פון צפון צו מזרח וועלען זיי וואגלען, זובענדיג גאט'ס ווארט, אבער זיי וועלען עס ניט געפינען". דער נביא שטעלט גאנץ אפען יהודה העכער ווי מלכות ישראל. אין יהודה און אין דער

געזעצליכער דינאַסטיע פון דוד זעהט ער יענעם קערן פון פאָלק, וואס וועט זיך אויפהאַלטען נאָך אַלע פּאָליטישע איבערקערע־נישען. „איך וועל צושפּרייטען די קינדער פון ישראל צווישען די פעלקער — זאָגט גאָט — נאָר דעם גאַנצען שטאַם פון יעקב וועל איך ניט פערטיליגען. איך וועל אויפשטעלען צוריק דעם צוטרייסעלטען געצעלט פון דוד'ן".

§ 77. מהומות אין מלכות ישראל.; אשור. דאָס לאַנגע קעניגען פון ירבעם דעם צווייטען איז געווען די לעצטע רוהיגע צייט אין דעם לעבען פון מלכות־ישראל. נאָכ'ן טויט פון דעם דאָזיגען קעניג האָבען זיך אָנגעהויבען מהומות. די מלכים האָבען זיך שנעל געביטען איינער נאָכ'ן אַנדערען אויפ'ן טראָהן, און די קעניגליכע מאַכט פלעגט פערכאַפּט ווערען דורך פערראַט און מאָרד. זכריה, דער זוהן פון ירבעם דעם צווייטען, האָט געקעניגט בלויז אַ האַלבען יאָהר. מען האָט געמאַכט געגען איהם אַ פערשווערונג און איהם גע'הרג'עט. מיט זיין טויט האָט זיך געענדיגט די דינאַסטיע יהוא. אויפ'ן טראָהן אין שמרון איז אַרויף דער מערדער פון זכריה, שלום. אָבער אין גיכען איז ער אויך געפאַלען פון די הענד פון מורדים, וועלכע זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פון מנחם בן גדי, פון תרצה. מנחם איז אַריינגעטראָטען אין שמרון און האָט זיך ערקלערט פאַר מלך (768). די יעניגע וואָס האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען זיין הערשאַפט האָט ער גרויזאַם פערפאָלגט. די איינוואוינער פון דער שטאָדט תפסח האָבען זיך ענטזאָגט אַריינצו־לאָזען צו זיך דעם זעלבסט־געקרוינטען קעניג. מנחם האָט בעלאַ־גערט די שטאָדט, און ווען זי האָט זיך אונטערגעגעבען האָט ער דאָרט אויסגע'הרג'עט אַלע איינוואוינער, אַפילו קינדער און מעוברת'ע פרויען. עס האָט זיך שיער ניט צופלאַקערט אַ בירגער־קריעג, נאָר אין יענער צייט האָט זיך אויף מלכות ישראל אָנגע־רוקט אַ שרעקליכער שונא פון מעסאָפּאָטאַמיען. דאָס זיינען געווען די אַסירער, וועלכע האָבען בעשאַפען די גרויסע מלוכה אשור, צווישען די טייכען פרת און חדקל.

אין יענער צייט איז אשור דורך איהרע קריעגערישע מלכים געוואָרען די מעכטיגסטע מלוכה אין מערב־אזיען. נאָכדעם ווי די אַסירער האָבען איינגענומען אַ סך לענדער אין אַרמעניען,

מדי (מידיען) פרס (פערסיען) און בבל, האָבען זיי זיך גענומען ציהען צו די ברעגען פון דעם מיטלענדישען ים. זיי האָבען געוואָלט איינגעהמען סיריען און פעניציען, וואָס זיינען געלעגען ביים ים, די קעניגרייכען ישראל און יהודה, און ענדליך זיך דערלאַנגען צו דער גרויסער עגיפּטען. די אסירישע הערשער האָבען זיך גערופען „גרויסע מלכים", און האָבען געשטרעבט איינצונעהמען די גאַנצע וועלט; זייער הויפּטשטאָדט איז געווען נינוה, א גרויסע שטאָדט אויפ'ן ברעג פון טיגרים. נינוה איז געווען בעוואוסט מיט איהר גרויסער בעפעלקערונג, מיט איהרע רייכטימער, פּרעכטיגע פּאַלאַצען און הייליגע טעמפּלען. די אסיריער האָבען געדיענט צו די שטערען און זייערע הויפּט-געטער זיינען געווען: בל, דער גאָט פון דער זון, און אישתר, די קעניגין פון הימעל און די געטין פון פרוכטבארקייט. בל האָט זיך גערעכענט אויך פאַר'ן גאָט פון מלחמה, און זיין גנאָד האָט מען געקענט געווינען מיט בלוטיגע קרבנות צו איהם. די אסירישע קריעגסלייט האָט מען אומעטום געהאַלטען פאַר גרויזאַמע און אונבעזיעגבארע. ישעיה הנביא שילדערט דעם אסירישען קריעגער אזוי: „ער געהט פלינק און גרינג, ער ווערט ניט מיעד און ווערט ניט שוואך, ער דרימעלט ניט און שלאָפט ניט. דער גארטעל פון זיינע לענדען ווערט קיינמאָל ניט אַרונטערגענומען, און דער רימען פון זיין שוך בינדט זיך קיינמאָל ניט פונאנדער. זיינע פיילען זיינען אָנגעשארפט און זיין בויגען איז אָנגעצויגען. די קאָפּיטעס פון זיינע פערד זיינען ווי קיזעלשטיין, און זיינע רייטוועגען — ווי דער שטורם-ווינד. זיין געשריי איז גליך צום ברומען פון לייב: ער גיט א ברום און כאפּט זיין רויב און פליהט מיט איהר אוועק — און קיינער קען פון איהם ניט רעטען". און די דאָזיגע שרעקליכע קריעגער האָבען איצט געוואָרפען אַן אויג אויף מלכות-ישראל.

דער אסירישער מלך פול האָט זיך א רוק געטהאָן מיט א גרויסען חיל איבער דמשק, איז בעפאַלען די נחלות פון די צפונ'-דיגע שבטים, וואו ער האָט פערנומען א סך רויב און געפאַנגענע, און האָט זיך געלאָזט געהן אויף דער הויפּטשטאָדט שמרון. דער קעניג מנחם האָט זיך געפונען צווישען צוויי פייערען: צווישען

דעם פיינדליכען טייל פון זיין אייגענעם פאָלק און דעם שונא פון דרויסען. האָט ער בעשלאָסען צו זוכען שטיצע ביי דעם דרויסענ־דיגען פיינד געגען דעם אינוועניגסטען. און ער האָט געגעבען פול'ן אַ גרויסע סומע אויסלייז־געלט מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל לאָזען דאָס לאַנד צורוה און זאָל בעפעסטיגען זיין, מנחמ'ס, הער־שאַפט איבער מלכות־ישראל. דער שונא איז אוועק אָבער פון דעמאָלט אָן איז מלכות־ישראל געוואָרען אונטערטעניג צו אשור.

נאָך צעהן יאָהר קעניגען איז מנחם געשטאָרבען און אין צוויי יאָהר ארום האָט די קעניגליכע הערשאַפט אריינגעכאַפּט דער ענערגישער קריעגספיהרער פקח (755).

פקח איז געווען אַ מענש מיט אַ סך מוט און אַ גרויסען אונטערנעהמונגס־גייסט, און ער האָט בעשלאָסען צו בעפרייען זיין לאַנד פון אשור'ס יאָך. פאַר דיעזען צוועק איז ער אריינגעטראָטען אין אַ בונד מיט די אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטער־דריקט פון אשור. דער ארמ'ישער קעניג רצין און דער קעניג פקח האָבען זיך פעראייניגט כדי מיט בשותפות'ע כחות צו פערטיידיגען זיך געגען דעם מעכטיגען פיינד. די פערבינדעטע האָבען בעשלאָ־סען צוצוציהען אויף זייער זייט אויך דעם קעניג פון יהודה.

אין יענער צייט פון צרות און מהומות, ווען די מלכים פלעגען דורך מאָרד אריינכאַפּען די מאַכט אין זייערע הענד, די רייכע לייט האָבען זיך אריינגעלאָזט אין וואוילטאָג און געצענדיענסט און דאָס ארבייטער־פאָלק האָט געשמאַכט אין דחקות און אונוויסענהייט, האָבען זיך בעוויזען נייע בעגייס־טערטע נביאים, וועלכע האָבען אָנגעוויזען דעם פאָלק אויף זיינע שלעכטע מעשים. דער וויכטיגסטער נביא פון יענער צייט איז געווען הושע. אין פייערדיגע רייד אטאַקירט ער די רעליגיעזע און פאָליטישע טעות'ן פון פאָלק. הושע פערגלייכט מלכות שמרון מיט אַ פאַלשער פרוי, וועלכע האָט פערלאָזען איהר געזעצליכער מאַן, יהוה, און איז אוועק נאָך איהר געליעבטען בעל. מיט ביטערקייט רעדט ער וועגען די מלכים פון שמרון, וועלכע בעווייזען זיך ווי „שוים אויפ'ן וואַסער“, וועגען דער לאַסט פון דעם מלך און די הארען. „איך גיב דיר אַ מלך אין מיין צאָרן און נעהם איהם צו אין מיין פערדרוס“ — זאָגט דער

נביא אין דעם נאָמען פון גאָט. ער דערמאָנט דעם פאָלק זיין היסטאָרישע יוגענד, די צייט ווען ער איז אַרויס פון מצרים און געוואַנדערט איבער'ן מדבר. „ווען ישראל איז יונג געווען, האָב איך איהם ליעב געהאַט — זאָגט גאָט מיט די ליפּען פון דעם נביא; — פון מצרים האָב איך גערופען דעם זוהן מיינעם... ווי וויינטרויבען אין מדבר האָב איך געפונען ישראל'ן; ווי יונגע פרוכט אויף'ן פייגענבוים האָב איך דערזעהן די אורעלטערען אייערע". דער נביא דריקט אויס די האָפנונג, אז נאָך אַ סך ליידען וועט די זינדיגע שמרון חרטה האָבען און וועט זאָגען: „איך וועל געהן און וועל זיך אומקעהרען צו מיין ערשטען מאַן, וואָרום מיר איז בעסער געווען דעמאָלט ווי יעצט".

§ 78. די מלכים עוזיהו און אחז אין יהודה. אין מלכות יהודה זיינען ניט געווען אַזעלכע בלוטיגע איבערקערענישען, ווי די וואָס האָבען אויסגעצייכנט די כחות פון מלכות ישראל. דאָ איז דוד'ס דינאַסטיע געווען שטאַרק און דער טראָהן פלעגט אַריבער־געהן בירושה פון פאָטער צו זוהן. אין דער צייט פון עוזיהו, דער אייניקעל פון יואש (755—805), האָט מלכות יהודה ווידער דער־גרייכט צו מאַכט און רייכקייט. עוזיהו האָט פעראייניגט אין זיך די פעהיגקייטען פון אַ העלדישען קריעגספיהרער און אַ גוטען מושל. כדי צו בעשיצען דאָס לאַנד פון פיינדליכע אָנפאַלען האָט ער פערגרעסערט זיין חיל און האָט אויסגעבויט אַ סך פעסטונגען אין פערשיידענע ערטער; איבערהויפּט האָט ער בעפעסטיגט די מויערען פון ירושלים, האָט אויפגעבויט טהורמס, און האָט אוועק־געשטעלט אויף זיי גרויסע מאַשינען, וואָס וואַרפען שטיינער און פיילען. עוזיהו האָט זיך אויך אָבגעגעבען צו ענטוויקלען ערד־אַרבייט און מסחר. יהודה האָט געפיהרט האַנדעל מיט פעניציען און מצרים און איז געוואָרען אַלץ רייכער און רייכער. „דאָס לאַנד איז געוואָרען פול מיט זילבער און גאָלד, מיט פערד און רייטוועגען" — זאָגט אַ נביא פון יענער צייט. אָבער ווען דאָס רייכטום און דער אויסוועניגסטער גלאַנץ פון יהודה זיינען געשטי־גען, האָט מען דאָ אויך אָנגעהויבען ציהען צו וואוילטאָג און פער־דאָרבענע מדות, הגם ניט אין אַזאַ מאָס ווי אין מלכות ישראל. דער קעניג עוזיהו איז בכלל געווען אַ פרומער, נאָר אין די לעצטע

יאָהרען פון זיין לעבען איז צווישען איהם און די כהנים פאָרגע־קומען אַ צוזאַמענשטויס. איינמאָל איז ער אריין אין בית־המקדש און האָט געוואָלט אָנצינדען די קטרת אויפ׳ן מזבח, וואָס נאָכ׳ן דין האָבען עס געמעגט נאָר די כהנים. דער תנ״ך דערצעהלט, אַז ווי נאָר דער קעניג איז צוגעגאַנגען צום מזבח האָט זיך ביי איהם אויפ׳ן שטערען בעוויזען אַן אויסשלאַג. נאָכ׳ן מנהג האָט אַ קרע־ציגער געמוזט לעבען אָבגעזונדערט און האָט זיך ניט געטאָרט ווייזען צווישען מענשען. זייענדיג געשטראָפט מיט דער שרעק־ליכער חולאת האָט עוזיהו נאָך ביים לעבען איבערגעגעבען די קעניגליכע מאַכט צו זיין זוהן יותם, וועלכער האָט געוועלטיגט פופצעהן יאָהר.

אַן אונרוהיגע צייט איז אָנגעשטאַנען אין יהודה אין די יאָה־רען פון יותם׳ס זוהן אחז (724—739). אחז איז ארויף אויפ׳ן טראָהן אין יענער צייט ווען פקח, דער מלך פון ישראל, און רצין, דער מלך פון ארם, האָבען געשלאָסען אַ בונד געגען אשור. זיי האָבען פאָרגעלעגט דעם מלך פון יהודה ער זאָל זיך אויך אָנשליסען אָן דעם דאָזיגען בונד געגען דעם אלגעמיינעם שונא. נאָר אחז, מורא האָבענדיג פאַר דער מעכטיגער אשור, האָט ניט געוואָלט צושטעהן צום בונד. דעמאָלט האָט פקח און רצין ערקלערט קריעג אחז׳ן. די ארמייען פון די פעראייניגטע מלכים האָבען זיך אריינ־געריסען אין יהודה און דאָרט געמאַכט אַ גרויסען חורבן; זיי האָבען זיך שוין אפילו גענומען דערנעהנטערען צו ירושלים. אחז איז געווען אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע. האָט ער געשיקט צום אסירישען קעניג, תגלת פלאסר, און איהם אזוי געזאָגט: „איך בין דיין קנעכט און דיין זוהן. קום און רעטע מיך פון די הענד פון די מלכים פון ארם און ישראל, וועלכע געהען מיט געוועהר געגען מיר!“ דער אסירישער קעניג איז געווען זעהר צופריעדען פון דער אונטערטעניגקייט פון אחז, וועלכער, אָנשטאַט זיך צו פעראייניגען מיט אשור׳ס פיינד, האָט גאָר הכנעה׳דיג געבעטען איהר שוץ, און ער האָט באַלד ארויסגעשיקט אַ חיל אין די לענדער פון פקח און רצין, וועלכע האָבען געגען איהם מורד געווען.

§ 79. דער אונטערגאַנג פון מלכות ישראל. אזוי שנעל ווי פקח און רצין האָבען זיך דערוואוסט אַז אשור׳ס חיל איז אָנגע־

פאלען אויף זייערע לענדער, האָבען זיי אָבגעלאָזט יהודה און זיך שנעל אומגעקעהרט יעדערער אין זיין מלוכה. אָבער עס איז שוין געווען צו שפעט. תגלת־פלאסר האָט איינגענומען דמשק, די הויפטשטאָדט פון ארם, און האָט פערטריבען די איינוואוינער אין א ווייטען לאנד; דעם קעניג רצין האָט ער גענומען געפאַנגען און איהם געטויט. די ארמ׳ישע מלוכה איז צוגעשלאָסען געוואָרען צו אסיריען — און האָט שפעטער געקראָגען דעם נאָמען סיריען (פערקירצט פון אסיריען). נאָכדעם איז תגלת־פלאסר אריינגעטראָטען אין מלכות־ישראל און האָט איינגענומען אין מזרח דעם גאַנצען גלעד, און אין צפון — די נחלות פון די שבטים נפתלי, זבולן און אשר. די דאָזיגע לענדער האָט ער אריינגענומען אין זיינע גרעניצען און זייערע איינוואוינער האָט ער אוועקגעפיהרט געפאַנגען און זיי צושפרייט אין אלע ווינקלען פון דעם גרויסען אסירישען קעניגרייך.

אויף אזא אופן איז פון מלכות־ישראל אָבגעריסען געוואָרען א העלפט פון איהר לאנד (735). פקח איז געבליבען קעניג בלויז איבער׳ן לאנד פון אפרים און די גאַנץ־געבליבענע שכנ׳ישע שבטים, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען די הויפטשטאָדט שמרון. דאָס געבליבענע לאנד האָט אויך געמוזט אנערקענען די אויבערהערשאפט פון אסירישען קעניג און צאָלען איהם צינז. א טייל פון פאָלק איז געוואָרען אונצופריעדען מיט פקח׳ן, וועלכער האָט געבראַכט אזא אונגליק אויפ׳ן לאנד און מען האָט געמאַכט גענגען איהם א פערשווערונג. דער אָנפיהרער פון דער פערשווערונג, הושע בן־אלה, האָט גע׳הרג׳עט פקח׳ן און, מיט דער הילף פון די אסיריער, איז ער געוואָרען קעניג (734).

צעהן יאָהר לאַנג איז הושע געבליבען אונטערוואָרפען צו אשור. דאָס האָט איהם שווער געדריקט און ער האָט געזוכט א געלעגענהייט זיך צו בעפרייען פון דעם פרעמדען יאָך. ווען תגלת־פלאסר איז געשטאָרבען האָבען זיך אין פאלעסטינא ווידער אָנגעפאַנגען אונרוהען. די פעניציער פון צור און עטליכע אַנדערע פעלקער זיינען אויפגעשטאַנען געגען דער אויבערהערשאפט פון אשור. די אויפגעשטאַנענע קליינע פעלקער האָבען א סך געהאָפט אויף דער הילף פון אשור׳ס גרויסען געגנער — מצרים. די אלגע־

מיינע בעוועגונג האָט אַריינגעצויגען אויך דעם מלך פון ישראל, און הושע האָט זיך אין דער שטיל פערבונדען מיט דעם עגיפּטישען קעניג סאָ. פערלאָזענדיג זיך אויף דער הילף פון מצרים האָט הושע אויפגעהערט שיקען דעם יעהרליכען צינז צו תגלת־פּלאסר׳ס יורש, דעם „גרויסען מלך“ שלמנאסר. אָבער ער האָט זיך אָבגענאַרט אין חשבון. ווען דער דערצאָרנטער שלמנאסר האָט זיך אַריינגע־ריסען מיט אַ גרויסען חיל אין מלכות ישראל, האָבען די מצריים אפילו ניט געפּרובט קומען די אידען צו הילף. די אַסיריער האָבען גענומען די אידישע שטעדט איינע נאָך דער אַנדערער און זיינען באַלד צוגעקומען צו שמרון און האָבען זי בעלאַגערט. נאָך פאַר דער בעלאַגערונג פון דער הויפּטשטאָדט איז הושע געפאַנגען געוואָרען פון די אַסיריער, וועלכע האָבען איהם פערשפּאַרט אין תפיסה (724). די בעלאַגערטע איינוואוינער פון שמרון האָבען מיט גרוים מוט זיך געשטעלט געגען דעם שונא. דריי יאָהר האָבען די אַסיריער בעלאַגערט די גוט־בעפעסטיגטע אידישע הויפּט־שטאָדט, וועלכע איז געפאַלען שוין נאָכ׳ן טויט פון שלמנאסר, אין דער צייט פון זיין נאָכפאָלגער סרגון (721).

אַז שמרון איז געפאַלען האָט דער אַסירישער הערשער בע־שלאָסען אויף אייביג צו פערניכטען מלכות ישראל. פאַר דיעזען צוועק האָט ער זיך בענוצט מיט דעמזעלבען מיטעל, וואָס די אַסי־ריער פלעגען שטענדיג געברויכען ווען זיי פלעגען איינגעהמען אַ פיינדליכע מדינה. ער האָט צעהנדליגער טויזענדער אידען אוועק־געפיהרט אין געפאַנגענשאַפט און האָט זיי צושפּרייט איבער אַלע ווינקלען פון זיין מלוכה: „אין חלח, חבור, ביים טייך גוזן און אין די שטעדט פון מדי“. פון שמרון אַליין האָט מען אוועקגעפיהרט 27,280 אידען. אָבער אַ סך האָבען בעוויזען זיך צו רעטען, אַנט־לויפענדיג אין דער שכנ׳ישער מלכות יהודה. אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער מפּלה פון שמרון (720) האָבען די האָרטיגע פערבליבענע איינוואוינער ווידער געפּרובט מאַכען אַן אויפשטאַנד. דאָס האָט ווידער געפיהרט דערצו, אַז אַ סך אידען זיינען מיט געוואַלד אוועקגעשיקט געוואָרען אין ווייטע לענדער. און אַזוי האָבען שמרון און אַנדערע אידישע שטעדט פערלאָרען דעם גרעסטען טייל פון זייערע איינוואוינער. זייענדיג פערטריבען אין ווייטע לענדער

האבען זיך די אידען אויסגעמישט מיט די דארטיגע היידנישע פעלקער, און ענדליך זיינען זיי כמעט אינגאנצען פערשוואונדען צווישען זיי. אין די פערוויסטע אידישע שטעדט האט דער אסירישער קעניג אריבערגעבראכט און בעזעצט אסיריער, בבלים און כותים פון זיין אייגענער מלוכה. די דאזיגע נייע איינוואוינער זיינען געווען געצענדיענער, נאר מיט דער צייט האבען זיי איבערגענומען א סך אידישע מנהגים און גלויבענס. זיי האבען זיך אויסגעמישט מיט דעם רעשט פון די דארטיגע אידען און צולעצט זיינען זיי געווארען א בעזונדערע האלב־געצענדיענרישע, האלב־אידישע פעלקערשאפט, בעוואוסט אונטער'ן נאמען „שמרונים“.

אזוי איז אונטערגעגאנגען מלכות ישראל, די מלוכה פון די צעהן שבטים, וועלכע האט עקזיסטירט צוויי הונדערט און פופציג יאהר נאכדעם ווי זי האט זיך אבגעטיילט פון מלכות יהודה. אונטערגעגאנגען איז ניט נאר די מלוכה, נאר אויך א גרויסער טייל פון אידישען פאלק, וועלכער איז פערשוואונדען צווישען די אזיאטישע פעלקער. דאס דאזיגע אומגליק איז צוגעגרייט געווארען לאנגזאם. די צושפאלטונג פון דער מלוכה נאך שלמה'ן איז געווען דער ערשטער קלאפ פאר דער גאנצקייט פון אידישען פאלק. די צוריסענע מלוכה האט ניט געקענט בייזשטעהן געגען די דרויסענדיגע שונאים. די גרעסערע העלפט איז חרוב געווארען; געבליבען איז נאר די קלענערע — יהודה. פון דעם אידישען פאלק זיינען געבליבען נאר דער שבט יהודה און בנימין, א טייל פון דעם שבט לוי, און די רעשטען פון די צפונ'דיגע שבטים, וועלכע זיינען אנטלאפען קיין יהודה נאכ'ן חורבן פון שמרון.

§ 80. דער קעניג אחז און ישעיה הנביא. דאס מעכטיגע אשור האט חרוב געמאכט די הארטנעקיגע מלכות־ישראל, אבער זי האט געשוינט די הכנעה'דיגע יהודה. אחז, דער מלך פון יהודה, האט אנערקענט דעם מלך פון אשור פאר זיין אויבערהערשער. ווען תגלת־פלאסר האט שוין געהאט איינגענומען א העלפט פון מלכות ישראל איז אחז אוועק קיין דמשק צו בעגריסען דארט דעם זיעגער און געווינען זיין פריינדשאפט. אין דמשק האט זיך אחז בעקענט מיט די אסירישע פיהרונגען און זיי זיינען איהם זעהר געפעלען געווארען. איבערהויפט האט ביי איהם אויסגענומען דער

געצענדיענערישער מזבח, אויף וועלכען דער זיעגער פלעגט ברענגען קרבנות צום אסירישען גאָט. אחז האָט פון דמשק אוועקגעשיקט צום כהן גדול אוריה אין ירושלים א צייכנונג פון דעם דאָזיגען מזבח און איהם בעפעהלען אויסצובויען פונקט אזא מזבח. אוריה האָט ערפילט דעם בעפעהל פון קעניג.

ווען אחז איז צוריקגעקומען פון דמשק האָט ער אָנגעהויבען איינפיהרען אין ירושלים דעם אסירישען דיענסט צו דער זון און די שטערען. ביים אריינגאַנג פון בית־המקדש האָט ער אוועקגעשטעלט א רייטוואָגען מיט פערד לכבוד דעם גאָט פון דער זון. אחז איז אזוי ווייט אוועק אין זיין געצענדיענסט, אז איינמאָל ווען ער איז געווען אין א סכנה, האָט ער פערברענט איינעם פון זיינע זיהן אויפ'ן מזבח פון דעם אָבגאָט מלך. ער האָט זיין קינד געבראכט פאר א קרבן צו שטילען דעם צאָרן פון דעם אָבגאָט. און א סך חשוב'ע לייט פון יהודה האָבען נאָכגעטהאָן דעם קעניג'ס מיאוס'ע מעשים. די פערדאָרבענקייט פון די מדות אין יהודה איז אלץ שטאַרקער געוואָרען און עס איז געווען א סכנה, אז זי זאָל זיך ניט צעוואקסען אזוי ווי אין מלכות ישראל. צום גליק איז געשעהן, אז ווען אחז איז געשטאָרבען, איז אויפ'ן טראָהן פון יהודה ארויף געטראָטען זיין זוהן, דער קלוגער און גאָטספאָרכטיגער חזקיהו (724), וועלכער האָט אָנגעהויבען פיהרען דאָס לאנד אין אידישען גייסט. ווען די אסיריער האָבען איינגענומען שמרון אין די ערשטע יאָהרען פון חזקיהו'ס קעניגען, האָבען די איינוואוינער פון יהודה געזעהן אין דעם די גערעכטע שטראָף פון גאָט פאר די זינד פון ישראל; זיי האָבען זיך אָראָבגענומען א מוסר און זיינען גערן צוגעשטאַנען צו זייער יונגען קעניג חזקיהו, וועלכער האָט זיך גענומען אויסוואָרצלען דעם געצענדיענסט און איינפיהרען א נייע אָרדנונג אין לאנד.

אין די צייטען פון די מלכים אחז און חזקיהו האָט אין יהודה געלעבט דער גרעסטער אידישער נביא, ישעיה, דער זוהן פון אמוץ. זיין נביאות האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין דער צייט פון אחז. יהודה איז דעמאָלט געווען שטארק רייך און האָט געלעבט בשלוה, נאָר איהרע גרויסע און רייכע לייט האָבען נאָכגעטהאָן די פערדאָרבענע מדות פון די שמרונים. ישעיה האָט זיך תמיד געדרעהט

אין דער העברעער געזעלשאַפט פון ירושלים און ביטער געשטראָפט די דאָזיגע געזעלשאַפט פאַר איהרע זינד. ער האָט ארויסגעשטעלט פאַר'ן פאָלק יענע הויכע געזעלשאַפטליכע און גייסטיגע אידעאַלען, צו וועלכע עס האָבען שפּעטער אין משך פון א סך יאָהרהונדערטען גערופען די גרעסטע לעהרער פון דער מענשהייט.

„ווי איז די געטרייע שטאָדט אַן אויסגעלאַסענע געוואָרען! — רופט אוים דער נביא. — זי וועלכע איז פול מיט גערעכטיגקייט געוועזען! אין איהר פלעגט עהרליכקייט רוהען, און איצט — מערדערס (בלויז). דיינע פירשטען זיינען ווידערשפּעניגער, קאַמעראַדען פון גנבים, איטליכער האָט ליעב געשאַנקען און יאָגט זיך נאָך בעצאָלונג. דעם יתום גיבען זיי ניט זיין רעכט און די קלאַגע פון דער אלמנה קומט צו זיי ניט אָן“...

„וועה צו די וועלכע רוקען א הויז צו א הויז און נעהנטערען א פעלד צו א פעלד אַז ס'איז מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ, און איהר אליין בלייבט זיצען אינ'ם לאַנד“... „צו וואס מיר אייערע פיעל אָפּפער? — זאָגט גאָט. ווען איהר קומט זיך ווייזען פאַר מיין געזיכט, ווער בעט עס פון אייך איהר זאָלט מיינע הויפען טראַמפּלען? ברענגט ניט אייערע ליגען־געשאַנקען; אייער ווייהרויך איז אַן עקעל פאַר מיר. אייערע מאָנאַט־פּעסטען און אייערע פייערטעג האַסט מיין זעלע. וויפיעל איהר זאָלט ניט בעטען הער איך זיך ניט איין; אייערע הענד זיינען מיט בלוט געפילט. וואשט זיך אָב, רייניגט זיך, טהוט־אָב אייערע בייזע טהאַטען פון מיינע אויגען, הערט־אויף שלעכטס צו טהאָן. לערנט זיך גוטס טהאָן, זוכט גערעכטיגקייט, אונטערשטיצט דעם אונטערדריקטען, גיט זיין רעכט דעם יתום, נעהמט זיך אָן די קריוודע פון דער אלמנה!“ (יהואש'ס איבערזעצונג).

ישעיה'ס נביאות ווערט בעזונדערס שאַרף אין דער צייט פון אחז, ווען מען האָט אין ירושלים אָנגעהויבען נאָכמאַכען די אסירישע אָרדנונגען און איינפיהרען דעם געצענדיענסט. דער נביא האָט געזעהן דעם אָנפאַל פון תגלת־פּלאסר, וועלכער האָט איינגענומען ארם און א העלפט פון מלכות ישראל, און ער האָט פאָראויסגעזאָגט יהודה דעמזעלבען סוף, אויב זי וועט זיך ניט פאַרבעסערען. ער האָט אָבגעלאַכט פון אחז'ן, וואָס ער שרעקט זיך אזוי און בויגט

זיך שקלאַפּיש פאַר'ן אַסירישען מלך. „אשור — דאָס איז נאָר אַ שטעקען אין די הענד פון דעם צאָרנדיגען גאָט. קען די האַק זיך שטעלען העכער פון דעם העקער? קען די זעג שטאָלצירען איבער דעם, וואָס זעגט מיט איהר?" דער פערבלענדעטער אחז האָט מורא געהאַט פאַר'ן שטעקען אָבער ניט פאַר גאָט, אין וועמעס הענד דער שטעקען, אשור, איז נאָר אַ בלינדער געצייג. דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז די שטאָלצע אשור, פאַר וועלכער עס האָבען געציטערט אַלע פעלקער, וועט אונטערגעהן. ער האָט אויך נביאות געזאָגט וועגען דעם שיקזאַל פון דמשק, שמרון, צור, מואב, מצרים און אַנדערע מלוכות.

ישעיה'ס רעדעס האָבען איבערראַשט מיט זייער קראַפט און שעהנקייט. אין אַ צייט פון שווערער פערדאָרבענקייט האָט דאָס מעכטיגע וואָרט פון דעם נביא געוועקט דאָס געוויסען פון פאָלק. ישעיה האָט געהאַט אַ סך תלמידים און נאָכפאָלגער צווישען די בעסערע מענשען פון יהודה, און די האָבען גראָטעוועט דאָס פאָלק פון פאַלען. ישעיה האָט נאָך אויך דערלעבט בעסערע צייטען, ווען אויפ'ן טראָהן פון יהודה איז אַרויפגעטראָטען דער גאָטספאָרכטיגער חזקיהו, וועלכער האָט אויסגעראָט אַלע שלעכטע אָרדנונגען, וואָס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פאַר זיין פאָטער אחז. די נבואות פון ישעיה ווערען דעמאָלט ליכטיגער און מונטערער. דער אידעאַל פון אַ גוטען הערשער און אַ גליקליכען לאַנד שטעלט זיך פאַר דעם נביא אין פאָלגענדען בילד:

„עס וועט אַרויסגעהן אַ צווייג פון ישי'ס שטאַם (דוד'ס דינאַסטיע), און אַ ריטעל וועט פון זיינע וואָרצלען אַרויסוואַקסען, און עס וועט רוהען אויף איהם (דעם קעניג) דער גייסט פון גאָט, דער גייסט פון קלוגהייט און פערשטאַנד, דער גייסט פון ענטשלאָסענהייט און העלדישקייט, דער גייסט פון וויסען און גאָטספאָרכטיגקייט... ער וועט משפט'ען מיט גערעכטיגקייט די נויטבעדערפטיגע, און ער וועט אורטיילען מיט ריכטיגקייט די גערדריקטע פון לאַנד. גערעכטיגקייט וועט זיין דער גאַרטעל ארום זיינע לענדען (ד. ה. ער וועט זיך ניט צושיידען דערמיט). און אַ וואָלף וועט וואוינען מיט אַ שעפּס, און אַ טיגער וועט ליגען מיט אַ ציקעלע, און אַ קאַלב און אַ יונגער לייב און אַ

פעטער רינד אינאיינעם, און א קליין קינד וועט זיי פיהרען. און א קוה און א בער וועלען זיך צוזאמען פיטערען, צוזאמען וועלען זייערע יונגע ליגען, און דער לייב וועט אזוי ווי דער רינד — שטרוי עסען. און א זויגלינג וועט זיך שפיעלען ביי דעם לאך פון א פיפערנאָטער, און אויף דער נאָרע פון א גיפטיגער שלאנג וועט אן ענטוועהנט קינד זיין האנד אויסשטרעקען. זיי וועלען

ישעיה'ס טרוים פון אייביגען שלום.

ניט טהאָן קיין בייז און זיי וועלען ניט שאַדען טהאָן אויפ'ן גאנצען הייליגען בארג מיינעם, דען די גאנצע ערד וועט זיין פול מיט ערקענונג פון גאָט, אזוי ווי דאָס וואסער פערדעקט דעם ים" (יהואש'עס איבערזעצונג).

פאר'ן בליק פון דעם נביא טראָגט זיך ניט א בילד פון א וויל־דער, קריעגערישער מלוכה, וואָס בעזיעגט די גאנצע וועלט מיט'ן

שווערד, נאָר דער אידעאַל פון אַ פריעדליכען פאָלק, וואָס ווערט רעגירט מיט גערעכטיגקייט, וואָס שטרעבט צו מאַכען גלייך די שוואַכע מיט די שטאַרקע, און צו אָבשאַפען די אונטערשיידען צווי־שען די קלאַסען. יהודה דאַרף זיך ניט וועלען גלייכען צו אשור, „די שטילע וואַסערען פון שלח (אַ קליינער טייך אין ירושלים) — מיט די מעכטיגע שטירמישע וואַסערען פון פרת“, וואָס פערטרינקען די ערד ווייט און ברייט. די אידישע מלוכה דאַרף זיין אַן אינערליך שטאַרקע און גערעכטע מלוכה, און ניט קיין קריעגערישע וועלט־מאַכט, וואָס איהר כח בעשטעהט אין געוואַלט, און איהר רעכט — אין פויסט. נאָך מעהר, דאָס אידישע פאָלק דאַרף דערגרייכען אַזאַ הויכע מדרגה, אַז עס זאָל דיענען פאַר אַ ביישפּיעל צו אַנדערע פעלקער און זאָל זיך פערבינדען מיט זיי אין אַן ענגער, גייסטיגער איינהייט.

„אין דעם ענד פון די טעג — זאָגט ישעיה — און פעסט אויפגעשטעלט וועט זיין דער בארג פון גאָט׳ס הויז, אויף דעם שפּיץ פון די בערג, אויפגעהויבען איבער אַלע הויכע ערטער וועט ער זיין. און עס וועלען שטראָמען צו איהם אַלע נאַציאָ־נען. און פיעל פעלקער וועלען געהן און וועלען זאָגען: קומט, לאָזען מיר אַרויפשטייגען צו דעם בארג פון דעם אייביגען, צו דעם הויז פון יעקב׳ס גאָט, און ער וועט אונז לערנען פון זיינע וועגען, און מיר וועלען אין זיינע שטעגען געהן, דען פון ציון קומט אַרוים די לעהרע, און גאָט׳ס וואָרט — פון ירושלים. און ער וועט אורטיילען צווישען די נאַציאָנען און רעדען וועט ער צו די פעלקער. און זיי וועלען איבערשמידען זייערע שווערדען אין אַקעראייזענס און זייערע שפּיזען אויף גאָרטען־מעסערס. אַ פאָלק קעגען אַ פאָלק וועט מעהר קיין שווערד ניט אויפהוי־בען און זיי וועלען מעהר ניט לערנען קיין קריעג“ (יהואש׳ס איבערזעצונג).

צוועלפטער קאַפּיטעל.

מלכות יהודה אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון אשור און בבל.

(720—586 פאַר קריסטל. צייטר.)

§81. חזקיהו. זינט דער צייט פון דוד המלך איז אויפ'ן טראָהן פון יהודה ניט געזעסען נאָך א קעניג, וואָס זאָל זיין אזוי גאָטספאָרכטיג און איבערגעבען צו די אינטערעסען פון פאָלק ווי חזקיהו (696—274). אין די ערשטע יאָהרען פון זיין קעניגען האָט חזקיהו געזעהן די מפּלה פון שמרון און דעם אונטערגאנג פון מלכות־ישראל, און ער האָט געוואָלט פערהיטען יהודה פון דעם ביטערען גורל פון איהר זינדיגער שוועסטער שמרון. דעריבער האָט ער זיך אוועקגעשטעלט פאַר א ציעל צו בעפעסטיגען אין לאַנד דעם אמת'ן גלויבען, געזעליכקייט און אָרדנונג. מיט גרויס פליים האָט זיך דער יונגער מלך גענומען אויסוואָרצלען דעם אסירישען געצענ־דיענסט, וואָס זיין פאָטער אחז האָט פערפלאַנצט. אויף זיין בעפעהל האָט מען פערניכטעט אלע געצענבילדער; מען האָט אויך צובראָכען די קופּערנע שלאַנג, צו וועלכער דער פּראָסטער המון האָט זיך געבוקט ווי צו א גאָט, וואָס היילט פון קראַנקהייטען. חזקיהו האָט פאַרבאָטען צו בויען מזבחות צו גאָט אויף הויכע ערטער (במות) אין פערשיידענע שטעדט און דערפער; ער האָט געפאָדערט, אז אין די גרויסע ימים־טובים זאָלען אלע עולה־רגל זיין קיין ירושלים. ער האָט געהייסען אַרויסוואַרפען פון בית־המקדש די געצענבילדער, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, האָט אַרויסגע־טריבען די אומווירדיגע כהנים און לויים. עס איז אויף דאָס ניי איינגעפיהרט געוואָרען דער גאָטעסדיענסט לויט די אַלטע מנהגים פון פאָלק. די כהנים פלעגען ברענגען קרבנות פון הויזליכע פיה אויפ'ן מזבח פון ה', און די לויים פלעגען זינגען אין כאָר לויב־געזאַנגען צו גאָט און פלעגען בעגלייטען זייער געזאַנג מיט מוזי־קאַלישע אינסטרומענטען. בעזונדערס פרעהליך פלעגט מען פייערען

פסח, ווען קיין ירושלים פלעגט זיך צוזאמענקומען דאָס פאָלק פון אַלע עקען לאַנד. אין דער צייט פון אַזעלכע יום־טוב׳דיגע פערזאַמ־לונגען פלעגט זיך דער קעניג מתקרב זיין צום פאָלק, פלעגט מתפלל זיין און זיך פרעהען מיט איהם צוזאמען. חזקיהו האָט מקרב געווען די נביאים און איבערהויפט האָט ער געשעצט דעם גרויסען נביא ישעיהו.

ווען חזקיהו האָט איינגעאָרדענט די אינוועניגסטע ענינים פון דער מלוכה, האָט ער זיך גענומען צו פערשטאַרקען איהר מעמד צווישען די פעלקער. פון אחז׳ס צייטען אָן איז יהודה געשטאַנען אונטער דער איבערהערשאַפט פון אשור און האָט איהר געצאָלט צינז; אָבער חזקיהו האָט געוואָלט בעפרייען זיין לאַנד פון דער דאָזיגער אונטערוואָרפענקייט. אין יענער צייט האָט אין אשור געקעניגט דער שטאָלצער סנחריב, וועלכער האָט געשטרעבט איינ־צונעהמען נייע לענדער און אפילו דאָס גרויסע מצרים. דער עגיפ־טישער מלך תרהקה האָט זיך געגרייט צו מאַכען אַ ווידערשטאַנד געגען די אסיריער. האָט חזקיהו געשלאָסען אַ בונד מיט דעם עגיפּטישען מלך, כדי צוזאמען צו קעמפּפען געגען דעם אַלגעמיינעם פיינד. תרהקה האָט צוגעזאָגט חזקיה׳ן, אַז ווי נאָר די אסיריער וועלען אָנפאַלען אויף יהודה וועט אָן עגיפּטישער פערד־חיל קומען די אידען צו הילף. ישעיה׳ן איז דער בונד ניט געפעלען און ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט טרויען די הבטחות פון די פאַלשע מצריים. „גאָט — האָט ער געזאָגט — וועט אויסשטרעקען זיין האַנד, און עס וועט זיך אויסגליטשען דער העלפער, און עס וועט אומפאַלען דער געהאָלפענער, אוןביידע צוזאמען וועלען אומ־קומען“. אָבער חזקיהו, געשטיצט פון זיינע הויפליים, האָט דאָס מאָל ניט געפאָלגט דעם נביא. דער קעניג האָט אָנגענומען אַלע מיטעל צו בעפעסטיגען ירושלים אין פאַל דער שונא זאָל קומען. אַרום דעם מויער פון דער אַלטער פעסטונג האָט ער אויפגעשטעלט נאָך איינעם, האָט ביידע מויערען בעפעסטיגט מיט טהורמס, האָט זיי אַרומגעגראָבען מיט גראָבענס, האָט צוגעגרייט אַ סך געוועהר, האָט דורכגעצויגען וואַסער אין שטאָדט אַריין און די קוואַלען און שטראָמען הינטערן שטאָדט האָט ער געהייסען פערשיטען, כדי דער שונא זאָל ניט האָבען קיין וואַסער צו טרינקען אין דער צייט פון

דער בעלאגערונג. נאכדעם האט חזקיהו זיך ערקלערט אונאב־העננגיג פון דער אויבערהערשאפט פון אשור (703).

§ 82. סנחריב׳ס אנפאל. אין דער צייט ווען חזקיהו האט מורד געווען געגען אשור, איז סנחריב געגאנגען מיט א גרויסען חיל געגען מצרים. ווען סנחריב האט זיך דערוואוסט פון דעם בונד צווישען יהודה און מצרים, האט ער בעשלאסען פריהער צו אונטערטעניג מאכען יהודה, וועלכע איז געלעגען אויף זיין וועג. די אסיריער האבען זיך ארייגגעריסען אין יהודה און האבען אנגע־הויבען פערוויסטען שטעדט און בערויבען די איינוואוינער. זייער לאגער האט זיך געפונען נעבען לכיש, ניט ווייט פון ירושלים. פון דאנען האט סנחריב געשיקט דריי הויפטלייט מיט א מחנה חיל קיין ירושלים, מיט דער פאדערונג די שטאדט זאל זיך אונטער־געבען. די שלוחים האבען פערלאנגט צו זעהן דעם קעניג אליין, אבער חזקיהו האט ארויסגעשיקט צו זיי זיין הויף־פערוואלטער אליקום און צוויי הארען. די שלוחים זיינען זיך צוזאמענגעקומען ביי דעם פעסטונגס־מויער פון ירושלים; אויף דעם דאזיגען מויער זיינען ארויפגעגאנגען די צושראקענע איינוואוינער פון שטאדט צו זעהן וואס דא וועט פארקומען. איינער פון די אסירישע שלוחים, רבשקה, האט זיך געווענדט צו די אידישע פארשטעהער מיט פאלגענדע ווערטער: „זאגט צו חזקיהו אין דעם נאמען פון דעם גרויסען קעניג פון אשור: אויף וועמען פערלאזטו זיך, וואס דו האסט מורד געווען געגען מיר? אומזיסט שטיצסטו זיך אויף מצרים, דעם צובראכענעם שטעקען, וואס קען זיך ארייגשטעקען אין דער האנד פון יענעם, וואס שפארט זיך אויף איהם אן און זי דורכ־שטעכען. צי קענסטו זיך פארמעסטען אין כח אפילו מיט דעם קלענסטען פירשט, וואס דיענט מיין הערשער?“ נאכדעם האט רבשקה זיך געווענדט צו די דערשראקענע איינוואוינער, וואס זיינען געשטאנען אויפ׳ן מויער, און האט הויך געזאגט: „לאזט זיך ניט פערפיהרען פון דעם קעניג חזקיהו, ווארום ער וועט אייך ניט רעטען פון די הענד פון דעם אסירישען קעניג. זאל ער אייך ניט טרייסטען מיט דער האפנונג, אז גאט וועט אייך העלפען און די שטאדט וועט ניט אריינפאלען אין אונזערע הענד. צי האבען רען די געטער פון אנדערע פעלקער געראטעט זייערע לענדער פון אונ־

זערע הענד?" די אידען וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן מויער האָבען גאָרנישט געענטפערט. ווען די אידישע שלוחים האָבען זיך צוריקגעקעהרט און האָבען איבערגעגעבען חזקיה'ן די ווערטער פון רבשקה, איז דער קעניג שטאַרק אונרוהיג געוואָרען. ער האָט געבעטען ישעיה'ן מתפלל צו זיין צו גאָט, אז ער זאָל רעטען ירושלים. ישעיה איז געווען גערירט פון דעם קעניג'ס הכנעה און האָט איהם באַלד בערוהיגט און געזאָגט, אז גאָט וועט ניט געבען דעם זיעג צו סנחריב'ן, וועלכער האָט אַזוי גראָב געשפּאָט פון דעם אידישען פאָלק און זיין גאָט.

בשעת עס זיינען אָנגעגאַנגען די פערהאַנדלונגען צווישען דעם אַסירישען און דעם אידישען מלך, איז תרהקה, דער קעניג פון מצרים, ארויס מיט אַ גרויסען חיל געגען די אַסיריער. דעמאָלט האָט סנחריב אָבגעלאָזט יהודה און איז אוועק צו דער גרעניץ פון מצרים, צו בעגעגענען תרהקה. פון וועג האָט סנחריב ווידער געשיקט צו חזקיהו אַ בריעף מיט סטראַשונקעס און מיט דער פאָדערונג — זיך באַלד אונטערצוגעבען צו דער אַסירישער הער־שאַפט. אָבער חזקיהו איז געווען ערמוטיגט מיט דער הילף פון מצרים און האָט זיך ענטזאָגט צו ערפילען די דאָזיגע פאָדערונג. צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פאָלק האָט ער אין בית־המקדש הייס מתפלל געווען פאַר דער בעפרייאונג פון דעם פאָטערלאַנד. ישעיה האָט אונטערגעהאַלטען דעם מוט פון פאָלק מיט זיינע וואונדער־ליכע נבואות, אין וועלכע ער האָט פאָראויסגעזאָגט אַ גיכע מפּלה אויף דעם אַסירישען חיל. און ווירקליך, אין גיכען האָט זיך פער־שפּרייט די נאַכריכט, אז סנחריב'ס גרויסער חיל, וואָס איז געגאַנ־גען אויף מצרים, געהט אין איילעניש צוריק (701). צווישען פאָלק האָט מען גערעדט, אז גאָט האָט אָנגעשיקט אַ מגפה אויף די אַסי־ריער און אז אַ „מלאך פון גאָט" האָט פערטיליגט אין זייער לאַגער 185,000 מאַן אין איין נאַכט. אין מצרים האָט מען דערצעהלט, אז איינמאָל ביינאַכט האָט אַ ריעזיגע מחנה פעלד־מייז צוגריזעט די קליידער, שיך און געוועהר פון די אַסיריער, וועלכע האָבען דעריבער געמוזט אָבטרעטען. סנחריב אַליין איז אַנטלאָפען קיין נינוה.

ישעיה'ס נבואה אויף'ן שטאָלצען שונא איז מקוים געוואָרען

און ירושלים איז גערעטעט געוואָרען פון חורבן. אין די לעצטע יאָהרען פון חזקיהו'ס לעבען האָט יהודה ווידער גענאָסען רוה און פריעדען. נאָך אַ קעניגען פון אכט־און־צוואַנציג יאָהר, איז דער פרומער חזקיהו געשטאָרבען און איז בעגראָבען געוואָרען אין קעניגליכען קבר פון דוד.

§ 83. דאָס פאַלען פון דער אמונה אין מנשה'ס צייטען.

נאָך חזקיהו'ס טויט זיינען אין דעם אינוועניגסטען לעבען פון יהודה פאָרגעקומען ענדערונגען צום ערגערען. חזקיהו'ס זוהן מנשה האָט ניט נאָכגעטהאָן זיין גאָטספאָרכטיגען פאָטער, נאָר זיין געצענדיענערישען זיידען (695—640). מנשה איז אַלט געווען צוועלף יאָהר ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען. דערמיט האָבען זיך בענוצט אחז'ס אַלטע ראַטגעבער און הויפּלייט, וועלכע זיינען געווען איבערגעבען צום געצענדיענסט און זיינען אין חזקיהו'ס צייטען דערוויטערט געוואָרען פון הויף. זיי האָבען גענומען דעם יונגען קעניג אין זייערע הענד און האָבען צוערשט רעגיערט אין זיין נאָמען, און נאָכהער האָבען זיי איהם אַליין אויסגעלערענט צו פיהרען זיך ווי זיי האָט זיך געוואָלט. מנשה האָט אָבגעשאַפט אַלע פערבעסערונגען וואָס חזקיהו האָט איינגעפיהרט. ער האָט ניט געפאָדערט פון די איינוואוינער פון דער פּראָווינץ, אַז זיי זאָלען אין די גרויסע ימים־טובים קומען קיין ירושלים צו דיענען גאָט אין בית־המקדש, נאָר ער האָט ערלויבט צו בויען אומעטום מזבחות אויף הויכע ערטער און דאָרט מקריב זיין קרבנות. די אַלט־כנענ'ישע היידנישע פאָרמען פון גאָטעס־דיענסט האָבען געקראָגען דיזעלבע רעכט וואָס די אידישע. אין ירושלים האָט געהערשט אַ גרויסע צומישעניש פון רעליגיעזע צערעמאָניעס. דאָ זיינען געבויט געוואָרען אי מזבחות לכבוד בעל, אי געצענבילדער פון אשרה, אי אַלטאַרען צו די שטערען. היידנישע אָבגעטער און מזבחות האָבען זיך געפונען אפילו אויף די פּלעצער און הויפען, וואָס זיינען געלע־גען ארום בית־המקדש. אין טאָל גיהנום, הינטערן שטאָדט, איז געשטאַנען אַ מזבח, אויף וועלכען מען פלעגט מקריב זיין קליינע קינדער צו יהוה, אַזוי ווי עס איז געווען דער בלוטיגער דיענסט צום אָבגאָט מלך. דער געצענדיענסט איז געווען פערבונדען מיט אויס־געלאַסענקייט און גראָבע אָבערגלויבענס. אין לאַנד האָבען זיך

פערפיהרט אויסגעלאַסענע פריסטערינס, מכשפים, צויבערער און טויטען־בעשווערער (בעלי־אב). די נביאים און כהנים וועלכע האָבען אויפגעהויבען זייער שטימע געגען די דאָזיגע היידנישע מעשים זיינען אויסגעשטאַנען שווידערליכע רדיפות. דער גרויסער נביא ישעיה האָט שוין דעמאָלט ניט געלעבט. עס איז פאַראַן אַן אַלטע תלמוד'ישע לעגענדע, וואָס דערצעהלט, אַז ישעיה האָט זיך בעהאַלטען פון די פערפאָלגונגען אין אַן אויסגעהוילטען צעדער־בוים, נאָר דער מלך מנשה האָט איהם דאָרט געפונען און געהייסען צוזעגען דעם נביא צוזאַמען מיט'ן בוים. אָבער ישעיהו'ס תלמידים האָבען מיט זעלבסטאויפאָפּפערונג געטהאָן ווייטער זיין ארבייט, האָבען געשטראָפט דעם קעניג און דאָס פאָלק פאַר זייערע פער־ברעכענס און געשראָקען מיט גאָט'ס צאָרן. אין יענער צייט האָט אשור ווידער אונטערטעניג געמאַכט יהודה, און מנשה האָט געמוזט טראָגען דעם שווערען יאָך.

מנשה האָט געקעניגט קרוב צו פופציג יאָהר. זיין זוהן אמון (640) איז אויפ'ן צווייטען יאָהר פון זיין קעניגען געפאַלען א קרבן פון א פערשווערונג פון זיינע הויפלייט. פאַר'ן קעניג פון יהודה איז ערקלערט געוואָרען אמונ'ס אַכט־יעהריגער זוהן יאשיהו (608—638).

§ 84. די בענייאונג פון דער רעליגיאָן אין יאשיהו'ס צייטען. כל זמן יאשיהו איז געווען קליין האָבען אין זיין נאָמען רעגירט דיזעלבע הארען, וועלכע האָבען אין די פריהערדיגע צייטען געמאַכט פון יהודה כמעט א היידנישע לאַנד, אונטערוואָרפען צו די אסירישע מלכים. נאָר ווען דער קעניג איז עלטער געוואָרען און איז צוגעטראָטען צו די ענינים פון דער מלוכה, האָט ער פערשטאַנען די גאַנצע פאַלשקייט פון די פריהער־דיגע פיהרונגען; ער האָט זיך אַלץ מעהר מתקרב געווען צו דער פאַרטיי פון די נביאים, וועלכע האָבען געשטרעבט צו איבערבויען דאָס אינווענינגסטע לעבען.

זיך שטיצענדיג אויף דער דאָזיגער פאַרטיי האָט דער מלך יאשיהו בעשלאָסען נאָכצוטהאָן דעם ביישפּיעל פון זיין עלטער־זיידען חזקיהו און האָט זיך גענומען איבערבויען דאָס אינווענינגסטע לעבען פון דער מלוכה. קודם־כל האָט ער געהייסען די כהנים

קלייבען געלט און רופען מייסטערס צו פעררעכטען דעם בית־המקדש, וועלכער איז שוין פערעלטערט געוואָרען. אין דער צייט פון דער ארבייט האָט מען אין איינעם פון די חדרים פון בית־המקדש געפונען א כתב־יד, אין וועלכען עס זיינען געווען פארשריבען די אַלטע געזעצען און לעהרען פון משה (דאָס איז געווען דער לעצטער ספר פון חומש „דברים“ אָדער „משנה תורה“). דער כהן גדול חלקיהו, וועלכער האָט דעם כתב־יד געפונען, האָט איהם איבערגעגעבען דעם קעניגליכען מזכיר, און יענער האָט עס געבראַכט פאַר׳ן קעניג. דער געפונענער ספר איז געווען געשריבען אין דער פאָרמע פון א צוואה, וועלכע דער גרויסער לעהרער משה האָט געלאָזט די אידען אין דעם מדבר. אין דער דאָזיגער צוואה ווערט פאָראויסגעזאָגט דער גורל פון דעם אידישען פאָלק און לאַנד. אין ווייכע, ריהרענדע ווערטער בעט משה די אידען, זיי זאָלען אָבהיטען די געבאָטען פון דעם ריינעם גלויבען און פון דער ריינער מאָראַל און ניט נאָכטהאָן די געצענדיענער. דער גרונד־געדאַנק פון דעם ספר דברים בעשטעהט דערין, אז עס איז פאַראַן אַן איינציגער גאָט וואָס איז אַל־פאָלקאָם און אַל־גוט, וועלכער האָט אויסדערוועהלט דאָס אידישע פאָלק פון אַלע פעלקער און האָט איהם איבערגעגעבען די גרויסע אמת׳ן פון גלויבען, גוטסקייט און מענשענליעבע. דער דאָזיגער גאָט, יהוה, זאָרגט ווי א גוטער פאָטער פאַר זיין פאָלק און פאָדערט פון איהם נאָר ער זאָל געטריי אָבהיטען די געבאָטען, וואָס זיינען איהם געגעבען געוואָרען. די געבאָטען — דאָס זיינען א רייה געזעצען, וועלכע פערזיכערען רוה און גליק סיי פאַר דעם יחיד, סיי פאַר דעם כלל. איינפאַכע מדות, א ריינער גלויבען, אמת און גערעכטיגקייט, און דער עיקר — זאָרגען פאַר די שוואַכע און שוצלאָזע פון דער געזעלשאַפט — דאָס זיינען די יסודות פון תורת משה. דאָס איז א גאַנצע סיסטעם פון מאָראַל און צוזאַמענלעבען, וואָס מיט איהר הויכען גייסט האָט זי ניט קיין גלייכען צווישען אַלע רעליגיאָנען פון דער וועלט. אָבער צו דערזעלבער צייט איז דאָ ניטאָ קיין שטרעבען צו אונמעגליכעם: אַלע דינים און געזעצען האָבען צו טהאָן מיט׳ן לעבען און קענען פערווירקליכט ווערען. „דאָס געזעץ וועלכען איך גיב דיר — זאָגט משה צום פאָלק — איז ניט אונדערגרייכבאַר פאַר דיר און ניט

ווייט פון דיר. עס איז ניט אויפ׳ן הימעל און ניט אויף יענער זייט ים. נאָר אויף דיינע ליפּען און אין דיין הארצען, און אַז דיר הענגט אָב דו זאָלסט עס ערפילען". צוזאַמען מיט די ווייכע רייד זיינען אויך דאָ הארטע וואָרטער, געווענדט צו יענע דורות, וועלכע וועלען אָבטרעטען פון גאָט׳ס געבאָטען. פאַר עובר זיין אויף די דאָזיגע געבאָטען, האָט משה געוואָרענט, וועט קומען גאָט׳ס שטראָף, וועלכע וועט בעשטעהן אין פאָלקס-אונגליקען, אין מפּלות פאַר דער מלוכה, און אפילו אין דעם פאָלשטענדיגען אונטערגאַנג פון דער מלוכה.

ווען דער קעניגליכער שרייבער האָט פאָרגעלייענט אין פּאַלאַץ דעם הייליגען כתב־יד, איז דער קעניג נשתומם געוואָרען פון זיין אינהאַלט. ער האָט איצט פערשטאַנען ווי ווייט דאָס אידישע פאָלק איז אָבגעטראָטען פון די הייליגע געזעצען, וואָס משה האָט געגעבען די אידען, און ער האָט מורא געהאַט, אַז די שרעקליכע אומגליקען, וואָס דער גרויסער געזעצגעבער האָט פאָראויסגעזאָגט, וועלען באַלד טרעפען דאָס לאַנד יהודה. אין גרויס שרעק האָט יאשיהו געשיקט זיינע מקורבים קיין ירושלים צו דער נביאה חולדה צו פרעגען ביי איהר צי דאַרף דאָס פאָלק זיך ריכטען אויף גאָט׳ס שטראָף פאַר די זינד פון די לעצטע דורות. די נביאה האָט געענט־פערט, אַז גאָט האָט שוין לאַנג בעשלאָסען צו שטראָפען דאָס אידישע פאָלק פאַר זיינע זינד, נאָר אַזוי ווי דער קעניג יאשיהו האָט שלום געמאַכט מיט זיין גאָט, וועט אין זיין צייט ניט קומען דאָס אומגליק, וואָס וואַרט אויף יהודה.

בערוהיגט פון דער דאָזיגער נבואה האָט יאשיהו צוזאַמענ־גערופען דאָס פאָלק אין בית־המקדש. דאָ, שטעהענדיג אויף אַ בימה, האָט ער פאָרגעלייענט אויפ׳ן קול דעם נייעם הייליגען ספר און האָט געצוואונגען די צוהערער צו געבען אַ צוזאָג, אַז זיי וועלען אָבהיטען די הייליגע געזעצען, וואָס זיינען דאָרט פערשריבען. דאָס פאָלק האָט צוגעזאָגט. נאָכדעם האָט דער קעניג זיך פלייסיג גענו־מען אויסצוראָטען דעם געצענדיענסט. די מזבחות, בילדער און סטאַטועו פון די געטער זיינען צושטערט געוואָרען. אַלע געצענ־בילדער וואָס זיינען געוועזן אין בית־המקדש האָט מען ארויסגע־וואָרפען און פערברענט, און דער רייטוואָגען מיט די פערד לכבוד

דעם גאָט פון דער זון, וואָס איז געשטאַנען פאַר׳ן טהיר פון בית־המקדש, האָט מען פערניכטעט. די פריסטער און פריסטערינס פון די אָבגעטער זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד. און ווען פון דעם געצענדיענסט איז שוין קיין זכר ניט געבליבען אין גאַנצען לאַנד, האָט אין פריהלינג דער קעניג צונויפגערופען דאָס פאָלק פון אַלע שטעדט קיין ירושלים דאָרט צו פייערען דעם יום־טוב פסח אזוי ווי עס פאָדערט דאָס געזעץ. אויף אַזאַ אופן איז אין יהודה אויף דאָס ניי איינגעשטעלט געוואָרען אַ ריין אידיש לעבען. דעם גאָטספאָרכטיגען יאשיהו האָט מען שטאַרק געריהמט און מען פלעגט איהם פערגלייכען מיט דעם פרומען חזקיהו און אפילו מיט דוד׳ן. אין זיין צייט האָבען די נביאים געקראָגען אַ שטאַרקען איינפלוס אויף די ענינים פון דער מלוכה.

דער גרעסטער נביא אין יאשיהו׳ס צייטען איז געווען ירמיהו, וועלכער האָט געשטאַמט פון די כהנים. נאָך אין זיין פריהער יוגענד האָט ירמיהו דערשפּירט אין זיך אַ נביאי׳שען גייסט. אין זיין נביאי׳שער בעגייסטערונג פלעגט ירמיהו זאָגען דעם ביטערען אמת אלעמען: דעם מלך, די כהנים, די הארען און דעם פּראָסטען פאָלק. ער האָט געשטרעבט צו פיהרען די אויסוועניגסטע פּאָליטיק פון לאַנד און דאָס גייסטיגע לעבען פון פאָלק לויט די גרויסע געבאָטען פון „משנה תורה“. אין גיכען האָט ירמיהו פערנומען אין יהודה יענעם גרויסען אָרט, וואָס עס האָט אַמאָל פערנומען דער נביא ישעיהו.

§ 85. דער קאַמפף מיט מצרים; יהויקים. אין די לעצטע יאָהרען פון יאשיהו׳ס קעניגען האָבען זיך אויפ׳ן מזרח אָנגעהויבען גרויסע פעלקער־בעוועגונגען, וועלכע האָבען געענדערט דעם שיקזאַל פון אַ סך מלוכות. די הערשערין פון אזיען, די שטאָלצע אשור, האָט שוין געהאַלטען נאָהנט ביים פאַלען. עס האָבען זיך פון איהר אָבגעריסען איהרע גרעסטע פּראָווינצען: מדי און בבל. די אָבגעריסענע פּראָווינצען האָבען אָנגעהויבען שרעקען זייער געוועזענע אויבערהערשערין און איהר הויפּטשטאָדט נינוה. אין יהודה האָט זיך געשטאַרקט די האָפנונג צו בעפרייען זיך פון דער אסירישער אויבערהערשאַפט. נעגען אשור האָט אויך געארבייט איהר אַלטער שונא מצרים. דער עגיפּטישער פרעה נכו האָט געוואָלט קריגען אַ

חלק פון דער צופאַלענער אַסירישער מלוכה, האָט ער זיך געלאָזט נעהן מיט אַ גרויסען חיל צום טייך פּרת. אָבער כּדי צו דערגריי־כען דעם בעשטימטען פּלאַץ, האָט דאָס עגיפּטישע חיל געמוזט דורכגעהן דורכ'ן לאַנד יהודה. יאשיהו האָט בעשלאָסען ניט צו לאָזען די מצריים דורכגעהן זיין לאַנד, וואָרום ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען זיי וועלען איינגעהמען די דערביייאיגע אַסירישע פּראָווינצען, וועלען זיי פאָדערען אונטערטעניגקייט אויך פון יהודה, וועלכע האָט געצאָלט צינז צו אשור. און ער איז אַרויס מיט אַ גרויסען חיל געגען נכו און האָט איהם פאַרשטעלט דעם וועג. ביים טהאָל מגידו, נעבען די כּרמל בערג, האָבען זיך די פיינדליכע אַרמעען בעגעגענט און עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, וואָס האָט זיך געענדיגט אומגליקליך פאַר די אידען: דער אידישער חיל איז צושלאָגען געוואָרען און יאשיהו אַליין איז טויטליך פערוואונדעט געוואָרען (608). די דיענער האָבען באַלד אַוועקגעפיהרט דעם גוסס'ן מלך קיין ירושלים. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען בעגעגענט דעם טויטען קערפּער פון זייער קעניג מיט יאָמער און געוויין.

די מפּלה ביי מגידו האָט געמאַכט יהודה אונטערטעניג צו מצרים. ווען נכו האָט צוגענומען ביי אשור גאַנץ אַרם, אָדער סיריען, האָט ער זיך ערקלערט פאַר אויבערהערשער אויך איבער דער שכנ'ישער יהודה. יאשיהו האָט נאָך זיך געלאָזט דריי זיהן. פון זיי האָט נכו בעשטימט פאַר'ן מלך דעם עלטערען זוהן יהויקים (597—607). יהויקים איז געווען אַ שלעכטער און דעספּאָטישער מענש און די אידען האָבען איהם ניט ליעב געהאַט. אָבער ער איז געפעלען געווען דעם עגיפּטישען מלך און איז געוואָרען אַ געהאָרכ־זאַמע געצייג אין זיינע הענד. נכו האָט אַרויפגעלעגט אויף יהודה אַ גרויסען געלט־אָבצאָל, דערפאַר וואָס יאשיהו האָט זיך געשטעלט געגען איהם. יהויקים פלעגט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אויפמאָהנען פון פאָלק דעם דאָזיגען אָבצאָל.

אַזוי זיינען צורונען יהודה'ס האָפנונגען צו ווערען זעלבסט־שטענדיג דורך דער צופאַלונג פון אשור: אויף דעם אָרט פון דער אַסירישער אויבערהערשאַפט איז געקומען די עגיפּטישע. ביי יהויקים און זיינע הארען איז דאָס אַלץ רעכט געווען; נאָכמעהר,

כדי געפעלען צו ווערען די מצריים און נושא־חן צו זיין ביי דעם עגיפּטישען קעניג, האָבען זיי איינגעפיהרט אין ירושלים דעם עגיפּטישען געצענדיענסט און א סך עגיפּטישע מנהגים. יהויקים האָט, אזוי ווי די פּרעה׳ס, זיך אריינגעלאָזט אין א לעבען פון וואוילטאָג. ער האָט אויסגעבויט פאר זיך א נייעם פּאלאץ אין ירושלים און די ארבייט האָבען פאר איהם געמוזט טהאָן אידישע בירגער. און ווידער האָט זיך אין יהודה בעפעסטיגט די הערשאַפט פון א קליינער צאָל אריסטאָקראטען (אָליגארכיע) און דאָס אידישע פאָלק האָט געקרעכצט אונטער דעם יאָך פון פרעמדע און אייגענע הערשער.

§ 86. **יהויקים און ירמיהו הנביא.** געגען דער דאָזיגער פערדאָרבענקייט פון די הערשער און די העכערע קלאסען האָבען ביטער געקעמפּפט די אמת׳ע פריינד פון פאָלק, די נביאים, וועלכע זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פון ירמיהו. ירמיהו האָט גאָר אָהן מורא געזאָגט דעם קעניג און די הארען דעם ביטערען אמת און האָט פאָראויסגעזאָגט, אז גאָט וועט אין זיין צאָרן טהאָן מיט יהודה דאָס זעלבע וואָס אמאָל מיט שמרון. איבערהויפּט האָט ער אין זיינע רעדעס געדונערט געגען יענע צבוע׳קעס, וועלכע פלעגען פאַרשטעלען זייערע אונעהרליכע מעשים מיט א מאסקע פון פרומקייט, און האָבען געוואָלט איינרעדען דאָס פאָלק, אז גאָט וועט ניט לאָזען פאלען ירושלים צוליעב זיין בית־המקדש. די דאָזיגע צבוע׳קעס האָבען בעלאָנגט מעהרסטענטייל צו די כהנים, און ירמיהו האָט זיי גערופען „נביאי השקר“, פאַלשע נביאים. „פערלאָזט זיך ניט — פלעגט ירמיהו וואָרנען — אויף די פאַלשע רייד: דאָ איז גאָט׳ס הייליגע הויז! איהר גנב׳עט, איהר מאָרדעט און זייט אויסגעלאסען, איהר זאָגט ליגען, איהר דיענט דעם בעל און דער קעניגין פון הימעל (דער נאָמען פון אן עגיפּטישען אָבגאָט) און דערנאָך קומט איהר און שטעלט זיך פאר גאָט אין דעם דאָזיגען הויז און איהר זאָגט: מיר זיינען געשיצט. און דערנאָך טהוט איהר ווידער דיזעלבע פערברעכענס. געהט קיין שלה (אין אפרים), וואו עס איז אמאָל געשטאַנען גאָט׳ס טעמפּעל און זעהט וואָס פון איהם איז געוואָרען פאר די זינד פון די בני ישראל! איהר טהוט דיזעלבע זינד און גאָט וועט זיך בעגעהן מיט׳ן טעמפּעל פון ירושלים

אזוי ווי ער איז זיך בעגאַנגען מיט'ן טעמפּעל פון שלה; ער וועט אייך פערשטויסען אזוי ווי ער האָט פערשטויסען די קינדער פון אפרים!" איינמאָל ווען ירמיהו האָט געהאַלטען אין בית־המקדש אזא רעדע, האָבען איהם ארומגערינגעלט א מאַסע כהנים און פאַלשע נביאים און האָבען געשריען: „דו מוזט שטאַרבען, דער־פאַר וואָס דו האָסט געזאָגט, אז דער בית־המקדש פון ירושלים וועט חרוב ווערען אזוי ווי דער טעמפּעל פון שלה!" א גרויסער המון האָט זיך צונויפגעקליבען אויפ'ן פּלאַץ וואָס פאַר'ן בית־המקדש. אויפ'ן טומעל זיינען געקומען צו לויפען די שרים פון קעניגליכען הויף און גלייך אויפ'ן אָרט, ביי די טויערען פון בית־המקדש, האָט מען זיך געזעצט משפט'ען דעם נביא. די כהנים און די פאַלשע נביאים האָבען געפאָדערט, אז מען זאָל ירמיהו'ן פער'משפּט'ן צום טויט פאַר זיינע שרעקליכע נביאות. ירמיהו האָט זיך געווענדעט צו די הארען און צום פאָלק און האָט געענט־פערט: „גאָט האָט מיר געהייסען רעדען דאָס אַלץ, וואָס איהר האָט געהערט. פאַרבעסערט אייערע וועגען, פאָלגט גאָט, און ער וועט אָבווענדען דאָס אונגליק, וואָס ער האָט פאַר אייך בעשטימט. און איך בין אין אייערע הענד; טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט". די ריכטער האָבען אנערקענט, אז פון די אַלטע צייטען אָן האָבען די נביאים געהאַט פולע פרייהייט צו רעדען אין גאָט'ס נאָמען און זיי האָבען ירמיהו'ן בעפרייט. דורך דער מיה פון זיינע פריינד איז ירמיהו דאָס מאָל געראַטעוועט געוואָרען פון סכנה.

אין די ערשטע יאָהרען פון יהויקים'ס קעניגען איז פאָרגע־קומען א וויכטיגע געשעהעניש: אין דער צייט פון דעם אסירישען קעניג סאַראַק איז אשור איינגאַנצען צופאַלען געוואָרען און איהר הויפּטשטאָדט נינוה איז צושטערט געוואָרען פון די מעדיער און באַבילאָנער. די הערשאַפט איבער אזיען איז אריבער צו בבל. דער קעניג פון בבל איז דעמאָלט געווען דער קריעגערישער נבוכדנצר. איינגעהמענדיג אַלע פריהערדיגע אסירישע לענדער האָט נבוכדנצר אויך געוואָלט בעזיעגען סיריען; נאָר די דאָזיגע פראָווינץ איז שוין געווען אין די הענד פון דעם עגיפּטישען פרעה נכו. דעריבער איז נבוכדנצר אריינגעטראָטען אין א קאַמפּף מיט מצרים. ביי דער שטאָדט כרכמוש איז פאָרגעקומען א בלוטיגע שלאַכט צווישען די

עגיפּטער און באבילאָנער, און די לעצטע האָבען געזיעגט. נכו האָט געמוזט אָבטרעטען נבוכדנצר'ן די סירישע לענדער און צוזאַמען דערמיט אויך די אויבערהערשאַפט איבער יהודה (604). ירמיהו הנביא האָט געראָטען דעם אידישען מלך ער זאָל מיט'ן גוטען ווילען זיך אונטערגעבען דעם אונבעזיעגבארען נבוכדנצר, נאָר יהויקים האָט נאָך אַלץ געהאָפט אויף דער הילף פון מצרים און האָט געצעגערט. דעמאָלט האָט ירמיהו אין זיינע רעדעס צום פאָלק אָנגעהויבען נביאות זאָגען, אז אין גיכען וועט דער מלך פון בבל קומען און חרב מאַכען יהודה.

§ 87. **די הערשאַפט פון בבל; די געפאַנגענשאַפט פון יהויכין.** די טרויעריגע נביאות פון ירמיהו האָט אָנגעהויבען מקוים ווערען. דער זיעגרייכער קעניג פון בבל, נבוכדנצר, איז ארוים מיט אַ גרוים חיל אויף יהודה. אין די שטעדט, וואָס זיינען געלעגען ביי די גרעניצען האָבען שוין די באבילאָנער אָנגעהויבען בושעווען און בערויבען די איינוואוינער. דעמאָלט האָט זיך יהויקים ערקלערט אונטערטעניג צו נבוכדנצר'ן (600). און יהודה האָט איצט אָנערקענט די אויבערהערשאַפט פון בבל, אזוי ווי פריהער — פון אשור און מצרים.

די אונטערוואַרפענקייט צו בבל האָט יהויקים'ען זעהר שווער געדריקט און ער האָט געזוכט אַ געלעגענהייט זיך צו בעפרייען פון איהר. אין דריי יאָהר ארום האָט יהויקים, ערמוטיגט פון דעם עגיפּטישען קעניג, אויפגעהערט צו צאָלען צינז נבוכדנצר'ן. דער דאָזיגער שריט האָט געבראַכט אויף יהודה אַ גרוים אומגליק. נבוכדנצר, וועלכער איז געווען פערנומען מיט אַ מלחמה געגען די פעניציער און עגיפּטען, האָט דערווייל געשיקט קיין יהודה קליינע מחנות צו פערוויסטען די גרעניץ־שטעדט, און אליין האָט ער זיך געקליבען צו געהן אהין מיט אַ גרויסען חיל ווען ער וועט ענדיגען די אָנגעהויבענע מלחמות.

אין דער דאָזיגער אומעטיגער צייט איז דער קעניג יהויקים געשטאָרבען. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען ארויפגעזעצט אויפ'ן טראָהן זיין אַכצעהן־יאָהריגען זוהן יהויכין (597). נחשתא, די מוטער פון דעם יונגען קעניג, האָט גענומען די רעגירונג אין איהרע הענד און אַלץ איז געגאַנגען אזוי ווי פאַר יהויקים'ען.

אָבער די נייע רעגירונג האָט געדויערט אינגאַנצען דריי מאָנאַטען. נבוכדנאצר, וועלכער האָט שוין דערווייל איינגענומען א טייל פון פעניציען און פאַלעסטינא, איז אַריינגעדרונגען אין יהודה, האָט פערכאַפּט א סך שטעדט און איז צוגעטראָטען צו ירושלים זי צו בעלאַגערען. ווען די בעלאַגערונג האָט זיך אָנגעהויבען, האָט דער קעניגין און יהויכין איינגעזעהן, אַז די הויפּטשטאָדט וועט ניט קענען ביישטעהן קעגען דער מעכטיגער קראַפט פון די באַבילאָנער. איז יהויכין און זיין מוטער מיט זייערע הויפליים ארויס פון ירושלים און זיינען אוועק צום באַבילאָנישען לאַגער, כדי אליין אויסצודריקען אונטערטעניגקייט צו נבוכדנאצר׳ן און שטילען זיין כעס. נאָר דער שטאָלצער זיגער איז ניט ווייכער געוואָרען. ער האָט געהייסען פערהאַלטען יהויכינ׳ען און זיין מוטער און זיי אָבשיקען געפאַנגענע אין דער שטאָדט בבל, די הויפּטשטאָדט פון זיין מלוכה. צוזאַמען מיט זיי האָט נבוכדנאצר פערשיקט אהין צעהן טויזענד פון די חשוב׳ע לייט פון ירושלים, כהנים און ארבייטער פון געוועהר, וועלכע האָבען געהערט צו די געגנער פון דער באַבילאָנישער הערשאַפט. חוץ דעם האָט נבוכדנאצר צוגענומען א סך גאָלד און זילבער פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ און פון בית־המקדש. אויף אזא אופן האָט ירושלים פערלאָרען איהרע וויכטיגסטע מענשען און דעם גרעסטען טייל פון איהרע רייכטימער. איבער דער געבליבענער בעפעלקערונג פון יהודה האָט נבוכדנאצר געמאַכט פאַר א מלך יאשיהו׳ס אינגסטען זוהן צדקיהו (586—597). דער נייער קעניג האָט געגעבען א שבועה, אַז ער וועט זיין געטריי דעם באַבילאָנישען הערשער.

§ 88. **צדקיהו; די הכנות צום אויפשטאַנד.** די צעהן יאָהר פון צדקיהו׳ס קעניגען זיינען געווען א צייט פון שווערע מהומות און אונרוהען אין מלכות יהודה. צדקיהו איז געווען א שוואַכער און אונענטשלאָסענער מענש, און איז ניט געווען פעהיג צו רעגירען דאָס לאַנד אין אזא שטירמישער צייט. ער האָט הויך געשעצט דעם נביא ירמיהו, וועלכער האָט גע׳טענה׳ט, אַז מען דאַרף געדולדיג אַריבערטראָגען די הערשאַפט פון בבל, כדי ניט אריינצופאַלען אין אַן ערגערער צרה; נאָר אין דערזועלבער צייט האָט ער זיך געניינגט צו דער זייט פון די האַרען, וועלכע האָבען

געוואָלט מורד זיין נעגען נבוכדנאצר'ן און בעפרייען דאָס לאַנד פון שווערען יאָך.

דער פערלאַנג צו בעפרייען דאָס פאָטערלאַנד איז בעזונדערס שטאַרק געווען ביי די פערטריבענע, וועלכע האָבען געלעבט צוזאַמען מיט יהויכינ'ען אין בבל. זיי האָבען געטרוימט צו אומקעהרען זיך אין גיכען אהיים און אין דער שטיל האָבען זיי געפיהרט פערהאַנד־לונגען מיט זייערע קרובים און פריינד אין ירושלים וועגען אַן אויפשטאַנד נעגען נבוכדנאצר'ן. אומזיסט האָט זיי געוואָרנט דער יונגער נביא יחזקאל, וואָס האָט געלעבט צווישען זיי, און וועל־כער האָט געשטאַמט פון די כהנים. יחזקאל האָט גע'טענה'ט צו די גולים, אז זיי זאָלען געדולדיג אריבערטראָגען דעם גלות בבל, ווייל דאָס איז געווען אַ שטראָף פון גאָט פאַר זייערע אַמאָליגע זינד און טעות'ן. ער האָט פאָראויסגעזאָגט, אז אויך די איינוואוינער וואָס זיינען נאָך געבליבען אין יהודה וועלען אין גיכען פערטריבען ווערען אין גלות און אז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען איבער זיין פאָלק נאָר דעמאָלט, ווען די נשמה פון פאָלק וועט זיך אויסלייטערען דורך ליידען. אָבער די אידען אין בבל האָבען זיך אַזוי ווייניג צו־געהערט צו די רייד פון יחזקאל, אַזוי ווי די אידען אין ירושלים — צו די רייד פון ירמיהו. ווען ירמיהו האָט זיך דערוואוסט וועגען די פּלענער פון די גולי בבל, האָט ער זיי געשיקט אַ בריעף און זיי געבעטען צו פערבלייבען רוהיג אין יענעם אָרט, וואוהין דער שיק־זאַל האָט זיי פערטריבען. „בויט אייך דאָרט הייזער — האָט ער זיי געשריבען — און וואוינט אין זיי; פלאַנצט אייך גערטנער און עסט זייערע פירות. זאָרגט אייך וועגען דעם וואוילשטאַנד פון דער שטאָדט, וואוהין גאָט האָט אייך געבראַכט, וואָרום ווען דער שטאָדט וועט גוט זיין וועט אייך אויך גוט זיין. און עס וועט קומען די צייט און גאָט וועט אייך אומקעהרען פון געפאַנגענשאַפט“. דער דאָזיגער בריעף איז די פערטריבענע ניט געפעלען. אין ירושלים זיינען אויך אַ סך אויפגעבראַכט געוואָרען געגען ירמיהו, מען האָט איהם אָנגערופען פעררעטער און פריינד פון נבוכדנאצר. ירמיהו האָט טיעף געליטען זעהענדיג ווי דאָס פאָלק פערשטעהט איהם ניט. ער האָט היים געליעבט זיין פאָטע־לאַנד און ער האָט

געוואוסט, אז אן אויפשטאנד געגען נבוכדנאצר'ן וועט זי אינגאנ־
צען חרוב מאכען.

89 §. חורבן ירושלים. אן ערך פון זיבען אָדער אכט
יאָהר האָט צדקיהו אָבגעהיט די שבועה פון טרייהייט, וואָס ער
האָט געגעבען צו נבוכדנאצר'ן; נאָר ענדליך האָט ער בעשלאָסען
אָרונטערצוּוואַרפען פון זיך דעם באבילאָנישען יאָך, אזוי ווי עס
האָבען געפאָדערט די מעהרהייט איינוואוינער פון ירושלים.
צדקיהו האָט אויפגעהערט צו צאָלען צינז דעם באבילאָנישען
קעניג און אויף אזא אופן האָט ער ערקלערט זיין לאנד פאר אונ־
אָבהענגיג. אין ירושלים האָט מען זיך גענומען גרייטען צו א
מלחמה מיט בבל. ווען נבוכדנאצר האָט זיך דערוואוסט וועגען
דעם אויפשטאנד פון די אידען, איז ער אריין אין גרויס רציחה
און איז ארויסגעטראָטען מיט א גרויסען חיל צו בעשטראָפען די
מורדים. די באבילאָנישע מחנות זיינען אריין אין יהודה, האָבען
איינגענומען א סך בעפעסטיגטע שטעדט, האָבען געראויבט די איינ־
וואוינער און זיי אוועקגעפיהרט געפאנגען. וואוהין דער שונא איז
אונטערגעקומען זיינען א סך איינוואוינער אנטלאָפען קיין ירושלים
און האָבען דערמיט פערגרעסערט די אזוי אויך געדיכטע בעפעל־
קערונג פון דער הויפטשטאָדט. ירושלים איז געווען שטארק
בעפעסטיגט און די איינוואוינער האָבען בעשלאָסען זיך צו פער־
טיידיגען ביז דער לעצטער מעגליכקייט.

ווינטער, אין אָנהויב פון יאָהר 587, האָט נבוכדנאצר'ס חיל
בעלאגערט ירושלים און האָט אויפגעשאָטען ארום דער שטאָדט
א הויכען וואל. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען זיך גענומען
צו די געוועהר. כדי צו פערגרעסערען די צאָהל זעלנער האָט
צדקיהו בעפעהלען פרייצולאָזען אלע קנעכט פון אידישער אָב־
שטאמונג. די אידען האָבען זיך העלדיש פערטיידיגט. א גאנץ
יאָהר האָבען די באבילאָנער בעלאגערט די הויפטשטאָדט, אָבער
אָהן ערפאָלג. פלוצלינג האָט נבוכדנאצר געקראָגען א ידיעה, אז
דער עגיפטישער קעניג חפרה געהט אויף איהם מיט א גרויסען
חיל. די באבילאָנער זיינען שנעל אָבגעטראָטען פון ירושלים און
זיינען אוועק געגען די מצריים. די אידען האָבען זיך שטארק
געפרעהט, זעהענדיג דערין דעם אָנפאנג פון דעם שונא'ס מפלה;

נאָר זייער פרייד איז געווען צו־פריה. נבוכדנאצר האָט שנעל בעוויזען צו צושלאָגען די מצריים און זיין חיל האָט אויף ס'ניי בעלאַגערט ירושלים. די אָנפאַלען פון דעם שונא זיינען געוואָרען אַלע מאָל שרעקליכער. ירמיהו האָט ניט אויפגעהערט צו טענה'ן, אַז די שטאָדט וועט חרב ווערען אויב זי וועט זיך ניט פרייוויליג אונטערגעבען דעם פיינד. דעמאָלט האָבען די אויפגערעגטע האַרען געזאָגט צום קעניג חזקיהו: „ירמיהו פאַרדיענט דעם טויט, ווייל ער שלאָגט אָב דעם מוט פון די קריעגער מיט זיינע נביאות". דער קעניג האָט געענטפערט: „ער איז אין אייערע הענד, און איך קען נעגען אייך גאָרניט טהאָן". האָבען די האַרען בעפעהלען און מען האָט ירמיהו'ן אריינגעוואָרפען אין אַ גרוב פון ליים. דער נביא וואָלט אומגעקומען אין דער גרוב ווען עס זאָל זיך אויף איהם ניט געווען דערבאַרמען איינער פון די הויפדיענער. דער דאָזיגער דיענער האָט געמאָלדען דעם קעניג וועגען דער סכנה, אין וועלכער ירמיהו האָט זיך געפונען, און אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל האָט מען ירמיהו'ן אויף שטריק ארויסגעצויגען פון גרוב און איהם אריבער־געפיהרט אין הויז פון דער הויפוואַך.

די מהומה אין ירושלים איז געוואָרען אַלץ גרעסער. די אָנגע־גרייטע שפייז איז אויסגעגאַנגען און עס איז אָנגעשטאַנען אַ הונגער. די קריעגסלייט אויף די מויערען זיינען אומגעקומען פון דעם שונא'ס פיילען, און אין די הייזער און אין די גאַסען פון ירושלים זיינען די מענשען געשטאָרבען פון הונגער און מגפות. מענער און פרויען פלעגען ווי די שאָטענס אומוואַנדערען איבער די גאַסען און פלעגען אָפּט פאַלען פערשמאַכטע; קינדער פלעגען מיט געוויין שרייען: ברויט, ברויט! עס זיינען געווען פעלען ווען איידעלע מוטערס האָבען אָבגעקאָכט דאָס פלייש פון זייערע טויטע קינדער און דערמיט געשטילט זייער הונגער. די אויסגע־מאַטערטע אידישע קריעגסלייט האָבען שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט צו פערטיידיגען די פעסטונגען. ענדליך, אין חדש תמוז (יוני) פון יאָהר 586, האָבען די באַבילאָנישע קריעגער דורכגע־בראָכען אין איין אָרט די וואַנד פון ירושלים און האָבען זיך אריינ־געריסען אין שטאָדט אריין. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שרעקליכע שחיטה. די גרויזאַמע באַבילאָנער האָבען גע'הרג'עט

יעדען איינעם, וואָס איז זיי געקומען צו דער האַנד, און האָבען ניט געשוינט ניט קיין פרויען און ניט קיין קינדער. צוזאַמען מיט די באַבילאָנער האָבען זיך אין ירושלים אויף אַריינגעריסען ווילדע באַנדעס פון אדומים, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו זיי, און האָבען גערויבט און געפּלינדערט דאָס פערמעגען פון די איינוואוינער. דער מלך צדקיהו און איינינע הארען און קריעגסלייט זיינען ביינאַכט אַנטלאָפען פון ירושלים. נאָר נעבען יריחו האָבען באַבילאָנישע רייטער זיי אָנגעיאָגט. צדקיהו'ן און זיינע זיהן האָט מען אַוועק־געפיהרט אין דער סירישער שטאָדט רבלה, וואו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען נבוכדנאצר. דער קעניג פון בבל האָט זיך מיט זיי אָבגערעכענט אויף אַ גרויזאַמען אופן: ער האָט בעפעהלען צו טויטען צדקיהו'ס זיהן פאַר זייער פאָטער אין די אויגען, און צדקיהו'ן אַליין האָט ער געהייסען נאָכהער אויסשטעכען די אויגען, שמידען איהם אין קייטען און אַוועקפיהרען קיין בבל.

נאָר דערמיט האָט זיך נאָך דער צאָרן פון דעם זיעגער ניט געשטילט. נבוכדנאצר האָט געשיקט נבוזראדן, דעם אויבערהאַר פון זיין לייבוואַך, קיין ירושלים מיט אַ בעפעהל איינגאַנצען חרב צו מאַכען די שטאָדט. דער אכזריות'דיגער קריעגספיהרער איז אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָדט פון יהודה, האָט אַוועקגערויבט אַלע אוצרות פון בית־המקדש און אַלע טהייערע כלים און ציערונג, און עס אָבגעשיקט קיין בבל. אין דעם ניינטען טאָג אין חדש אב (יולי) האָט ער פאַרברענט דעם פּראַכטפולען בית־המקדש, וועלכער האָט עקזיסטירט פון שלמה המלכ'ס צייטען אָן, אויף דעם קעניג־ליכען פּאַלאַץ און אַנדערע גרויסע געביידען, האָט צעוואָרפען די ווענד פון ירושלים און האָט אַוועקגעפיהרט געפאַנגען אַ סך איינ־וואוינער. דעם כהן גדול שריהו, זיינע העלפער און איינינע גרויסע הארען, ארום זעכציג מאַן, האָט ער אָבגעשיקט קיין רבלה, וואו נבוכדנאצר האָט זיי געלאָזט טויטען. די איבעריגע אידישע געפאַנגענע, וועלכע האָבען געהערט צום בעסטען טייל פון דער ירושלימ'ער געזעלשאַפט, זיינען פערטריבען געוואָרען אין בבל. געבליבען זיינען אין ירושלים און אין אַנדערע ערטער פון יהודה בלויז די אָרימע איינוואוינער. ירמיהו הנביא איז פון אָנפאַנג אויך אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט, אָבער שפּעטער האָט

נבוכדנאצר געהייסען איהם בעפרייען, ווארים ער איז די גאנצע צייט געשטאנען פאר דער אונטערטעניגקייט צו בבל. דער נביא איז געווען שטארק דערשלאגען פון דעם שרעקליכען אומגליק, וואס האט געטראפען זיין פאטערלאנד. ער האט ביטער בעוויינט דעם חורבן פון ירושלים, וועלכען ער האט לאנג צוריק פאראויסגעזעהן.

אין תנ"ך זיינען פערבליבען קלאג־ליעדער אויפ'ן חורבן פון ירושלים, וועלכע זיינען לויט דער מסורה געשריבען געווארען פון ירמיהו (מגלת „איכה"). פאלגענדע זיינען איניגע שטעלען פון די דאזיגע ליעדער, וועלכע ווערען עד היום געלייענט אין די שוהלען אום תשעה באב:

„ווי איינזאם איז געבליבען זיצען די שטאדט, די גרויס־בעפעלקערטע! ווי אן אלמנה איז זי געווארען. די גרויסע צווי־שען פעלקער, די הערשערין איבער מדינות — מוז צאלען צינז. וויינען טהוט זי ביינאכט און די טרערען רינען איבער איהרע באקען; זי האט קיין טרייסט ניט צווישען איהרע פריינד, אלע איהרע נאהנטע האבען אין איהר געפעלשט, זיינען געווארען איהרע פיינד. ציונ'ס וועגען טרויערען ווייל קיינער געהט איבער זיי ניט צו די ימים־טובים; אלע איהרע טויערען זיינען וויסט, איהרע כהנים זיפצען, איהרע בתולות זיינען טרויעריג. א, ווי האט גאט פערפינסטערט דעם גלאנץ פון דער טאכטער ציון (די אידישע נאציאן) איהר קעניג און איהרע הארען זיינען ביי פרעמדע פעלקער, ס'איז קיין תורת ניטא, אויך איהרע נביאים האבען ניט בעקומען קיין נבואה. עס זיצען אויף דער ערד און שווייגען די זקנים פון ציון, האבען בעדעקט דעם קאפ מיט אש, האבען זיך אנגעגורט אין זעק; ס'האבען אראבגעלאזט זייערע קעפ די בתולות פון ירושלים. עס זיינען אויסגעגאנגען פון טרערען מיינע אויגען, מיינע געדערים זיינען איינגעשרומפען איבער דעם בראך פון מיין פאלק. מיט וואס זאל איך דיר פערגלייכען דו טאכטער פון ירושלים, צו וואס זאל איך דיר צוגלייכען אום דיך צו טרייס־טען? ווארום גרויס ווי דער ים איז דיין בראך: ווער קען דיך היילען? אלע פארבייגעהער פאטשען מיט די הענד און שאק־לען מיט'ן קאפ: איז דאס די שטאדט, וואס אויף איהר האט

ירמיהו קלאגט איפ'ן חורבן.

מען געזאָגט — פאָלקאָם אין שעהנקייט, די פרייד פון דער וועלט?"

§ 90. דער נשיא גדליהו; די פערוויסטונג פון יהודה.
אז ירושלים איז חרב געוואָרען און די חשוב'ע לייט זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען געפאַנגען, איז אין יהודה געבליבען מעהרסטענס דאָס פּראָסטע פאָלק — די ערדארבייטער און וויינגערטנער. נבוכדנאצר האָט ניט געוואָלט פערוואַנדלען דאָס בעזיעגטע לאַנד אין אַ וויסטעניש, און ער האָט ערלויבט די איינוואוינער צו זיין די בעלי־בתים איבער דער ערד, בתנאי אז זיי זאָלען זי בעארבייטען. פאַר'ן פערוואַלטער איבער'ן לאַנד איז בעשטימט געוואָרען דער אידישער נשיא גדליהו בן אחיקם. גדליהו איז געווען אַ פריינד פון ירמיהו און האָט געהערט צו דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבען צו דער באַבילאָנישער אויבערהערשאַפט, און דעריבער האָט איהם נבוכדנאצר אויסגעקליבען פאַר זיין שטעלפערטרעטער אין יהודה. נבוכדנאצר האָט פאָרגעלעגט ירמיהו'ן ער זאָל ענטוועדער געהן קיין בבל און לעבען דאָרט אונטערן קעניגליכען שוץ, אָדער בלייבען אין יהודה און זיין גדליהו'ס ראַטגעבער אין דער פערוואַלטונג פון לאַנד. ירמיהו האָט בעשלאָסען צו בלייבען אין זיין פאָטערלאַנד, ביי דער זייט פון גדליהו'ן.

אזוי ווי ירושלים איז געווען חרב, האָט זיך גדליהו בעזעצט אין דער שטאָדט מצפה, ניט ווייט פון ירושלים. אונטער דער פערוואַלטונג פון גדליהו'ן איז די צושטערטע יהודה אביסעל צו זיך געקומען פון די שווערע קלעפּ וואָס זי האָט געקראָגען. די איינוואוינער, וועלכע זיינען אין דער צייט פון מלחמה זיך צולאָפען, האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע וואוינערטער און האָבען אויף ס'ניי גענומען בעארבייטען די ערד. די געבליבענע אידישע קריעגער, וועלכע האָבען זיך אויסבעהאַלטען אין בערג און מדבריות, זיינען געקומען צו גדליהו'ן, האָבען איהם אויסגעדריקט זייער אונטערטעניגקייט און האָבען געקראָגען אין אייגענטום די גיטער פון יענע, וועלכע זיינען פערטריבען געוואָרען קיין בבל. צווישען זיי איז געווען אַ גרויסע אָבטיילונג, וועלכע איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון דעם הויפּטמאַן יוחנן בן־קרח. אָבער ניט

אַלע אידישע קריעגסלייט, וואָס זיינען געקומען קיין מצפה, האָבען מיט'ן גאַנצען הארצען שלום געמאַכט מיט דעם שטעלפערטרעטער פון דעם באַבילאָנישען קעניג. צווישען די צוריקגעקעהרטע קריעגס־פיהרער איז געווען איינער פון קעניגליכער אָבשטאַמונג, ישמעאל בן נתניה, וועלכער האָט — ענטוועדער פון קנאה צו גדליהו'ן אָדער וועלענדיג ארויסרופען א נייעם אויפשטאַנד געגען בבל — בעשלאָסען צו טויטען גדליהו'ן. גדליהו'ס פריינד יוחנן האָט איהם געוואָרנט געגען דער פערשווערונג פון ישמעאל'ן, אָבער גדליהו האָט זיך גאָר ניט וויסענדיג געמאַכט דערפון. איין מאָל אין א גרויסען יום־טוב האָט גדליהו געמאַכט אין מצפה א גרויסען מאָלצייט. צווישען די פארבעטענע געסט איז אויך געווען ישמעאל און זיינע חברים. אין דער צייט פון דער סעודה האָט ישמעאל און זיינע מיטהעלפער פּלוצלינג ענטבלויזט זייערע שווערדען און האָבען גע'הרג'עט גדליהו'ן און אלע אידען און באַבילאָנער, וואס זיינען דארט געווען. נאָכדעם איז ישמעאל מיט אכט פון זיינע חברים אנטלאָפען אין לאַנד פון די עמונים (581).

בראש פון די פערזאַמעלטע אידען אין מצפה האָט זיך איצט געשטעלט דער פריינד פון דעם ערמאָרדעטען גדליהו, יוחנן בן קרח. די לאַגע פון די דאָזיגע מענשען איז געווען א פערצווייפעל־טע. זיי האָבען מורא געהאַט, אז ווען נבוכדנאצר וועט זיך דערוויסען וועגען דעם טויט פון זיין שטעלפערטרעטער וועט ער נעהמען נקמה פון אַלע פערבליבענע אידען אין מצפה און וועט אויף ס'ניי פערוויסטען דאס לאַנד. דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען אריבער־וואַנדערען קיין מצרים. צוזאַמען מיט דער דאָזיגער גרופּע וואַנ־דערער איז אויך אוועק ירמיהו הנביא. אויף אזא אופן האָט זיך א הייפעל אידען אומגעקעהרט צוריק אין דעם לאַנד, פון וואַנען זייערע עלטערען זיינען ארויס מיט 800 יאָהר צוריק. דער עגיפּ־טישער קעניג חפרה האָט ערלויבט די וואַנדערער זיך צו בעזעצען אין דער שטאָדט תפנים און אין איינינע אַנדערע שטעדט. די אידען האָבען געהאַפט, אז די מצריים וועלען פערניכטען די הערשאַפט פון נבוכדנאצר'ן און וועלען זיי אומקעהרען צו זייער פאַטערלאַנד. אָבער מאַנכע פון זיי האָבען איבערגענומען די עגיפּטישע מנהגים און גלויבענס און האָבען אפילו געדיענט צו די עגיפּטישע געטער.

ירמיהו האָט ביטער געשטראָפט די דאָזיגע מענשען, וואס אפילו די צרות האָבען זיי ניט בעסער געמאכט. ביז זיינע לעצטע טעג האָט דער פיעל־ליידענדער נביא ניט אויפגעהערט לערנען זיינע ברידער און פיהרען זיי אויפ׳ן ריכטיגען וועג. ער האָט געזאגט, אז די ליידען וואס זיינען געקומען אויפ׳ן אידישען פאלק דארפען איהם ריין מאכען און אויסלייטערען, און דעמאלט וועט זיך גאָט איבער איהם דערבארמען און וועט איהם אומקעהרען צו זיין לאנד. ירמיהו האָט זיך ניט דערוואַרט אויף יענער בעסערער צייט: ער איז געשטארבען אין מצרים.

די לאַגע פון יהודה איז אלץ ערגער געווארען. נאָך גדליה׳ס טויט האָט נבוכדנאצר געשיקט אהין א שטראף־אבטיילונג אונטער דער פיהרערשאַפט פון נבוזראדן. דער גרויזאַמער קריעגספיהרער האָט גענומען געפאנגען און אוועקגעפיהרט קיין בבל נאָך עטליכע הונדערט אידישע פאמיליען. יהודה האָט פערלאָרען דעם גרעסטען און בעסטען טייל פון איהר בעפעלקערונג. א סך געגענדען איהרע זיינען אינגאנצען פארוויסט געווארען; איבער די אונבעוואוינטע ערטער פלעגען אומלויפען ווילדע חיות. צווישען די חורבות פון ירושלים פלעגט זיך בייגאכט הערען דאס וואָיען פון שאַקאַלען, די חיות פון מדבר. די אידישע מלוכה איז אונטערגעגאנגען, אָבער דאָס צושפרייטע אידישע פאלק איז לעבען געבליבען. עס איז איהם נאָך בעשערט געוועזען בעפרייט צו ווערען פון גלות און זיך אומ־קעהרען אין זיין אייגענעם לאנד.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

גלות בבל.

(586—537 פאַר קריסטל. צייטר.)

§91. די אידען אין בבל. נאָכ׳ן חורבן ירושלים איז דאס אידישע פאָלק געוועזען אין סכנה אונטערצוגעהן. די גרעסערע העלפט פון דיזען פאלק, וואס האָט געלעבט אין מלכות־ישראל, אָדער די עשרת השבטים, איז נאָך לאנג צוריק, אין דער צייט פון אשור׳ס

ממשלה, אוועקגעריסען געווארען פון איהר פאטערלאנד און איז צושפרייט געווארען איבער ווייטע לענדער. און בבל, וועלכע איז נאך אשור געווארען די הערשערין פון דער וועלט, האט געמאכט א סוף צו מלכות יהודה און האט פארטריבען די איינוואוינער פון ירושלים. אין בבל, מדי, פרס, סיריען און מצרים האבען זיך געוואנעלט די פארטריבענע פון יהודה; א סך זיינען פערקויפט געווארען פאר קנעכט צו די פרעמדע. עס האט אויסגעזעהן, אז די קינדער פון מלכות יהודה וועלען אויך פערלארען ווערען צווישען די פעלקער אזוי ווי עס זיינען פערלארען געווארען די קינדער פון מלכות־ישראל. געשעהן איז אבער ניט אזוי. די גולי־בבל האבען זיך גארניט צוזאמענגעמישט מיט דער ארומיגער היידנישער בע־פעלקערונג, נאר זיי האבען געוואוינט בעזונדער און זיינען גע־בליבען געטריי צו זייער אמונה, זייערע דינים און מנהגים. אין דער פרעמד האט זיך ערשט שטארק דערוועקט אין זיי די צוגעבונד־קייט צו זייער אייגען פאטערלאנד און גלויבען. זיי האבען גע־טרויערט נאך דעם פערלארענעם פאטערלאנד און האבען חרטה גע־האט אויף זייערע טעות׳ן, וואס האבען געבראכט צום דאזיגען אומ־גליק. צו די אנגעקומענע גולים פון יהודה זיינען צוגעשטאנען פיעלע, וואס האבען אבגעשטאמט פון די אלטע גולי־ישראל, וועלכע האבען געלעבט אין די שכנ׳ישע לענדער (פון אמאליגען אשור) און וואס האבען נאך קיין צייט ניט געהאט זיך צו פערשמעלצען מיט די ארומיגע פעלקער.

נבוכדנאצר, דער בעזיגער פון יהודה, האט ניט געדריקט די אידען, וועלכע ער האט פארטריבען אין בבל. פון די פארטריבענע האט ער נאר געפאדערט זיי זאלען אנערקענען די הערשאפט פון באבילאנישען מלך און זאלען ניט שטרעבען צו אויפשטעלען צוריק זייער מלוכה, אבער אין זייער אינווענינסטען לעבען און אין זייער גלויבען האט ער זיי געגעבען פולע פרייהייט. א סך האבען פער־מאגט פרוכטבארע ערד, וועלכע זיי האבען אליין בעארבייט; אנדע־רע האבען זיך בעשעפטיגט מיט מלאכות און מסחר. סיי אין דער הויפטשטאדט בבל, סיי אין די אנדערע שטעדט האבען די אידען געוואוינט אין בעזונדערע קהלות, האבען געהאט זייערע עלטסטע, זייערע גייסטיגע פיהרער און בתי־תפלה. ביי די רעליגיעזע פערזאמ־

לונגען פלעגט מען זינגען קאפיטלעך פון תהלים און מען פלעגט לייענען די הייליגע ספרים. די מתפללים פלעגען זיך שטעלען מיט׳ן פנים צו ירושלים, אזוי ווי זיי וואלטען זיך אריבערגעטראגען אין געדאנק צו דעם פערוויסטען בית־המקדש. פיער טעג אין יאהר, וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט דעם אונטערגאנג פון דעם פאטערלאנד, זיינען בעשטימט געווארען פאר תעניתים, פאר טעג פון פאסטען און טרויערן. דאס זיינען געווען די טעג ווען ירושלים איז בעלאגערט געווארען (עשרה בטבת), ווען זי איז געפאלען (שבעה עשר בתמוז), דער טאג ווען דער בית המקדש איז פארברענט געווארען (תשעה באב) און דער טאג פון גדליה׳ס טויט (צום גדליהו). די רעליגיעזע אסיפות האבען געבראכט צו א גייס־טיגער פעראייניגונג צווישען די אידען. דא האבען די פארטרי־בענע געדערט און געלייענט אויף זייער אייגענער שפראך, האבען געהערט די בעגייסטערטע רעדעס פון זייערע לעהרער און נביאים, וועלכע האבען אויפגעהאלטען אין זיי די האפנונג אויף א בעסערער צוקונפט.

פעריאגט פון זייער פאטערלאנד האבען די פארטריבענע גע־לעבט מיט די זכרונות וועגען איהם. זייער ברענענדיגע בענקשאפט נאך זייער היים איז בעזונגען געווארען אין ריהרענדע שירים, פון וועלכע איינער איז אויף אייביג געווארען די נאציאנאלע טרויער־הימנע פון אידישען פאלק:

בײ די טײכען פון בבל זײנען מיר געזעסען און געװײנט. דערמאנענדיג ציון. אויף די װערבעם דארטען האבען מיר אויפ־געהאנגען אונזערע הארפען; דארט האבען געפאדערט פון אונז אונזערע פאנגער לידער, און די שפאטער — פרייד: „זינגט אונז פון ציונ׳ס לידער!“ נאר ווי זאלען מיר זינגען גאט׳ס ליעד אין א פרעמדען לאנד? אויב איך וועל דיך פארגעסען, א, ירושלים, זאל אבטרוקענען מיין רעכטע האנד! זאל זיך צוקלע־פען מיין צונג צו מיין גומען אויב איך וועל דיך ניט געדענקען, אויב איך וועל ניט שטעלען ירושלים העכער פון אלע מיינע פריידען“.

עס איז פאראן א פאלקס־מסורה, אין וועלכער עס שפיגעלט זיך אב, ווי געטריי די אידישע פארטריבענע האבען אבגעהיט זייערע



פאַרצייטיגע אידישע האַרפען.

דינים און מנהגים. די מסורה דערצעהלט, אז אין נבוכדנאצר׳ס הויף אין בבל האָט זיך געפונען א פארטריבענער מיט׳ן נאָמען דניאל, וועלכער האָט געשטאמט פון די מלכים פון יהודה, און מיט איהם זיינען געוועזן נאָך דריי פון יהודה׳ס אדעל: חנניה, מישאל און עזריה. דניאל און זיינע חברים האָבען זיך אויפגעצויגען אין קעניגליכען הויף און האָבען זיך אויסגעלערנט די כאלדעאישע שפּראך און אלע וויסענשאפטען, מיט וועלכע די דעמאלטיגע כאל־דעאישע חכמים האָבען שטאָלצירט. נאָר פונדעסטוועגען זיינען זיי ניט אבגעטראטען פון זייער אמונה. זיי האָבען געקראגען זייער שפּייז פון קעניגליכען טיש, אבער זיי האָבען זיך אבגעזאגט צו עסען די קעניגליכע פלייש און טרינקען די קעניגליכע וויין, וואס איז געוועזן פערבאטען נאָכ׳ן אידישען דין, און זיי האָבען זיך דער־נעהרט מיט גרינס און געטרונקען וואסער. איינמאָל האָט נבוכדנאצר געוואלט צווינגען דניאל׳ס דריי חברים צו בוקען זיך צום באבילאנישען אבגאָט, נאָר זיי האָבען ניט געוואלט פאָלגען און דער קעניג האָט געהייסען זיי אריינוואַרפען אין א ברענענדיגען קאלך־אויוועו. אבער די יונגען זיינען ארויס אונבעשעדיגט פון פייער און אפילו זייערע האָר האָבען זיך ניט אבגעברענט. דע־מאלט — דערצעהלט די לעגענדע — האָט דער קעניג זיך איבער־צייגט אז דער אידישער גאָט איז אלמעכטיג און האָט שוין מעהר ניט געצוואונגען די אידען זיך צו בוקען צו אנדערע אבגעטער.

צווישען די אידישע פארטריבענע אין בבל האָט געלעבט דער גרויסער נביא יחזקאל, וועלכער איז אהין אוועקגעפיהרט געווארען נאָך מיט׳ן קעניג יהויכין, פאַר׳ן חורבן ירושלים (§88). יחזקאל איז געוועזן דער גייסטיגער פיהרער פון די גולי־בבל. מיט זיינע ווארעמע רייד האָט ער אויפגעהויבען דעם דערשלאגענעם מוט פון דעם וואנדער־פאָלק. ער האָט נביאות געזאָגט, אז די צושפּרייטע נאציאָן וועט נאָך אויף דאָס ניי אויפלעבען. איינע פון יחזקאל׳ס גלענצענדסטע נבואות איז זיין בעריהמטע זעהונג וועגען די טויטע ביינער:

עס איז געוועזן אויף מיר גאָט׳ס האנד און גאָט האָט מיך ארויסגעפיהרט אין א ווינד און האָט מיך געלאזען שטעהן אין א טאָל, וואס איז פול געוועזן מיט ביינער. און ער האָט מיך



EZEKIEL PROPHESYING.

יחזקאל הנביא.

געפיהרט ארום און ארום זיי און זעה: זעהר פיעל זיינען זיי אויפ׳ן פלאך פון טאל, און טרוקען זיינען זיי זעהר. און ער האט געזאגט צו מיר: מענשען־זוהן, צי וועלען די דאזיגע ביינער אויפלעבען? און איך האב געענטפערט: מיין האר און גאט, נאר דו אליין ווייסט עס. און ער האט צו מיר געזאגט: זאג נביאות איבער די טרוקענע ביינער און זאג זיי: איהר טרוקענע ביינער, הערט גאט׳ס ווארט! אט וועל איך אריינזעצען אין אייך א גייסט און איהר וועט אויפלעבען, און איך וועל אייך געבען אדערען און ארויפלעגען אויף אייך פלייש און בעציהען אייך מיט א הויט. און איך האב נביאות געזאגט, ווי מיר איז בעפעהלען געווארען. און ווי נאר איך האב אויסגעזאגט מיין נבואה האט זיך דערהערט א רעש און די ביינער האבען אנגעהויבען צו דערנעהנטערען זיך צו איינאנד. און איך האב דערזעהן: אט איז אויף זיי פאראן אדערען און פלייש איז אויסגעוואקסען, און פון אויבען האט א הויט זיי בעדעקט, נאר קיין גייסט איז אין זיי ניט געוועזן. און גאט האט צו מיר געזאגט: „זאג נביאות וועגען גייסט און זאג: פון פיער זייטען קום, א, גייסט און בלאז אויף די דאזיגע טויטע און זאלען זיי לעבעדיג ווערען!“ און איך האב נביאות געזאגט ווי מיר איז בעפעהלען געווארען. און עס איז אריין אין זיי א גייסט און זיי האבען אויפגעלעבט און געשטעלט זיך אויף די פיס, זעהר א גרויסער חיל. און ער האט צו מיר געזאגט: מענשען־זוהן! די דאזיגע ביינער זיינען דאס הויז ישראל. זיי זאגען: אויסגעטריקענט זיינען אונזערע ביינער, פערלארען איז אונזער האפנונג, אבגעשניטען זיינען מיר (פון פאטערלאנד). דעריבער זאג צו זיי אזוי: אזוי האט געזאגט גאט: איך עפען אייערע קברים און וועל אייך ארויספיהרען פון אייערע בעגרעבנישען, מיין פאלק, און וועל אייך ברענגען אין לאנד פון ישראל, און וועל אריינזעצען אין אייך מיין גייסט, און איהר וועט אבלעבען, און איך וועל אייך געבען מנוחה אין אייער לאנד, און איהר וועט וויסען, אז איך, גאט, ווי איך האב געזאגט אזוי האב איך געטהאן (יחזקאל ל״ז).

§92. דער אונטערגאנג פון בבל און די האפנונגען פון די אידען. נאך נבוכדנאצר׳ס טויט (562) האט די מאכט פון בבל

אין מזרח אַנגעהויבען צו זינקען. נבוכדנאצר׳ס זוהן, אויל־מרודך, האָט געקעניגט בלויז צוויי יאָהר. ער האָט בעפרייט פון תפיסה דעם געוועזענעם אידישען מלך יהוכין, וועלכען זיין פאטער האָט אמאָל אוועקגעפיהרט געפאנגען און איהם אבגעהאלטען אין גע־פענגנים 36 יאָהר; מרודך האָט יהויכינ׳ען מקרב געווען און איהם געגעבען א חשוב׳ען פּלאַץ אין קעניגליכען הויף. נאָך נבוכדנאצר׳ס טויט האָבען פערשיידענע הארען און קריעגספיהרער אַנגעהויבען קעמפּפען צווישען זיך פאר דער קעניגליכער מאכט. אויל־מרודך איז ארונטערגעזעצט געווארען און אין פערלויף פון פינף יאָהר האָבען זיך אין לאנד געביטען דריי מלכים. דער לעצטער מלך פון בבל איז געווען נבונידם (555). פאר זיין צייט איז צופאלען גע־ווארען די גרויסע מזרח־אימפעריע.

אין די צייטען פון נבונידם איז ביי דער זייט פון מלכות בבל אויסגעוואקסען א נייע מלוכה, וועלכע איז אין קורצען געווארען די הערשערין פון גאנץ פאָדער־אזיען. דאס ברייטע לאנד אין מזרח זייט פון מעסאפּאטאמיען, מיט׳ן נאָמען איראַן, איז געווען בע־זעצט פון צוויי פעלקער: די מעדיער (מדי) און פערסיער (פרס). די מעדיער צוזאמען מיט די באבילאנער זיינען עס געווען די יע־ניגע וואָס האָבען אמאָל צושטערט די אסירישע מלוכה. פון דע־מאָלט אָן זיינען די מעדיער געווען די הערשער פון איראַן און די פערסיער זיינען געווען אונטערטעניג צו זיי. נאָר צולעצט האָבען אין איראַן געקראָגען די אויבערהאנד די פערסיער. אונטער דער פיהרערשאפט פון זייער העלדישען קריעגספיהרער כורש האָבען זיי בעזיעגט מעדיען און איינגענומען איהר הויפּטשטאָדט עקבאטאַן. כורש איז געווארען דער קעניג פון דער פעראייניגטער מלוכה פון פרס ומדי (ארום 550) און האָט זיך אוועקגעלאזט איינצונעהמען נייע לענדער. ער האָט איינגענומען קליין־אזיען און סיריען, און דערנאָך האָט ער בעשלאָסען צו בעזיעגען די גרויסע מלוכה פון בבל. אין א קורצער צייט האָט ער איינגענומען אייניגע פראווינצען פון בבל און האָט זיך גענומען גרייטען צוצוטרעטען צו איהר הויפּטשטאָדט. די ידיעה וועגען כורש׳ס גרויסע נצחונות האָט אנ־געפילט מיט פרייד די הערצער פון די אידישע פארטריבענע אין בבל. וועגען דעם נייעם זיעגער פלעגט מען דערצעהלען, אז ער

בענעהט זיך פריינדליך מיט אונטערדריקטע פעלקער. די אידען האבען דעריבער געהאפט, אז ווען כורש וועט איינגעהמען בבל, וועט ער זיי בעפרייען און לאזען זיך אומקעהרען אהיים. א נביא, וועלכער האט געלעבט צווישען די פארטריבענע, האט אין פלא־מענדיגע רעדעס געלויבט די גוטהערציגקייט פון כורש'ן און האט ערקלערט, אז גאט האט איהם געשיקט צו זיין דער אויסלייזער פון די אידען.

דער דאזיגער גרויסער נביא, וואס זיין נאמען איז ניט בע־וואוסט, קען אנגערופען ווערען „דער נביא פון דער אויפלעבונג". (עס איז אנגענומען איהם צו רופען ישעיהו דער צווייטער, ווארום זיינע רעדעס זיינען פערבליבען אין דעם צווייטען טייל פון דעם ספר ישעיהו דער ערשטער, דער בעריהמטער נביא פון חזקיהו'ס צייטען). אויב אין די נביאות פון יחזקאל שפיגעלט זיך אב די פינסטערע נאכט פון גלות איז אין די נביאות פון דעם נייעם נביא שיינט דער אבגלאנץ פון דעם אויפגעהענדיגען מארגענ־שטערן און עס הערט זיך דער מונטערער רוף צו בעפרייאונג און נייעם לעבען. דער נביא הערט די שטימע פון גאט, וועלכע זאגט צו די פיהרער פון אידישען פאלק: „נחמו נחמו עמי, טרייסטעט, טרייסטעט מיין פאלק. רעדט צו דעם הארצען פון ירושלים און רופט צו איהר. אז פול געווארען איז איהר צייט, אז פארגעבען געווארען איז איהר פארברעך, אז זי האט געקראגען פון דער האנד פון גאט דאפעל פאר אלע איהרע זינד. א שטים רופט אין דער וויסטע: רייניגט אב דעם וועג (צווישען בבל און יהודה) פון גאט, גלייכט אויס אין דער סטעפע א שטעג פאר אונזער האר... געהט ארויס פון בבל, איילט אוועק פון כשדים, זאגט: בעפרייט האט גאט זיין קנעכט יעקב!" די געצייג אין גאט'ס הענד אין דער דאזיגער איבערקערעניש איז כורש, דער מלך פון פרס. „אזוי האט געזאגט גאט צו זיין געזאלבטען, צו כורש'ן: איך שטיץ זיין רעכטע האנד אום אונטערטעניג צו מאכען נאציאנען פאר איהם, און מאך די לענדען פון די קעניגען לויז, אום צו עפענען טירען פאר איהם און טוירען זאלען ניט פערשלאסען בלייבען... צוליעב מיין דיענער יעקב און ישראל מיין אויסערוועהלטען. איך האב איהם (כורש'ן) פאר גערעכטיג־

קיים אויפגעוועקט און אַלע זיינע וועגן וועל איך גלייך מאַכען. ער וועט אויפבויען מיין שטאָדט און מיינע פאַרטריבענע וועט ער צוריקשיקען". (יהואש'ס איבערזעצונג).

דער נביא ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אַז ה' איז ניט נאָר דער גאָט פון אידישען פאָלק, נאָר אויך דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט און ער בעשטימט דעם גורל פון אַלע פעלקער. דאָס אידישע פאָלק איז גאָט'ס אויסדערוועהלטער, און איז גערופען געוואָרען צו אויפדעקען פאַר אַנדערע פעלקער דעם אמת'ן גלויבען און פערוויקליכען די אידעאַלען פון גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. און דער דאָזיגער „אויסדערוועהלטער" האָט געדאַרפט ליידען פיין און רדיפות, אָבער סוף־כל־סוף וועט ער נאָך גליקליך זיין: ער וועט זיין דאָס „ליכט פאַר די פעלקער", דער פאָהנען־טרעגער פון אמת פאַר דער גאַנצער מענשהייט. דאָס דאָזיגע ליכט וועט ווידער אויפשיינען אויף'ן בארג ציון, אין א בעפרייטער יהודה. אָן אויסגעלייטערטע דורך די צרות וועט די אידישע נאַציאָן זיך אומקעהרען אין איהר לאַנד און דאָרטען ווייזען דער וועלט א ביישפיעל פון גייסטיגער שטאַרקייט. דער נביא זאָגט־צו דעם בעפרייטען פאָלק נישט קיין קריעגערישע מאַכט, ניט קיין הערשאַפט איבער אַנדערע פעלקער דורכ'ן שווערד און גוואַלט, נאָר א זיעג איבער די מוחות און הערצער דורך די געדאַנקען פון אמת און יושר.

§93. שיבת ציון. דער קעניג פון פרס. אין דער צייט ווען כורש'ס גרויזאַמע חילות האָבען זיך דערנעהנטערט צו בבל האָט דער באַבילאַנישער קעניג גאַרניט געטהאָן צו בעשיצען זיין הויפטשטאָדט. ער האָט געהאַפט, אז בבל, וועלכע איז געווען ארומגערינגעלט מיט צוויי שורות דיקע ווענד וועט מען קיינמאָל ניט קענען איינגעהמען. דער קעניג און זיינע מקורבים זיינען געוועז זיכער, אז עס איז קיין סכנה ניטאָ און דעריבער האָבען זיי זיך אריינגעלאָזט אין פערגעניגענס, אין עסען און אין זויפען. וועגען איינעם פון די דאָזיגע מאָלצייטען דערצעהלט דער תנ"ך פאָלגענדעס: דער באַבילאַנישער קעניג בלשצר (נבונידס אליין אדער זיין זוהן) האָט געמאַכט א גרויסע סעודה פאַר זיינע שרים און האָט געהייסען ברענגען אין פאַלאַץ די כלים, וועלכע נבוכדנאצר האָט

אמאָל צוגענומען פון בית־המקדש אין ירושלים. בשעת דער קעניג און זיינע געסט זיינען געזעסען ביים טיש און האָבען געטרונקען וויין פון די הייליגע כלים האָט זיך אויפ׳ן וואַנד אנטקעגען טיש בעוויזען א מענשליכע האנד און האָט אָנגעשריבען עפּים אונפער־שטענדליכע ווערטער. דער קעניג האָט זיך דערשראָקען און האָט גערופען זיינע חכמים זיי זאָלען איבערלייענען די אויפשריפט, אבער די חכמים האָבען עס ניט געקענט איבערלייענען. דעמאָלט האָט מען גערופען דעם אידישען חכם דניאל, און ער האָט באַלד איבערגעלייענט די אויפשריפט און געזאָגט צום מלך: „דאָ זיינען אויסגעקריצט פאָלגענדע ווערטער „מנה מנה תקל ופרסין, דאָס הייסט, געצעהלט אבגעוועגען און צוטיילט. די בעדייטונג פון דער מאָדנער אויפשריפט איז, אז געצעהלט זיינען די טעג פון דיין קעניגען, אבגעוועגען אויפ׳ן וואגשאָל זיינען דיינע שלעכטע מעשים, און צוטיילט איז דיין מלוכה צווישען מדי און פרס.“ די דאָזיגע נבואה איז באַלד מקוים געוואָרען.

כורש׳ס מעכטיגער חיל איז צוגעטראָטען צו בבל און זי בעלאַ־גערט. כורש האָט איינגעזעהן, אז צו נעהמען די דאָזיגע גרויסע בעפעסטיגטע שטאָדט מיט שטורם איז אונמעגליך. האָט ער גע־הייסען אויסגראָבען הינטערן שטאָדט א קאַנאַל און איהם פעראיי־ניגען מיט׳ן טייך פרת, וועלכער איז דורכגעלאָפען דורכ׳ן שטאָדט. דאָס וואסער פון טייך איז אבגעצויגען געוואָרען אין קאַנאַל אריין און פון דאַנען — אין א טיעפען אזערע וואס איז געלעגען דערביי. אין טייך איז געבליבען אזוי ווייניג וואסער, אז מען האָט איהם גע־קענט אריבערגעהן צופוס. איינמאָל ביי נאכט ווען די באַבילאָנער האָבען זיך זארגלאָז משמח געווען אויף א יום־טוב לכבוד זייער גאָט האָבען די פערסישע זעלנער זיך אריינגעריסען אין שטאָדט אריין איבער׳ן אויסגעטריקענטען גרונד פון דעם טייך פרת. בבל איז גענומען געוואָרען. כורש האָט זיך ערקלערט פאר׳ן הערשער פון מלכות־בבל און האָט די אמאָליגע גרויסע אימפעריע צוגעשלאָ־סען צו פערסיען (538).

די גרויסע אידישע בעפעלקערונג פון בבל האָט מיט פרייד בעגעגענט דעם פערסישען זיעגער. די דאָזיגע איבערגעבענקייט פון די אידען איז כורש׳ן געפעלען געוואָרען. ער האָט בעשלאָסען צו בע־

פרייען די אידען פון זייער לאַנגען גלות און לאָזען זיי זיך אומקערען אין יהודה, וועלכע איז צוזאמען מיט דער גאנצער מלוכה פון בבל געווארען א טייל פון דער פערסישער מלוכה. אין גיכען זיינען איבער גאנץ בבל צושיקט געווארען קעניגליכע שטאַפּעטען, וועלכע האָבען מודיע געווען כורש'ס בעפעהל, אז אלע אידען וואס געפינען זיך אין די שטעדט פון בבל און פרס מעגען זיך אומקערען אין יהודה און אויפבויען די חרב'ע ירושלים און דעם בית־המקדש. געלד אויף בויען דעם בית־המקדש האָט כורש געהייסען געבען פון זיין אייגענער קעניגליכער קאסע, און דעם אויפזעהער פון די קעניגליכע אוצרות האָט ער בעפעהלען ארויסצוגעבען צו די צוריקגעקעהרטע אידען אלע גאָלדענע און זילבערנע כלים, וועלכע נבוכדנאצר האָט צוגענומען פון בית־המקדש.

צעהנדליגע טויזענדער אידען האָבען זיך ערקלערט גרייט צו פערלאזען בבל און זיך אומקעהרען צו זייער פאטערלאנד. בראש פון די אויסוואנדערער איז געשטעלט געווארען דער פירשט זרבבל, אן אייניקעל פון קעניג יהויכין, און יהושע, אן אייניקעל פון שריהו, דעם לעצטען כהן־גדול פון ירושלים. א טייל אידען זיינען נאָך געבליבען אין בבל, אבער אויך זיי האָבען ניט פארגעסען זייער פאטערלאנד און האָבען געהאפט שפעטער זיך צוריקצוקעהרען אהין. די איבערגעבליבענע האָבען אויסגעריכט זייערע ברידער אין וועג אריין מיט געלד, שפייז און פיה. כורש האָט געגעבען די אויסוואנדערער א וואך פון טויזענד רייטער צו בעשיצען זיי אויפ'ן וועג פון ווילדע שבטים. און אין יאָהר 537 האָט א גרויסע צאָל אידען זיך אוועקגעלאָזט פון בבל אין זייער אייגען לאַנד, נאָך וועלכען עס האָבען אזוי שטארק געבענקט גאנצע צוויי דורות פון פארטריבענע. די אומגעריכטע בעפרייאונג פון גלות האָט זיך זיי אויסגעוויזען ווי א נס פון גאָט אדער א וואונדערליכער חלום. א שפּעטערדיגער שיר גיט איבער די גליקליכע שטימונג פון די צוריקגעקעהרטע:

אז גאָט האָט אומגעקעהרט ציון'ס געפאנגשאפט
זיינען מיר ווי אין חלום געווען;
דאַן איז מיט פרייד־געלעכטער פול געווען אונזער מויל
און אונזער הארץ מיט געזאנג.

דעמאָלט פלעגט מען רעדען צווישען די פעלקער:
„גאָט האָט גרויסעס געטהאָן מיט די דאָזיגע!“
גאָט האָט מיט אונז גרויסעס געטהאָן,
פריידען פול זיינען מיר געווען.

פערצעהנטער קאַפּיטעל.

יהודה אונטער דער פּערסישער הערשאַפט.

(332—537 פאַר דער קריסטל. צייטר.)

§94. די אויפלעבונג פון יהודה און דער בית שני. נאָך ניין־און־פערציג יאָהר גלות אין בבל האָבען זיך צעהנדליגער טויזענדער אידען אומגעקעהרט קיין יהודה אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם פירשט זרבבל און דעם כהן גדול יהושע (537). באלד נאָך זיי האָבען זיך אויך אנגעהויבען ציהען צוריק אין זייער פאטערלאַנד א סך אידען וואס זיינען געווען צושפּרייט אין אנדערע לענדער: אין מצרים, קליין־אזיען און אויף די אינזלען פון מיטלענדישען ים. פון אומעטום זיינען די פּאַרטריבענע געלאָפען קיין יהודה מיט דער האָפנונג צו אָנהויבען דאָרט א רוהיג לעבען אונטער'ן שוץ פון דעם גערעכטיגען מלך כורש. די צוריקגעקעהרטע האָבען געפונען זייער לאַנד אין א טרויעריגען צושטאַנד: די הייליגע שטאָדט ירושלים איז געווען א הורבע פון חורבות, א סך שטעדט און דערפער זיינען געשטאַנען לעדיג, אָהן איינוואוינער; די פעלדער וועלכע זיינען לאַנג ניט בעארבייט געוואָרען, זיינען פארוואַנדעלט געוואָרען אין א וויסטעניש. אייניגע געגענדען פון יהודה זיינען אונטער דער צייט פערכאפּט געוואָרען פון די פיינדליכע שכנ'ישע פעלקער. און די פיהרער פון פאָלק, זרבבל און יהושע, האָבען זיך גענומען איינצופיהרען אָרדנונג אין דעם פערוויסטען לאַנד.

פריהער פון אלץ האָבען זיי צוריק איינגעשטעלט דעם גאָטעסדיענסט אין ירושלים. ווען עס איז געקומען דער יום־טוב סכות האָבען זיי געלאָזט אויסבויען א מזבח צו ברענגען קרבנות.

דערנאָך זיינען זיי צוגעטראָטען צו בויען אַ קליינעם בית־המקדש, אויפ׳ן זעלבען אָרט וואו עס איז געשטאַנען דער ערשטער בית־המקדש. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון לעגען דעם ווינקעל־שטיין פאר׳ן נייעם בית־המקדש איז מען זיך צוזאַמענגעפאהרען פון אלע שטעדט פון יהודה צום גרויסען יום־טוב. די כהנים זיינען ער־שינען אין זייערע כהונה־קליידער, די לויים האָבען געזונגען גע־זאַנגען (וועלכע זיינען פערבליבען עד היום אין תהלים); די נביאים האָבען אין זייערע רעדעס פאָראויסגעזאָגט אַ גליקליכע צו־קונפט און וויט אַרום האָבען געהילכט די פריידגעשרייען פון פאָלק. אבער אין מיטען פון דער דאָזיגער גליקליכער פערזאַמלונג זיינען געשטאַנען זקנים און ביטער געוויינט: די דאָזיגע אלטע לייט האָבען נאָך געזעהן דעם ערשטען בית־המקדש (שלמה׳ס) אין זיין גאַנצען פראַכט, און ווען זיי האָבען פערגליכען מיט איהם דעם נאָר־וואָס אָנגעפאַנגענעם בעשיידענעם „הויז פון גאָט“, האָבען זיי זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון טרעהרען. „און דאָס פאָלק — שרייבט אַ היסטאָריקער פון יענער צייט — האָט ניט געקענט אונ־טערשיידען די פרייד־געשרייען צוליעב דעם גרויסען געוויין“.

נאָר אפילו דעם דאָזיגען קליינעם בית־המקדש איז דעם פאָלק ניט גרינג אָנגעקומען צו בויען. אויפ׳ן גרעניץ פון יהודה האָבען געלעבט די שמרונים (§79). הגם מיט דער צייט האָבען די שמרונים איבערגענומען דעם אידישען גלויבען, דאָך זיינען ביי זיי געבליבען אַ סך היידנישע מנהגים. ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז די אידען בויען אין ירושלים אַ נייעם בית־המקדש האָבען זיי אויך געוואָלט האָבען אַ חלק אין דעם בויען, כדי דער טעמפעל זאָל זיין אַן אַלגעמיינער פאַר די אידען און די שמרונים. נאָר זרבבל און יהושע האָבען זיך ענטזאָגט אריינצונעהמען די שמרונים אין זייער עדה, ווייל זיי האָבען זיי געהאַלטען נאָר פאַר האַלבע אידען. דעמאָלט האָבען די בעליידיגטע שמרונים בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון די אידען. זיי האָבען גע׳מסר׳ט אויף זיי פאַר די פער־סישע הערשער און מיט אַלע כחות האָבען זיי געשטערט דאָס בויען פון דעם בית־המקדש.

דערווייל האָט זיך אויך די אַלגעמיינע לאַגע פון יהודה פער־ערגערט. איהר בעשיצער כורש איז געשטאָרבען און דעם טראָהן

האָט גע׳ירש׳עט זיין זוהן קאמביז (529). דער נייער קעניג איז גע־גאנגען מלחמה האלטען מיט מצרים און עטהיאָפּיען (כוש). די פּערסישע חילות זיינען דורכגעגאנגען דורך יהודה און די איינוואוי־נער האָבען דורכדעם שטארק געליטען. מחמת דעם האָט זיך דאָס בויען פון דעם בית־המקדש אבגעשטעלט, און האָט זיך אָנגעהויבען צוריק ערשט דעמאָלט, ווען אויפ׳ן פּערסישען טראָהן איז ארויף דריוש דער 1טער (521). דער דאָזיגער מלך האָט בעשיצט די אידען אזוי ווי כורש. אויף דער בקשה פון זרבבל און יהושע האָט ער ערלויבט אנצוהויבען וויטער דאס בויען פון בית־המקדש און האָט אפילו געהייסען געבען שטיצע פון דער קעניגליכער קאַסע. די נביאים חגי און זכריה האָבען מיט זייערע רייד געמונטערט דאס פאָלק און איהם געוועקט צו ארבייטען פאר „גאָט׳ס הויז“. דאס פאָלק האָט זיך פלייסיג גענומען פאר דער ארבייט און אין פיער יאָהר צייט איז דער בנין פארטיג געוואָרען. דער נייער בית־המקדש איז פארטיג געווארען אין יאָהר 516, דאס הייסט אין זיבע־ציג יאָהר ארום נאָכ׳ן חורבן בית ראשון.

§95. עזרא הסופר. נאָכ׳ן טויט פון זרבבל און יהושע האָט דאס פאָלק ניט געהאט קיין פעהיגע און אונטערנעהמערישע פיהרער יהודה איז ווי פריהער געבליבען אונטערטעניג צו פערסיען, און די אינוועניגסטע ענינים האָבען געפיהרט די כהנים גדולים, וועלכע האָבען אבגעשטאמט פון יהושע. די דאָזיגע גייסטיגע פיהרער האָ־בען נאָר געזארגט, אז די צערעמאָניעס פון בית־המקדש, דער גאָ־טעסדיענסט און די קרבנות, זאָלען שטרענג אָבגעהיט ווערען, אָבער זיי האָבען גאָרניט געטהאָן צו פערשטארקען און פערבעסע־רען די לאגע פון דעם צובראכענעם פאָלק. זייענדיג ארומגערינגעלט מיט פרעמדע פעלקער אינוועניג אין לאנד האָבען זיך די אידען אָנ־געהויבען מקרב זיין צו זיי און אפילו זיך מתחתן זיין מיט זיי. נישט קוקענדיג אויפ׳ן פערבאָט פון תורת משה, האָבען א סך אידען גענומען זיך פאר ווייבער די טעכטער פון די מואבים, עמונים און שומרונים. די קינדער וואָס זיינען ארויסגעקומען פון אזעלכע שדוכים האָבען גערעדט די שפראך פון זייערע מוטערס און האָבען ניט געקענט רעדען די שפּראך פון די אידען. דער דעמאָלטיגער נביא מלאכי (דער לעצטער פון די אידישע נביאים) האָט געוויזען

דעם פאָלק זיין געפעהרליכען טעות און האָט אויך געשטראָפט די שלעכטע נביאים, וואס האָבען ניט געטהאָן זייער וויכטיגסטע פליכט — צו זיין די לעהרער און פיהרער פון פאָלק. ער האָט נביאות געזאגט, אז עס מוז קומען א גרויסער רעפאָרמאַטאָר, א שליח פון גאָט, וועלכער וועט איבעראנדערשען און בענייען דאס גאנצע לעבען פון פאָלק.

דער דאָזיגער רעפאָרמאטאר איז געקומען פון „לאַנד פון גלות". דאָס איז געווען עזרא, וועלכער האָט געשטאַמט פון די כהנים, און האָט געלעבט אין בבל. ער איז געווען בעריהמט מיט זיין געלערנט־קייט און ער פלעגט זיך מיט ליעבשאַפט אבגעבען מיט איבערשריי־בען ספרים, דעריבער האָט ער געקראגען דעם צונאָמען סופר (שרייבער). ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז די אידישע עדה אין ירושלים איז שטארק געפאלען, האָט ער בעשלאָסען זיך דאָרט צו בעזעצען און וועקען די אידען צו אויפלעבונג. דער פערסישער קעניג ארטאקסערקסעס I האָט איהם געגעבען די מאַכט צו אַנשטעלען אין יהודה עלטסטע און ריכטער, וועלכע זאָלען רע־גירען דאָס פאָלק לויט די געזעצען פון משה. צוזאמען מיט עזרא'ן זיינען אין יהודה געקומען ארום אנדערהאלבען טויזענד אי־דען פון בבל (458). ווען עזרא איז אָנגעקומען קיין ירושלים האָט ער צונויפגערופען א גרויסע פאָלקס־פערזאמלונג אויפ'ן פלאץ וואס פאר'ן בית־המקדש. דאָ האָט ער געהאלטען א פייערדיגע רעדע און האָט אויפגעפאָדערט דאס פאָלק זיי זאָלען זיך אָנהויבען פיהרען לויט דער תורה, און זאָלען זיך ניט אויסמישען מיט די פרעמדע פעלקער. עזרא האָט געפאָדערט, אז די אידען וואס האָבען געהאט פרויען פון פרעמדע פעלקער, זאָלען זיך מיט זיי באלד צושיידען. פיעלע האָבען באלד אזוי געטהאָן: די פרעמדע פרויען זיינען אוועקגעשיקט געוואָרען און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע אייגענע. דאס האָט ארויסגערופען א האס ביי די שכנ'ישע פעל־קער צו די אידען. די מואבים, עמונים און שומרונים האָבען אָנ־געהויבען מאכען אנפאלען אויף ירושלים און האָבען געמאכט א חורבן אין שטאָדט. ירושלים איז ניט געווען בעפעסטיגט און איהרע איינוואוינער האָבען ניט געקענט זיך בעשיצען געגען די אנפאלען פון די שונאים. אבער כדי דאס גייסטיגע לעבען פון אידישען

פאלק זאָל איבערגעבויט ווערען, אזוי ווי עס האָט געוואלט עזרא, איז נויטיג געווען פריהער צו בעפעסטיגען די מלוכה און איהר הויפטשטאָדט. די דאָזיגע ארבייט האָט אויף זיך גענומען א צווייטער גרויסער פיהרער, נחמיה.

§96. נחמיה. נחמיה האָט געלעבט אין שושן, די הויפט־שטאָדט פון פערסיען, און איז געווען דער שר־המשקים אין דעם הויף פון דעם קעניג ארטאקסערקסעס. דערוויסענדיג זיך וועגען דער טרויעריגער לאַגע פון זיינע ברידער אין יהודה, האָט ער זיך שטארק מצער געווען. איינמאָל ווען נחמיה האָט דערלאנגט וויין צו ארטאקסערקסעס האָט איהם דער מלך געפרעגט, וואָרום ער איז אזוי טרויעריג. נחמיה האָט געענטפערט: „ווי אזוי זאָל איך ניט טרויערען, ווען די שטאָדט וואו עס ליגען די קברים פון מיינע אבות איז חרב?" דער קעניג האָט מיטגעפיהלט נחמיה'ס שמערץ און האָט איהם ערלויבט צו פאהרען אויף א צייט קיין ירושלים דארט צו בעפעסטיגען די שטאָדט און איינפיהרען אין יהודה נייע ארדנונגען. דעריבער האָט נחמיה געקראָגען דעם נאָ־מען פחה (פאשא אדער פערוואלטער) פון יהודה.

אין יאָהר 445 איז נחמיה אָנגעקומען קיין ירושלים, און האָט באלד גענומען וועקען די איינוואוינער צו ארבייטען פלייסיג צו בעפעסטיגען די שטאָדט. אין פערלויף פון כמעט צוויי חדשים האָט דאס פאלק געארבייט טאג און נאכט אויפצושטעלען די פעס־טונגס־וואנד ארום דער שטאָדט. די אידישע שונאים און בע־זונדערס די שומרונים, מיט זייער פיהרער סנבלט אן דער שפיץ, האָבען געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען צו שטערען די ארבייט און פלעגען אפילו בעפאלען די מויערער; אבער נחמיה האָט בעוואָ־פענט אלע ארבייטער און האָט געהייסען איין טייל היטען די וואנד אויף פערשיידענע פונקטען, אין דער צייט ווען דער אנדע־רער טייל האָט געארבייט אויפ'ן בויען. צווישען די ארבייטער זיינען אפילו געווען אזעלכע, וואס מיט איין האנד האָבען זיי גע־לעגט די שטיינער און אין דער אנדערער האָבען זיי געהאלטען א שווערד זיך צו בעשיצען. נאָך צוויי חדשים אנגעשטרענגטער אר־בייט איז די פעסטונגס־וואנד ארום דער שטאָדט פארטיג געוואָ־רען, און אין גיכען זיינען אויך אויפגעשטעלט געווארען צוריק די

חרב׳ע שטאָדט־טויערן. ביי די טויערן איז געשטעלט געוואָרען א וואך. אויף ביינאַכט פלעגט מען די טויערן פערשפּארען, און עפענען פלעגט מען זיי ערשט אין דער פריה ווען „די זון האָט שוין געוואַרעמט". די אידישע הויפּט שטאָדט, וואָס איז פריהער געווען שוצלאָז, איז איצט געוואָרען א בעפעסטיגטע און פערשלאָסענע שטאָדט און האָט אביסעל אבגעשראָקען די ארומיגע פעלקער.

ווען די פעסטונג ארום דער הויפּט שטאָדט איז אויפגעשטעלט געוואָרען האָט מען זיך גענומען צו בויען די חרב׳ע הייזער אינ־ווענינג אין שטאָדט. אזוי ווי אין ירושלים זיינען געווען זעהר וויי־ציג איינוואוינער, האָט נחמיה אריבערגעפיהרט אהין א טייל פון דער בעפעלקערונג פון די דערפער. אין יענער צייט איז אין יהודה געווען א לאנגע ניט־גערעטעניש אויף די פעלדער און דאס פאָלק האָט שרעקליך געליטען. די רייכע וועלכע האָבען געהאַט א סך אָבגעשפּאָרטע תבואה פלעגען זי פערקויפען צו די אָרימע אויף באָרג, נאָר ווען די אָרימע בעלי־חוב האָבען ניט געקענט בעצאָלען זייערע חובות צום טערמין, פלעגען די רייכע צונעהמען ביי זיי זייערע הייזער און ביסעל פערמעגען, און אָפטמאָל פלעגען זיי אפילו מאכען זיי פאר קנעכט. נחמיה איז געווען זעהר אויפגעבראַכט דערפון און האָט געצוואונגען די רייכע צו בעפרייען די ארימע בעלי־חוב און אומקעהרען וואָס זיי האָבען ביי זיי צוגענומען.

אויף אזא אופן האָט נחמיה איינגעפיהרט אביסעל אן ארד־נונג אין לאנד. דעמאלט האָט ער זיך פעראייניגט מיט עזרא׳ן צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען פאר דער גייסטיגער אויפלעבונג פון די אידען. אין חדש תשרי האָבען זיי פעררופען אין ירושלים א גרויסע פאלקס־פערזאמלונג, וואס איז בעשטאנען פון מענער און פרויען. עזרא האָט זיך געשטעלט פאר׳ן פערזאמעלטען עולם און האָט פארגעלייענט אויפ׳ן קול עטליכע קאפּיטלען פון דער תורה, און האָט איבערגעגעבען די לויים זיי זאָלען דייטליך ערקלערען צום פאלק וואס עס איז געלייענט געוואָרען. דאס פאלק איז געווען טיעף גערינהרט. אלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלע־צער לכבוד דער הייליגער תורה. טרעהרען האָבען זיך געגאסען פון די אויגען פון די צוהערער, וועלכע האָבען יעצט פערשטאנען, ווי שטארק זיי האָבען זיך דערוויטערט פון די הויכע מאראלישע גע־

באַטען פון דער תורה. דער פיער־און־צוואַנציגסטער טאָג פון תשרי איז בעשטימט געוואָרען פאַר א טאָג פון תשובה פאַר'ן גאַנ־צען פאָלק. אלע האָבען געפאַסט אין דעם דאָזיגען טאָג און האָבען זיך אָנגעטהאָן אין טרויער־קליידער. די לויים האָבען זיך געווענדעט צום פאָלק און האָבען פאַרגעשטעלט אין העלע פאַרבען זיין גאַנצע פערגאַנגענהייט, זיינע גרויסע גבורות און אומגליקליכע טעות'ן. נאָכדעם האָט מען פאַר די פערטרויערטע צוהערער פאַרגעלייענט א געשריבענעם כתב אין וועלכען זיי האָבען אלע געשוואָרען אָבצוהי־טען די דינים און מצוות פון דער תורה. אויף דעם דאָזיגען כתב האָבען זיך גע'חתמ'עט די פאָרשטעהער פון פאָלק, די כהנים און די לויים.

דערנאָך האָט נחמיה געזאָרגט, אַז די אידען וועלכע האָבען נאָך געהאַט גוי'שע ווייבער זאָלען זיי גט'ען, אַז דאָס פאָלק זאָל שטרענג אָבהיטען דעם שבת און אַז די אומווירדיגע כהנים זאָלען זיך ניט געפינען אין בית־המקדש. איינעם פון די הויפּט כהנים, מנשה, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם שומרונ'ישען בעאַמטען סנבלט, האָט מען אַרויסגעטריבען פון ירושלים (אַרום 430 יאָהר). דעמאָלט האָט דער שומרונ'ישער בעאַמטער אויסגעבויט פאַר זיין פאָלק א בעזונדער בית־המקדש אויפ'ן באַרג גריזים, נעבען דער שטאָדט שכם, און האָט געמאַכט מנשה'ן פאַר'ן כהן גדול אין יענעם בית־המקדש. פון דעמאָלט אָן האָבען זיך די שומרונים אלץ מעהר דערווייטערט פון די אידען אין זייער גלוי־בען און אין זייער אַרט לעבען. פון אלע הייליגע שריפטען (כתבי־הקדש) האָבען זיי אַנערקענט בלויז דעם חומש אָדער תורת־משה און דעם ספר יהושע. נאָר אפילו אין די דאָזיגע ספרים האָבען זיי שפּעטער אויך א סך געענדערט. די שומרונים האָבען זיך נאָך א לאַנגע צייט פערטראָגען פיינדליך צו די אידען און האָבען געזוכט זיי צו שעדיגען ביי יעדער גינסטיגער געלעגענהייט.

§97. די כנסת הגדולה; פורים. נאָכ'ן גלות בבל האָט די טהעטיגקייט פון די נביאים, די פריהערדיגע פיהרער פון פאָלק, בים־לעבוויז אויפגעהערט. מלאכי איז געוועזן דער לעצטער אידישער נביא. אנשטאַט די נביאים האָבען אָנגעהויבען ווירקען געלעהרטע לייט, וועלכע זיינען געוועזן געלערנט אין תורת משה און אין די



סעמיטישע אלף־בית'ן.

אַלטע הייליגע ספרים. די דאָזיגע מענשען, וועלכע האָבען זיך גע־רופען סופרים, האָבען געטהאָן ווי עזרא האָט געלערענט: זיי האָ־בען בעקענט דאָס פאָלק מיט די רעליגיעזע, מאָראַלישע און געזעל־שאַפטליכע געזעצען, וועלכע האָבען זיך אויפגעהיט אין די הייליגע ספרים און אין מסורות בעל־פה. הגם יהודה האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון פערסיען דאָך האָט זי אין איהר אינווע־ניגסטען לעבען זיך געפיהרט לויט די געזעצען פון דער תורה. די עלטסטע פון פאָלק זיינען געווען די כהנים גדולים. זיי האָבען רעגירט מיט דער הילף פון אַ ראַט, אָדער „פערזאַמלונג פון די עלטסטע". דער דאָזיגער ראַט האָט זיך גערופען „כנסת הגדולה" און איז בעשטאַנען פון געלעהרטע לייט און די בעסטע פאָרשטע־הער פון פאָלק. די מסורה דערצעהלט אַז די אנשי כנסת־הגדולה האָבען זיך פירגענומען דריי זאַכען: צו איינפיהרען אמת און יושר אין משפט, צו לערנען דאָס פאָלק, און „מאַכען אַ צאַם (סיג) צו דער תורה", דאָס הייסט: ארומצאַמען די אַלטע געזעצען מיט נייע שטרענגע דינים. די כנסת־הגדולה האָט געשטעלט ריכטער, וועלכע האָבען גע'משפט דאָס פאָלק לויט די געזעצען פון תנ"ך. די כנסת־הגדולה האָט זיך אויך געזאָרגט צו ערציהען און בילדען די יוגענד און צו לערנען דעם ברייטען המון לעזען און שרייבען. כדי צו מאַכען גרינגער דאָס לעזען האָט מען געענדערט דעם אַלטען אידישען שריפט. אנשטאָט די אַלטע, זעהר שווערע אותיות האָט מען אָנגע־הויבען צו בענוצען שעהנע פיערעקיגע אותיות וועלכע זיינען זעהר גרינג צום לעזען (דער דאָזיגער נייער אלף־בית, וועלכער ווערט עד היום געברויכט ביי אידען, רופט זיך אָן דער „פיערעקיגער" אָדער אסירישער.) דורך די אַלע מיטלען פון דער כנסת־הגדולה און די סופרים האָט זיך דאָס וויסען פון תנ"ך אַלץ מעהר פער־שפרייט צווישען פאָלק.

אין פערלויף פון אַ גאַנצען יאָהרהונדערט נאָך עזרא'ס און נחמיה'ס טויט האָבען די אידען געלעבט רוהיג אין זייער לאַנד אונ־טער דער אויבערהערשאַפט פון פערסיען. די פערסישע מלכים האָ־בען זיך ניט געמישט אין די אינווענינסטע ענינים פון יהודה, און האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואָס זיי פלעגען קריגען פון די איינוואוינער דעם בעשטימטען יעהרליכען צינז. אין פערסיען גופא

און אין איהר אונטערטעניגער בבל האָבען זיך אויך אין יענער צייט געפונען גרויסע אידישע עדות וועלכע זיינען געשטיצט געוואָרען פון די פערסישע הערשער. די מסורה דערצעהלט נאָר וועגען איין פאל ווען די אידען זיינען געוועזן פערפאָלגט אין פערסיען. אין דעם הויף פון פערסישען מלך אחשורוש (קסערקסעס) אין שושן, האָט זיך געפונען איינער א בעאַמטער מיט'ן נאָמען המן, וועלכער האָט די אידען שטארק געהאסט. איינמאָל האָט ער געזאָגט צום מלך: עס איז דאָ איין פאָלק, וועלכעס איז צושפרייט און צעווארפען איבער אלע טיילען פון דיין מלוכה; זיינע מנהגים אונטערשיידען זיך פון די מנהגים פון די איבריגע פעלקער, און די קעניגליכע געזעצען היט ער ניט. אויב דער מלך וויל, זאָל ארויסגעלאָזען ווערען א בעפעהל צו טויטען אלע אידען.“ אחשורש האָט באלד ארויסגעגעבען אזא בעפעהל, ערלויבענדיג די פערסיער צו רויבען און הרג'נען די אידען וואָס האָבען געוואוינט אין די שטעדט פון דער פערסישער מלוכה. די אידען אין פערסיען זיינען געוועזן אין סכנה אין גאנצען פערניכטעט צו ווערען. דעמאָלט איז דעם גע־רודפ'טען פאָלק געקומען צו הילף מרדכי, איינער פון די חשוב'ע אידען פון שושן, וועלכער איז געשטאַנען נאָהנט צום קעניגליכען הויף און האָט אמאָל געטהאָן דעם מלך א גרויסע טובה. מרדכי האָט געהאט א קרובה, א יתומה וואס ער האָט ערצויגען, מיט'ן נאָמען אסתר, וועלכע איז דורך איהר שעהנקייט אָנגעקומען אין קעניגליכען הויף און איז געווארען די בעליעבטסטע ווייב פון אחשורש'ן. ווען אסתר האָט זיך דערוואוסט פון מרדכי'ן וועגען דעם שרעקליכען גורל וואס ערווארטעט איהרע פאָלקס־ברידער האָט זי בענוצט איהר גאנצען איינפלוס אויפ'ן קעניג צו פערמיידען דאס אומגליק. אזוי ווי זי איז פריהער געוועזן דערוויטערט פון די אידען אזוי האָט זי איצט דערפיהלט איהר בלוט־פערוואנדשאפט מיט איהר פאָלק. אסתר האָט געבעטען דעם קעניג ער זאָל צוריקרופען די שרעקליכע גזרה אויף די אידען און האָט דערביי אויפגעדעקט פאר איהם המנ'ס בייזע מחשבות. אחשורש האָט זיך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון איהרע רייד, און ער האָט זיך אויך דערמאָנט אן דער טובה, וואס מרדכי האָט איהם אמאָל געטהאָן, און ער האָט דערפילט די בקשה פון אסתר המלכה. ער האָט

בעפעהלען אויפצוהענגען המן הרשע און די אידען האָט ער ערלויבט זיך צו פערטיידיגען געגען די שונאים, וואס האָבען זיך געקליבען זיי אומצוברענגען. דער סוף איז געווען, אז אין דעם טאָג וואָס המן האָט בעשטימט צו פערטיליגען די אידען (דעם דרייצעהנטען אדר) זיינען זיי מיט געוועהר אין די הענד בעפאַלען זייערע שונאים און האָבען זיי גע'הרג'עט אין דער פראָווינץ אזוי גוט ווי אין דער הויפּטשטאָדט שושן. פאר א זכר דערפון, וואס די פערסישע אידען זיינען געראַטעוועט געוואָרען פון דער גזרה, איז איינגעפיהרט גע־וואָרען דער יום־טוב פורים, וועלכער ווערט נאָך עד היום אָבגעהיט ביי די אידען דעם פערצעהנטען טאָג אין אדר (א חדש פאר פסח). אין דיזען יום־טוב לייענט מען אין די שוהלען די מגלה „אסתר“ וואו די גאַנצע געשיכטע איז בעשריבען.

§98. **די צוזאמענשטעלונג פון דעם תנ"ך.** עזרא הסופר און זיינע נאָכפאָלגער, די סופרים, האָבען אָנגעהויבען צונויפצואמ־לען די גייסטיגע אוצרות פון אידישען פאָלק, וואָס זיינען געשאַ־פען געוואָרען אין פריהערע צייטען. א סך גרויסע לעהרער זיינען אויפגעשטאַנען אין אידישען פאָלק, אָנהויבענדיג מיט משה'ן און ענדיגענדיג מיט די לעצטע נביאים. זייערע לעהרען און נבואות האָבען זיך טיילווייז אויפגעהיט אין ספרים און טיילווייז זיינען זיי איבערגעגאַנגען בעל־פה פון דור צו דור; פיעלעס איז מיט דער צייט פערלאָרען און פארגעסען געוואָרען און איז ניט דערגאַנגען צו די שפּעטערע דורות. כדי אויפצוהיטען די פערבליבענע ווערק האָט עזרא און די סופרים זיך גענומען זיי פלייסיג צונויפזאמלען, און ברענגען אין אָרדנונג און פארשרייבען דאָס, וואס איז נאָך ניט געוועזן פערשריבען. אזוי איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען דאָס גרעסטע בוך פון דער וועלט — דער ת נ " ך, דיזער ערשטער קוואַל פון דער אידישער אמונה, פון דער אידישער געזעצגעבונג און פון דער עלטסטער געשיכטע פון אידישען פאָלק. די דאָזיגע כתבי־הקדש זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען לויט די פאָלגענדע דריי אָבטיילונגען:

די ערשטע אָבטיילונג: ת ו ר ה , אָדער תורת משה. זי בעשטעהט פון פינף ספרים, אדער חומשים. אין דעם ערשטען ספר, ב ר א ש י ת , ווערט דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון די

מענשען פון בריאת־העולם ביז אברהמ׳ן, און וועגען דעם לעבען פון אידישען פאָלק פון אברהמ׳ן ביז דעם טויט פון יעקב׳ן און יוספ׳ן אין מצרים. אין דעם אנדערען ספר, ש מ ו ת , ווערט דער־צעהלט וועגען דער קנעכטשאפט פון די אידען אין מצרים, וועגען משה׳ן, וועגען יציאת מצרים, וועגען מתן־תורה, וועגען דעם משכן אין מדבר און אויך די וויכטיגסטע געזעצען פון תורת־משה. אין דעם דריטען ספר, ו י ק ר א , ווערט גערעדט דער עיקר וועגען די דינים פון קרבנות אין דעם בית המקדש, וועגען די ימים טובים און וועגען דעם ווי אזוי עס דארף זיך אויפפיהרען דער מענש אין דער פאמיליע און אין דער געזעלשאפט. אין דעם פערטען ספר, ב מ ד ב ר , ווערט בעשריבען די וואנדערונג פון די אידען אין מדבר צווישען מצרים און כנען. אין פינפטען ספר, ד ב ר י ם אָדער משנה תורה, ווערען איבערגע׳חזר׳ט די וויכטיגסטע געזעצען, וואָס זיינען ענטהאלטען אין די פריהעריגע ספרים, און צו זיי ווע־רען צוגעגעבען נייע געזעצען און דינים, — הויכע מאָראַלישע לעהרען, וועלכע משה האָט אָנגעזאָגט ניט לאַנג פאר זיין טויט.

די צווייטע אָבטיילונג: נ ב י א י ם. דיזע אָבטיילונג בע־שטעהט פון צוויי חלקים. דער ערשטער חלק ענטהאלט די ספרים י ה ו ש ע , ש ו פ ט י ם , ש מ ו א ל און מ ל כ י ם , און ווערט אָנגערופען נ ב י א י ם ר א ש ו נ י ם . דאָ ווערט דערצעהלט די געשיכטע פון אידישען פאָלק פאר א משך פון זיבען הונדערט יאהר, פון דער צייט ווען זיי זיינען אריין אין כנען אונ־טער יהושע׳ן ביז׳ן חורבן ירושלים און גלות בבל. דער צווייטער טייל, וועלכער רופט זיך נ ב י א י ם א ח ר ו נ י ם , ענט־האלט די ספרים פון דריי „גרויסע“ נביאים — י ש ע י ה ו , י ר מ י ה ו און י ח ז ק א ל און צוועלף „קלענערע“ נביאים: ה ו ש ע, י ו א ל, ע מ ו ס, ע ו ב ד י ה, י ו נ ה, מ י כ ה, נ ח ו ם, ח ב ק ו ק, צ פ נ י ה, ח ג י, ז כ ר י ה ו, און מ ל א כ י. די ערהאבענע רעדעס פון די נביאים, וועלכע זיינען צונויפגעקליבען אין די דאָזיגע ספרים, זיינען א ווייטערע ענט־וויקלונג פון תורת־משה. די תורה און די נביאים צוזאמען נעה־מען ארום דאס גאנצע ביבלישע יודענטום.

די דריטע אבטיילונג: כ ת ו ב י ם . דאָ זיינען צונויפגע־

שטעלט סיי די אלטע, סיי די שפּעטערע רעליגיעז־מאָראַלישע, פּאָ־עטישע און פילאָזאָפישע ווערק פון די אידען. צוערשט קומט דער גרויסער ספר ת ה ל י ם, אָדער רעליגיעזע שירים, אַ סך פון וועלכע זיינען געזונגען געוואָרען אין ביתהמקדש פון די כאָרען פון די לויים. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיגע שירים טראָגען דעם נאָמען פון דוד המלך און זיינען פערבונדען מיט פּאַסירונגען פון זיין לעבען. דערנאָך קומט דער ספר מ ש ל י ש ל מ ה, וועלכער ענטהאַלט אַ סך קלוגע משלים און כללים ווי אַזוי צו לע־בען און זיך אויפפיהרען. נאָך „משלי“ נעהמט דער ספר „איוב“, וואו עס ווערט דערצעהלט דער שיקזאַל פון דעם ליידענדען איוב, וועלכער האָט פערלאָרען אַלע ערדישע גליקען און ער טענה׳ט וועגען דער גישטיגקייט פון מענשליכען לעבען. אין דער פאָרמע פון וכוחים צווישען איוב׳ן און זיינע חברים ווערט דאָ פאַנאַנדערגע־וויקעלט אַ טיעפע מאָראַלישע און רעליגיעזע פילאָזאָפיע. די ווייטערע פינף קליינע ספרים ווערען אָנגערופען מ ג ל ו ת. אין ש י ר ה ש י ר י ם ווערט אונטער דעם נאָמען פון שלמה המלך בעזונגען די שעהנקייט פון דער נאַטור, פון ליעבע און דאָס גליק פון יוגענד. אין „קהלת“ לאָזט זיך דער זעלבער מלך אריין אין טרויעריגע מחשבות וועגען דער צוועקלאָזיגקייט פון לעבען. אין דעם קליינעם ספר ר ו ת ווערט געשילדערט דאָס פריעדליכע דאָרפישע לעבען אין דער צייט פון די שופטים, און אין א י כ ה ווערען בעזונגען די ליידען פון די אידען אין דער צייט פון חורבן בית־המקדש. אין מגלת א ס ת ר ווערט דערצעהלט ווי אַזוי די פערסישע אידען זיינען געראַטעוועט געוואָרען פון המנ׳ס גזרה. דער לעצטער טייל פון כתובים בעשטעהט פון די שפּעטערע כראָניקען, ד נ י א ל, ע ז ר א און נ ח מ י ה. דאָ ווערט דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון די אידען אין דער צייט פון דער באַבילאָ־נישער און פערסישער הערשאַפט. צום שלום קומט דער ספר ד ב ר י ־ ה י מ י ם, וואו עס ווערט אין קורצען איבערגע׳חזר׳ט די אידישע געשיכטע פון די עלטסטע צייטען ביז דער ענדע פון גלות בבל.

אַזוי איז צוזאַמענגעשטעלט דער תנ״ך, וועלכער איז די פרוכט פון דעם גייסטיגען שאַפען פון אידישען פאָלק אין דעם

משך פון א גאַנצען יאָהרטויזענר. די דאָזיגע אַלטע ספרים ענט־האַלטען די העכסטע און טיעפּסטע אמת׳ן פון רעליגיאָן, מאָראַל און מענשליכען צוזאַמענלעבען. דערפאַר איז דער תנ״ך געוואָרען דאָס היילינע בוך ניט נאָר פון די אידען, וועלכע האָבען איהם געשאַ־פען, נאָר אויך פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, וואָס גלויבען אין אן איינציגען גאָט. אפילו די אַלטע אידישע שפּראַך, אין וועלכער דער תנ״ך איז געשריבען — אַ שעהנע, בילדליכע און קרעפטיגע שפּראַך, — ווערט אָנגערופען די היילינע שפּראַך, אָדער לשון־קדש.

כראָנאָלאָגיע פון די אידישע מלכים.

די מלכים פון גאַנצען אידישען פאָלק

שאול (ארום יאָהר 1967—1055)
דוד (ארום יאָהר 1055—1015)
שלמה (אָרום יאָהר 1015—977)

די מלכים פון מלכות יהודה (דוד'ס דינאַסטיע) :

רחבעם (977—960).
אבים (960—957).
אסה (957—918).
יהושפט (918—894).
יהורם (894—887).
אחזיתו (887).
עתליה (קעניגין, 880—886).
יואש (881—843).
אמציה (843—815).
א צייט אָהן אַ קעניג (815—805)
עוזיה (805—754).
יותם (754—739).
אחז (739—724).
חזקיהו (724—695).
מנשה (695—640).
אמון (640—638.
יאשיהו (638—608).
יהויקים (608—597).
יהויכין (597).
צדקיהו (596—586).

די מלכים פון ישראל :

ירבעם 1 (977—955).
נדב (955—954).
בעשא (954—933).
אלה (933—932).
א צייט אָהן אַ קעניג (932—928)
עמרי (928—922).
אחאב (922—901).
אחזיתו (901—899).
יורם (899—887).
יהוא (886—860).
יהואחז (860—845).
יהואש (845—830).
ירבעם 11 (830—769).
זכריה (769).
מנחם (768—757).
פקחיה (757—755).
פקח (755—735).
הושע (734—724).

אינדעקס

א

אבימלך, 91—93.
אברהם, 16—23.
אבשלום, 129—133.
אדום, 40, 66—67, 75.
אדם 9—12.
אהוד, 86—87.
אהל מועד, זעה משכן.
אהרן, 60, 61.
אחאב, קעניג 150 ; געצענדיענסט 155 ; קאמפף מיט אליהו 153 — 156 ; מלחמות, 156—159 ; טויט 158—159.
אחז, 188, 191—192.
אחזיהו, 159—160.
אחימלך, 117—118.
אחשורוש, 240.
אידען, אבשטאמונג, 38.
איזבל, 151, קאמפף מיט נביאים 151—153, 156 ; טויט 161.
אליהו הנביא, 153—156.
אליעזר, 22, 24.
אלישע, 159—160, 165.
אמורי, 66—67.
אמנון, 129.
אמציה, 166—167.
אסה, 157.
אסתר, 240.
אפרים, 28 ; שבט 42, 78—80. זעה מלכות ישראל.
אפים 148.
ארם, 73, 75.
ארם נהרים, זעה מעסאפאטאמיען.
ארץ־ישראל, זעה כנען.
אשור, 7, 73, 184—186.
אשר, 28, שבט 42, 68.

ב

בבל, 7, 73, 208—209.
בית־אל, 148.
בית־המקדש, גרינדונג 138—141; חורבן, 214, זעה אויך בית־שני.
בית־שני, 232—233.
בכורה 25—26.
בלעם, 67—68.
בלק, 67—68.
בנימין, 29 ; שבט, 42, 68.
בעל, 85.
בצלאל, 61.

ג

גבעון, גבעונים, 76—77.
גד, 28 ; שבט, 42, 68.
גדליהו, 217—218.
גדעון, 89—91.
גושן, 37, 41, 52.
גלעד, זעה עבר־הירדן.

ד

דבורה הנביאה, 87—89.
דוד, אבשטאמונג 114; ביי שאול'ן 114 ; זיעג איבער גלית, 115—116 ; קאמפף מיט שאול 116—117 ; וואנדערונג 117—120 ; קעניג 123—124 ; מלחמות, 124—126 ; אבשלום'ס מרידה 129—133 ; טויט, 135.
דור המדבר, 65—66.
דור הפלגה, 15—16; 38—39.
דינה, 28, 30.
דן, 28 ; שבט 42, 78—80.
דן, שטאָדט, 148.
דניאל, 223.
דריוש, 233.

ה

הבל, 12—13.
הגר, 20—21.
הושע, נביא, 186—187.
הושע, קעניג, 189—190.
המן, 240—241.
העברעער, זעה עברים.

ו

וועלט־בעשאפונג, 9—10 ; 38—39.

ז

זבולן, 28 ; שבט 42, 78—80.
זכריה, נביא, 242.
זכריה, קעניג, 184.
זרבבל, 231—233.

ח

חבקוק, 242.
חגי, 242.
חוה, 10—12.
חורב, זעה סיני.
חזקיהו, 192, 197—201.
חם, 15—16.
חתים, 75.

י

יאשיהו, 201—206.
יבוסים, 124.
יהוא, 160—163, 164, 165.
יהואחז, 165.
יהואש, 165—166.
יהודה, 28 ; שבט, 42. 78—80.
יהויכין, 209—210.
יהויקים, 206—209.
יהורם, 159.
יהושע, בעזיעגט עמלקים, 55 ; מיט די מרגלים 64 ; ווערט פיהרער, 69 ; עראָבערט כנען, 76—81 ; טויט 81—82.
יהושע, כהן גדול, 231, 233.
יהושפט, 157—159.
יואל, 242.
יואש, 164—166.
יונה, 242.
יונתן, 110, 117, 122.
יוסף, געבורט, 28 ; שנאה פון ברי־דער, 31—32 ; פערקויפט 32 ; אין מצרים 32 ; לעבען אין תפיסה, 33—34 ; ביי פרעה'ן, 34—35, 52. בעגעגעניש מיט ברידער, 35—37 ; בעגעגעניש מיט יעקב, 37—38 ; טויט, 38.
יורם, 159—161.
יותם, 188.
יחזקאל, 211, 223—225.
ים־המלח, 73.
ים־סוף, 50 ; קריעת ים־סוף 51.
יעקב, 24—38.
יפת, 15—16.
יפתח, 93—95.
יצחק, 20—24.
יציאת מצרים, 49—50.
ירבעם, 143, 144, 145—149.
ירבעם 11, 180—181, 184.
ירדן, 73 ; איבערגאנג איבער'ן 76.
ירושלים, 124 ; חורבן 212—214.
ירמיהו, 207—208, 210—212 ; 214—217, 218.
ישמעאל, 20—21 ; שבט, 39—40.
ישעיהו, 192—196, 200—202.
ישעיהו 11, 227—228.
יששכר, 28 ; שבט 42, 78—80.
יתרו, 45, 55—56.

כ

כהן, 61.
כורש, 226—230.
כנסת הגדולה, 239.
כנען, לאנד און איינוואוינער 73—76 ; עראָבערונג 76—77, חלוקה, 78—81.
כנענים, 75.
כנרת (ים), 73.
כרמל, 74.
כתובים, זעה תנ"ך.

ל

לאה, 27—28.
לבן, 23—24.
לבנון, 73.
לוחות, 59, 61.
לוט 17, 20, 39.
לוי, 28, שבט 42.
לויים, 61, 80—81.
ליטעראטור, 177—180. זעה אויך תנ"ך.

מ

מבול, 13—14, 38—39.
מדי, 226.
מדין, 39—40.
מואב, 20 ; פאָלק, 39, 66—67, 75.
מיכה, 242.
מלאכי, 233—234.

מלכות יהודה, גרינדונג, 146 ; אונטערגאנג, 214—219.
מלכות ישראל, גרינדונג 146 ; אונטערגאנג, 188—191.
מן, 55.
מנחם, 184, 186.
מנשה, 28 ; שבט 42, 68.
מנשה, קעניג, 201—202.
מעסאפאטאמען, 7.
מצות, 49—50.
מצרים, 7.
מרגלים, 63—64.
מרדכי, 240.
מרים, 44, 51.
משה, געבורט, 44; יוגענד, 45 ; אין מדבר, 45—46 ; קאמפף פאר בעפרייאונג, 47—49; יציאת מצרים, 49—51; מתן תורה, 56—59; מיט די אידען אין מדבר, 54—69; טויט, 69.
משכן, בויען פון, 61—63 ; פלאץ, 81 ; צושטערונג, 102.
מתן תורה, 56—59.

נ

נבוזראדן, 214.
נבוכדנצר, 208—225.
נביאים, זעה תנ"ך.
נח, 13—15.
נחום, 242.
נחמיה, 235—236, 237.
ניל, 42.
נפתלי, 28 ; שבט 42, 80—81.
נתן, 128—129.

ס

סדום, 17—19.
סוכות, 168.
סיריען, זעה ארם.
סיני, 46; זעה מתן תורה.
סנחריב, 198—200.
סעמיטען, 7—8.

ע

עבר-הירדן, 73; עראבערונג 67—68 ; חלוקה, 68—69.
עברים, 8, 40—41 ; זעה אויך אידען.
עגל, 59.
עובדיה, 242.
עוג, 67.
עוזיהו, 187—188.
עזרא, 234—235, 236.
עלי, 100—102.
עמון, 39, 75, 126.
עמוס, 182—184.
עמלקים, 55, 75, 112—113.
עמרי, 149—150.
עקדה, 21—22.
עשו, 24, 25—26, 29—30.
עשרה בטבת, 221.
עשרת הדברות, זעה מתן תורה.
עשרת השבטים, זעה מלכות ישראל.
עתליה, 163—164.
עתניאל, 86.

פּ

פאלעסטינא, זעה כנען.
פורים, 241.
פלשתים, 75, 95—98, 101—102, 104, 110—111, 115—116, 120—122, 125—126.
פסח, 50.
פקח, 186, 189.
פרם, 226.

פֿ

פעניציער, 75, 137—138.

צ

צדקיהו, 210—214.
צום גדליה, 221.
ציון, 74.
צפניה, 242.
צפרה, 45—46.

ק

קין, 12—13.
קינים, 53, 59.
קרח, 65.

ר

ראובן, 28, שבט 42, 68.
רבקה, 23, 26, 31.
רחבעם, 144, 149.
רחל, 27—28, 30.

רעליגיאָן, אין צייט פון אבות 17; צייט פון משה, 56—59, 70—72; צייט פון די צוויי מלוכות 175—177.

ש

שאול, אבשטאמונג, 106; מלך 106—107; מלחמות 107—116; קאמפף מיט דוד, 116—120; טויט 122.
שבט, אנפאנג פון 42.
שבעה עשר בתמוז, 221.
שבועות, 168.
שומרון, גרינדונג 149; חורבן 190.
שומרונים, 191, 232, 237.
שופט, 84.
שיבת ציון, 228—231.
שלה, 61, 81, 102.
שלום, 184.
שלמה, געבורט, 129, קעניג 184; זיין חכמת, 135—137; ענט־וויקעלט האנדעל, 137—138; בויט בית־המקדש, 138—141, צושטאנד פון לאנד, 141—144; טויט, 144.
שמואל, געבורט 102—103; שופט און נביא 104—107. זעה אויך שאול.
שמעון, 28; שבט 42, 80.
שמשון, 95—98.
שם, 15—16.
שרה, 18, 20, 22.

ת

תורה, זעה תנ"ך.
תנ"ך, 241.
תשעה באב, 221.